STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08488

TSER UN FREYD

Leib Morgntoi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב מאָרגנטוי / צער און פרייד

לייב מאָרגנטוי

לייב מאָרגנטוי

צער און פרייד

לידער און פּאָעמען

1928 — 1968

יובל־אויסגאַבע

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב

תשכ"ט — 1968

LEIB MORGENTAU / ZAAR UN FREID

לייב מאָרגנטוי / צער און פרייד

הילע געצייכנט: יוסף מאָרגנטוי

דערשינען מיט דער מיטהילף
פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל
און פון יוסף ווינעצקי־פאָנד
ביים יידישן פען־קלוב אין ניו־יאָרק

אַרויסגעגעבן פון אַ יובל־קאָמיטעט לכבוד פערציק יאָר שאַפן
פון לייב מאָרגנטוי

©

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל, תשכ״ט
Printed in Israel, 1968

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

געהייליקט

דעם אָנדענק פון מײַנע טײַערסטע — די קדושים:
מײַן פאָטער — אליעזר ב״ר יוסף,
ברידער — אברהם און שרגא־פײַוול,
שוועסטער — טײַבל און אידאַ
און זייערע משפחות,
אומגעקומען דורך די הענט פון די היטלעריסטישע
רוצחים, אין די יאָרן 1941—1942 אין פינסק.

יובל־קאָמיטעט:

אברהם סוצקעווער — רעדאַקטאָר פון „די גאָלדענע קייט" — **פאָרזיצער**

חיים גבתי — מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט

משה קול — מיניסטער פאַר טוריסטיק

אברהם אבן־דר — (רב פקד), פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונעם פאַרבאַנד פון פּינסקער אין ישראל

יצחק אײַזנבערג — זשורנאַליסט

פנחס אילון — בירגערמייסטער פון חולון

ש. אַפּטער — סעקרעטאַר פון יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק

י. אַרטוסקי — רעדאַקטאָר פון „לעבנס־פראַגן"

ישראל בעקער — שוישפּילער און רעזשיסער פון „הבימה"

יעקב ברזילי — פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון פּינסקער אין ישראל

איסר בריסקי — וויצע־פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון פּינסקער אין ישראל

ניוסיאַ גאָלד — וואָרט־קינסטלערין

אליהו גאָלדענבערג — וואָרט־קינסטלער

מאַקס גלייבערמאַן — סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג אין די דרום־שטאַטן פון אַמעריקע

משה גראָס־צימערמאַן — פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל

שמעון דזשיגאַן — שוישפּילער

זלמן הירשפעלד — שוישפּילער

אַרקע ווײַנער — זשורנאַליסט — גבת

מרדכי חלמיש — גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל

דוד לוצקי — זשורנאַליסט

אברהם ליס — דירעקטאָר פון שלום־עליכם הויז אין תל־אביב

יוסף מגן — רעדאַקטאָר פון „אילוסטרירטע וועלט־וואָך"

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו — עסייאיסט — (אַרגענטינע)

דב סדן — פּראָפעסאָר פון דער יידיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט

מרדכי צאַנין — רעדאַקטאָר פון „לעצטע נייעס"

חיים לייב פוקס — פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק

לייב פײַנבערג — פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק

ד"ר זאב ראַבינאָוויטש — רעדאַקטאָר פון „ספר פּינסק" — א'

י. צ. שאַרגעל — ליט. רעדאַקטאָר פון „ישראל־שטימע"

אריה שמרי — רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג „ישראל־בוך"

נחום שרון — סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל

נחמן תמיר — רעדאַקטאָר פון „ספר פּינסק" — ב'.

* *
*

דער יידישער דיכטער לייב מאָרגנטוי פון פינסק טראָגט־צו דעם לייענער — מיט אָט דעם בוך — אן אָפּקלייב פון זיינע יצירות פאר פערציק יאָר צייט: לידער און פּאָעמעס, באלאדעס און קינדער־געזאנגען, וואָס זענען א געטריי בילד פון דעם פּאָר־געקומענעם, פון דעם פארלאָפענעם פאר אָט דער תקופה.

ווילט איר, איז דאָס א לעבנס־געשיכטע פון א יידישן מענטש, וואָס האָט געלעבט אין איינעם פון די לעבעדיקסטע פונקטן פון יידישער פּראָווינצלטקייט, אַ היים־פונקט, וועמען פייער און בראנד האָבן אויסגעמעקט פון ספר־החיים; ווילט איר, איז דאָס א פיינלעך־רעאלע נאראציע וועגן א געגנט פון יידן און נישט־יידן, א העק — א גרויער, א כמורנער, א הונגעריקער — וואָס האָט אָבער די יידן זיינע אויסגעהאקט פון זיך נישט נאָר מיט העק... און מעגן די טעמעס פון די לידער זיין פארשידן, רייסט זיך דער דאָזיקער מאָטיוו און פארפלייצט אונדז, באהערשט.

צוויי יאָר פאר דעם בלוטיקן מבול, אין יאָר 1937, האָט דער מחבר פון אָט־דעם בוך, לייב מאָרגנטוי, זוכה געווען, אז א קאָמיטעט אין באשטאנד פון געלערנטע יידן אין פינסק: ד״ר י. מאנדלבוים (א שוואָגער פון משה בראָדערזאָן), פּראָפ. ח. באלאבאן און י. האָלצמאן, זכרונם לברכה, זאָלן העלפן ארויסגעבן זיין ערשט בוך: „אויף פּאָלעסיער ערד״. זיי האָבן צוזאמען מיטן מחבר צונויפגענומען די לידער און פּאָעמעס, די ביז דאן דערשינענע „אויף די שפאלטן פון דער אָרטיקער פרעסע און אין באדייטנ־דיקע ליטעראַרישע זשורנאלן און צייטונגען״, און דער דעמאָלט שוין בארימטער דיכטער און עסייאיסט ש. ז א ר אָ מ ב האָט אין זיין פאָרוואָרט צו אָט דער לידער־זאמלונג געשריבן צווישן אנדערן, אז ל. מאָרגנטוי וועט זיך פארדינען אויפן טיטול: „דער זינגער פון פּאָלעסיע״. איז געקומען דאָס יאָר 1939, און אין זיינע טריט — חורבן און אומקום. פּאָלעסיע האָט נישט געקענט פארהיטן דעם באזינגער אירן. פיין, נע־ונד, אויסגערונענע האָפענונגען און אידעאַלן האָבן דעם דיכטער דערווייטערט פון „זיין״ ערד, ביז דעם נאַטירלעכן צוריקאויפלעבן אין דער אייגענער היים.

איז אָבער לייב מאָרגנטוי געוואָרן אויס פּאָלעסיער?

שווער דאָס צו זאָגן.

נאָך היינט, און טאקע די איצטיקע זאמלונג, וואָס אויך זי ווערט ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון באדייטנדיקע יידישע פערזענלעכקייטן פון אונדזער צייט און פון חשובע פּאָרשטייער פון דעם פינסקער איבערלייב — באַווייזט, אַז דער פּאָלעסיער מאָטיוו איז דער דאָמינירנדיקסטער ביים דיכטער.

אויך אין זיינע לידער, געשאפענע אונטער די בלויע, זוניקע הימלען פון ארץ־ישראל, פילט זיך דער צער און פראָטעסט פון איבערגעלעבטן. די פּינא און די אַנדערע ארום־פּינסקער טייכן און טייכלעך, די פארכמארעטע, אָנגעברוגזטע, תמיד־פייכטע פּאָלעסיער הימלען האָבן געלייגט זייער חותם אויף דעם יידישן זינגער פון יענער געגנט.

אָבער נישטאָ קיין בעסערע היסטאָרישע באווייזן פאר אונדזערע געוועזן לעבן, ווי דאָס ליד דאָס דיכטעריש־עכטע, די דערציילונג, די מאָלעריי, סקולפּטור, מוזיקאַלישע שאפונג א.א. אין זיי איז פאראייביקט אָרט און געשעעניש אויפן געטרייסטן אופן. און לייב מאָרגנטוי פון פּינסק האָט זיין שליחות אויסגעפירט בשלימות. פּינסק און די פּינא, פּאָלעסיע און איר אומעט לעבן דאָ זייער עכט און באַשיידן לעבן.

פערציק יאָר שאפן, אויב דאָס ווערט נישט געציילט אין כמות, מוז קומען די איכות און זיך גלייכוועגן מיט דער צייט — ווערט קעגן ווערט. און טאקע אָט דאָס בוך, וואָס לייב מאָרגנטוי ברענגט איצט דעם לייענער, ווי דעם אראָפּנעם פון זיינע פעלדער און ביימער פאר פערציק יאָר צייט, — מיט זיין אייגענעם טאָן, מיט זיין אייגענעם טרויעריקן אָבער אויך לייכט־שפּילעוודיקן ניגון, — וועט מיט אָט דעם איכות זיינעם באַשטעטיקן זיין פרוכטיקן וועג און זיין באַדייטנדיקן ווערט.

מיט נייער יצירה, אין וועלכע דער ירדן וועט צודעקן אַלע פּינסקער בלאָטעס און פינאס — פּאָרויס צו נייע פערציק!

י. צ. שאַרגעל

אַ וואָרט פון מחבר

שטיל, ווי דער פינאַ־טײַך, איז מײַן לעבן געפלאָסן צווישן וואַלד און פעלד, זומפּן און אָזיערעס — מיט ווילד־גראָז אַרומגעזוימט — אויף מײַן היימישער פּאָלעסיער ערד. און מיר דוכט, אַז פון מײַן פריסטער קינדהייט אָן האָט מײַן אויג אויפגעכאַפּט די טרויעריקע בליקן פון דער דאָזיקער נאַטור, פון יעדן שפּאַן ערד, פון יעדן בוים, בלום, גרעזל, זומפּ און וויסטעס, און איך האָב זייער שטומען פליסטער און געבעט דערהערט:

— פּאַרנעם אונדזער צער, לינדער אונדזער עלנט, טו אָן אין לבוש פון וואָרט אונדזער ווייטיק, בענקשאַפט און טרוימען, גיב אונדז אַ תּיקון!

אַזעלכע זענען, דוכט מיר, אויך געווען די בליקן פון מײַנע ברידער, די טײַערע ייִדישע פּאָלקס־מענטשן און האָרעפּאַשניקעס, וועלכע זענען געווען, ווי אַ לעבעדיקער טייל פון דער דאָזיקער פּאַרגעסענער אָרעמער ערד. פון די דאָזיקע בליקן האָב איך מײַן ערשט ליד אויסגעשפּונען און אַזוי איז אַנטשטאַנען מיין געזאַנג וועגן פּאָלעסיע.

פערציק יאָר זענען פאַריבער זינט איך האָב דאָס ערשטע בלימל פון מײַן לידער־גאָרטן אָפּגעריסן. פערציק יאָר — פערציק אייביקייטן!.. אַ פײַערדיקער שטורעם האָט מײַן היים פאַרוויסט... מײַנע טײַערסטע פאַרשניטן... אַלץ פאַרלענדט...

עפּעס אַ נס, ווי אַ האַנט פון אַ מלאך, האָט מיך אין דער לעצטער רגע פון פײַער אַרויסגעריסן און דאָס נאַקעטע לעבן געראַטעוועט... פון מײַנע ווײַטע וואַנדער־וועגן בין איך נאָך די גרויליקע מלחמה־יאָרן צוריקגעקומען אויף די חורבות און קברים פון מײַן אַמאָליקער היים, וווּ קײַן זכר איז פון מײַן פריערדיק לעבן נישט פאַרבליבן... און דאָרט — בײַ די ברידער־קברים האָט זיך פון מײַן צעווייטיקט בלוטנדיק האַרץ מײַן ערשט מיט טרערן־דורכגעזאַפּט קדיש־ליד אַרויסגעריסן... און דאַן

איז געשען, אַז פון אונטער די אַשן און גרוזן פון מײַן חרובער היים איז דאָס פאַרברענטע ליד מײַנס װעגן לעבעדיקן לעבן תחיית־המתים אויפגעשטאַנען און האָט זיך מיט מײַן קדיש־געזאַנג אין איין גאַנצקייט צונויפגעגאָסן, װי אַ לעבעדיקע מצבה אויפן קבר פון אַ דורותדיק יידיש לעבן, װאָס איז אַזוי מערדערלעך פאַרשניטן געוואָרן...

טרויעריקע װינטן האָבן מיך שפּעטער פון ערד צו ערד געטריבן, װוּ איך האָב געוואָלט אַ ביסל רו און טרייסט געפינען, ביז איך בין דערשוומען צו מײַן נײַעם היים־ברעג: ישראל, װוּ איך האָב מיט האָפענונג און ליבשאַפט מײַן נײַ געזאַנג אָנגעהויבן.

און אַזוי איז אַנטשטאַנען מײַן זאַמלונג „צער און פרייד״, אַ בוך, אין װעלכן איך האָב אײַנגעזאַמלט די מי׳ פון פערציק יאָר שאַפן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ, װאָס איך האָב אין משך פון דעם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט אָנגעשריבן, איז אַרײַן אין דעם באַנד. פיל פון מײַנע שאַפונגען זענען בעת דער צווייטער װעלט־מלחמה פאַרלוירן געגאַנגען. אַ גאַנצע ריי לידער מײַנע האָב איך צוליב טעכנישע, װי אויך אַנדערע סיבות נישט געקענט אַרײַננעמען אין דער דאָזיקער זאַמלונג און זיי געלאָזט פאַר אַ װײַטערדיקער אויסגאַבע.

אין דעם איצטיקן באַנד האָב איך אַרײַנגעגעבן אַן אָפּקלייב פון לידער און פּאָעמען פון כמעט אַלע תקופות און זשאַנערן פון מײַן שאַפן, און איך מיין, אַז פון די געגעבענע זאַכן װעט מען קאָנען באַקומען אַ פאָרשטעלונג פון מײַן שאַפונגס־װעג אין משך פון די פערציק יאָר.

✶

מײַן האַרציקסטן דאַנק די אַלע, װעלכע האָבן מיר געהאָלפן בײַם אַרויסגעבן דעם בוך, און באַזונדערס — מיין טײַערן חבר און פרײַנד, דעם דיכטער אברהם סוצקעווער, װעלכער האָט געטאָן אַלץ, װאָס אין זײַנע מעגלעכקייטן און אפשר נאָך פיל מער, אַז מײַן בוך זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן.

מײַן בעסטן דאַנק אויך מײַן איבערגעגעבענעם פרײַנד, דעם דיכטער י. צ. שאַרגעל, פאַר דער חברישער מיטהילף, װאָס ער האָט מיר אַרויס־געוויזן בײַם צוגרייטן מיין בוך צום דרוק.

ל. מ.

אויף פּאַלעסטינער ערד

אויף פּאָלעסיער ערד

אויף פּאָלעסיער ערד,
ווו די שטילקייט יערט,
ווו דער עלנט בליט
אונטער יעדנס טריט,
האָט די מאַמע מיך
צווישן ווענטלעך פיר,
אין אַ בלינדער נאַכט
אויף דער וועלט געבראַכט.

אויף פּאָלעסיער ערד,
אין מײַן גרויער היים,
ווו דער אומעט נערט
יעדן גראָז און בוים,
ווו עס טריפט מיט צער
יעדער בלאַט און צווײַג,
ווייטיקדיק־פאַרטראַכט
בלאָנקע איך און שווײַג...

ווילד און זומפּיק לאַנד
גריסט מיך און באַגלייט;
איבער טויזנט שפּאַן —
קוים איין טראָפּן פרייד...
קלײַב איך פונק צו פונק,
זאַמל שטראַל צו שטראַל,
ביז מײַן האַרץ ווערט פול,
ווי אַ פולער קוואַל.

פּינסק, 1936

ס׳איז נאַקעט נאָך די ערד

ס׳איז נאַקעט נאָך די ערד
און ס׳מאַכט די לופט שוין שיכּור.
ס׳איז פול הײַנט יעדעס לוזשקעלע
מיט בלענדנדיקן ליכט.
איך קוש זיך אַ פאַרליבטער הײַנט
מיט יעדן יונגן ווינטל,
וואָס גלעט אוים יעדעס רונצעלע
און קנייטש אויף מײַן געזיכט.

מײַן לײַב זייגט, ווי אַ בוים, הײַנט
פון מאַמע ערד די זאַפטן,
ווי קנאָספּן מײַנע חושים
צעעפענען זיך וואַך.
עס זינגט מײַן בלוט הײַנט פריידיק,
ווי העלע פרילינג־שטראָמען,
כ׳בין זאָרגלאָז, ווי די טײַבעלעך,
וואָס וואָרקען אויפן דאַך.

איך פיל נישט הײַנט די לאַסט,
וואָס דריקט אויף מײַנע אַקסל,
און כ׳שפיר נישט איצט קיין גאַל
אין קיינעמס, קיינעמס רייד.
מיר גלוסט זיך הײַנט די וועלט
אַרומנעמען מיט ליבשאַפט,
זאָל יעדערער דערפילן
מײַן וואונדערלעכע פרייד!

ווײַל אָרעם איז די שפּראַך
מײַן גליק הײַנט צו דערציילן.
מײַן פֿול, צעזונגען האַרץ
גייט איבער הײַנט די ברעגן.
כ׳בין וואַך צו יעדן קלאַנג,
כ׳בין וואַך צו יעדן ציטער,
וואָס טראָגט זיך אין דער לופֿט
פֿון פֿעלדער און פֿון וועגן.

פֿאַרנעם איך אין דער שטיל
די סודות פֿון יצירה,
דאָס שפּראָצן פֿון אַ לעבן,
וואָס גייט אויף יונג און נײַ.
און ס׳איז מיר הײַנט פֿאַרשטענדלעך
די שפּראַך פֿון צווײַג און גרעזל,
און קלאָר איז מיר דאָס לשון
פֿון דומם און בעל-חי.

איך טראָג דעם בלויען הימל
אַצינד אין מײַן נשמה,
עס גייט אויף און עס שײַנט
די זון אין מײַן געמיט.
איך וואַש זיך אין די מילדע,
יונג-פֿרילינגדיקע רעגנס
און כ׳פֿיל, אַז איך צעבלי זיך באַלד
מיט ראָזלעך-ווײַסן צוויט.

און כ׳פיל, עס עפנט זיך פאַר מיר,
ס׳צעפּראַלט זיך טיר און טויער,
נישטאָ פאַר מיר קיין צוימען היַינט,
נישטאָ פאַר מיר קיין ווענט,
נישטאָ פאַר מיר קיין ווייטיק איצט,
נישטאָ פאַר מיר קיין טרויער,
היַינט זענען וויַיסע פליגלען
מיַינע קנאָכעדיקע הענט!

פינסק, 1932

פרילינג

איך האָב געהערט:
דאָס ערשטע בלימעלע אין פעלד
האָט מיט ליבשאַפט
אָנגערופן היינט דיין נאָמען,
געשיקט צו דיר אַ לויב
פאַר זון,
פאַר רעגן
און פאַר טוי,
פאַר אַזוי פיל פאָטערלעכן גנאָד, —
דאָס קליינע בלימעלע אין פעלד
האָט היינט געזען דיין פנים,
גאָט!

און דאָס ווערעמל
וואָס פויזעט אויף דער ערד,
איז היינט נישט מער געווען מקנא
די שמעטערלינגען און די בלומען —
דאָס ווערעמל האָט פליגל היינט באַקומען!
און מיט די אָדלער אין די הייכן
זיך פאַרמאָסטן...

און ס'האָט זיך היינט דער שטומער שטיין
צעבליט
מיט זון,
מיט גרין,
מיט זילבערדיקן צווייט

און האָט פֿאַרטונקלט
לײַכטנדיקע מעטעאָרן...

דער שטומער האַרטער שטיין
אַ זינגענדיקער ברודער
איז מיר הײַנט געוואָרן...

פינסק, 1937

מיט די ערשטע פרילינג־ווינטן

מיט די ערשטע פרילינג־ווינטן הייב מיך אויף,
ס׳וויל מײַן האַרץ אַ פלינקער פויגל ווערן —
איך וויל שוועבן, ווי אַן אָדלער, צו דער זון,
איך וויל פליִען אין די ווײַטן, ווי אַ שטערן!

וויפל שיינקייט האָט מײַן אויג נאָך נישט געזען,
וויפל לענדער האָט מײַן פוס נאָך נישט באַטראָטן.
לאָז מײַן אויג באַגריסן זייער פּראַכט,
לאָז מיך זאַט ווערן מיט זייער ליכט און שאָטן!

מיט די ערשטע פרילינג־ווינטן הייב מיך אויף,
ס׳וויל מײַן גוף אַ לײַכטער וואָלקן ווערן —
בלויע הימלען; גליִענדיקע זון;
פעלדער שמאַכטן, לעכצנדיק נאָך רעגן —

וויל מײַן האַרץ פאַרנעמען דאָס געבעט,
וויל מײַן גוף זיך אויפלייזן אין רעגן —
זאָלן פעלדער אויפזינגען מיט זעט,
זאָל די שפע איבערגיין די ברעגן!

פּינסק, 1936

כ׳האָב געוואָלט היינט אָנשרייבן אַן אומעטיק ליד

כ׳האָב געוואָלט היינט אָנשרייבן אַן אומעטיק ליד
וועגן עלנט און צַער,
האָט פרילינג אַריינגעזונגען אין מיין צימער יונג־צעבליט,
האָט פרילינג מיין עלנט אויסגעלאַכט...

האָב איך זיך פאַרשעמט און האָב געוואָלט
אָנשרייבן אַ ליד וועגן פרילינג און פרייד,
האָט זון פאַרבלענדט מיין אויג מיט גאָלד,
האָט פאַרשיכּורט מיך די שיינקייט פון אַ קווייט.

באַרוישט פון דער שפע, פון פאַרב און קלאַנג,
האָב איך דאַן פלוצעם דערזען און דערפילט:
דער פרילינג איז רייכער פון רייכסטן געזאַנג,
דער פרילינג איז שענער פון שענסטן ליד...

פינסק, 1936

איך וויל מיט אײַך זיך טיילן

כ'האָב הײַנט פון פולע הויפנס זון געטרונקען,
שפּאַן איך איצט אַ זוניקער אויף שטרעקעס פון דער וועלט.
ס'האָבן הײַנט אַ גאַנצן טאָג געאָטעמט מײַנע לונגען
מיט ערד־ריחות, מיט לאָנקע־גראָז, מיט אַראָמאַט פון פעלד.

בין איך הײַנט אַ יינגלשער, אַ האָפּערדיקער עושר
פון אוצרות, אוצרות גאָלדיקע — אַזויפיל דעסיאַטינען,
פון ווייצן־גאָלד, פון קאָרן־גאָלד, פון זונען־גאָלד — אַ שפע!
ווער ציילן קען, ווער מעסטן קען די גאָלדיקע אַרשינען?...

וועל איך הײַנט בײַם אָוונט־רויט מײַן רויטע טיר צעפּראַלן.
איך וועל מײַן גליק די שטערן, די בלוי־זילבערנע דערציילן.
אויף הארטע גאַסן, שטיינערנע, מײַן שטים וועט הילכיק שאַלן:
— ווער וויל מײַן האַרץ, מײַן זוניק האַרץ? — איך וויל מיט אײַך זיך טיילן!

1929

האָט דאָרף זיך

האָט דאָרף זיך אין בלויען קאַיאָר שוין געפּעדערט
מיט סערפּן און פערד איַינגעשפּאַנטע.
דאָרפישע טעכטער, ווי סאָסנעס,
און דאָרפישע יונגען, ווי לייבן —
מיט בראָנדזענע נאַקנס און אָרעמס,
מיט גריוועס און פאַרביקע טיכער.
אַריבער דעם זאַמדיקן שליאַך,
און אין פעלד,
און עס האָט זיך דער שניט אָנגעהויבן.

וויגן זיך גאָלדענע זאַנגען, ווי לאָקן,
ווי זוניקע כוואַליעס און שמייכלען:
נאַ, נעם אונדז, דו אָרעמער פויער,
נאַ, נעם פאַר דיַין מיזאַמער אַרבעט!
און ס'מישן זיך גלאַנצן פון סערפּן
מיט אויגן, ווי אָזיערעס בלויע.
עס ברענט אונטער הענט,
און עס וואַקסן
און ס'ציילן זיך הונדערטער גאַרבן.

און דאַן,
ווען דער טאָג נעמט אין רויט-גאָלד זיך שמעלצן,
שוין ציִען זיך פורן באַלאָדן,
מיט ברכה פון בלוטיקער פּראַצע,
מיט שפע פון ליכטיקע בייטן.

און מידע געזאַנגען באַגלייטן.
עס פּערלט זיך שוויים אויף די שטערנס...
מען פירט אין די טונקעלע שײַערס
די פרישע און גאָלדענע ברויטן.

פינסק, 1930

סוף־זומער־פֿאַרנאַכטן

סוף־זומער־פֿאַרנאַכטן אויף שטעטלעך פֿאַלעסיער,
דער טאָג איַילט אַלץ פֿריִער און פֿריִער אַהיים.
דער אומעט צעוויקלט זיך ברייטער און גרעסער
און הימלען, ווי פֿאַרמעטן, שוויַיגן געהיים...

פֿאַרבענקטע פֿאַלעסיער סוף־זומער פֿאַרנאַכטן.
דאָס שטעטל ווערט קלענער, פֿאַרטוליעט אין זיך.
אים שרעקן די נאַקעטע פֿעלדער, וואָס וואַרטן,
אים שרעקן די שקיעות, ווי וואַקסענע ליכט...

און ווינטן אויף נאַכטלעגער קומען אַהערצו,
און שטילן דעם הונגער מיט שטרוי פֿון אַ דאַך.
זיי אָטעמען אויסעט פֿאַריתומטע קרעכצן
און וויַיניקע פֿיַיכטקייט פֿון ווערבע און סכך...

פּינסק, 1932

כ׳האָב ליב דעם דופט דעם ווײַניקן

כ׳האָב ליב דעם דופט, דעם ווײַניקן פון פעלנדיקע בלעטער,
די מאָנאָטאָנע פאַרביקייט, וואָס זינגט צו מיר איר שיר,
כ׳דערזע מײַן לעבן בולטער און ליב ווערט מיר דער שפּעטער.
ס׳פאַרשיכּורט מיך די ניכטערקייט, וואָס רײַסט זיך אין מײַן טיר.

כ׳האָב ליב די מילדע ליכטיקייט פון גאָט-געבענטשטן אומעט,
די שווײַגנדיקע טעג, וואָס זאָגן גאָרנישט צו...
ווען כ׳ווייס, אַז פרייד פאַרלאָשענע וועט פאַרביקער נאָך קומען,
ווען דורכזיכטיק איז מײַן געמיט און הייליק איז די רו.

עס ווערט די בענקשאַפט שענער דאָן און לינדער יעדער ווייטיק.
מען מוז צו וועמען תּפילה טאָן, דאָס האַרץ ווערט פרום און גלייביק.
די איינזאַמקייט ווערט טײַערער און ס׳איז קיין פרײַנט נישט נייטיק...
און דעמאָלט ווערט פאַרשטענדלעך מיר, פאַר וואָס די וועלט איז אייביק — —

פינסק, 1932

יונג־האַרבסט

פֿאַלן לעצטע זומער־טעג, ווי לעצטע גלאָקן־קלאַנגען
נאָך אַ פֿײַערלעכער, פֿאַרביקער און הייליקער פּראָצעסיע...
אויף לעצטע רויזן — טראָפּנס טוי פֿינקלען אויף און צאַנקען,
ווי חלומות ראָזע אין מײַן אָרעמער פּאַלעסיע.

צאַנקט די לעצטע פֿרייד שוין און איך פֿיל נישט קיין באַדויער,
איך בין דעם האַרבסט, דעם גאָלדיקן, אַ טרײַ און גינציק קינד.
עס רויכערט העל אין מיר זײַן דורכזיכטיקער טרויער,
זײַן דורכזיכטיקער טרויער — מיט דער פֿרישקייט פֿונעם ווינט.

עס שפּילט זײַן ווייכער, ווונדערלעכער צער אין מײַנע אויגן,
זײַן מאַטע רויטקייט ריזלט אין די שטראָמען פֿון מײַן האַרץ.
עס שוימט אין מיר די צײַטיקייט פֿון סקירדעס און פֿון סטויגן —
איך בין אַליין אַן ערנסטער און ליכטיק־יונגער האַרבסט...

עס זינקען רויק מײַנע טריט אין רויטן גאָלד פֿון וועגן,
ווען כ׳בלאָנדזשע איבער קברים פֿון ראָזן, צאַרטן גליק...
מיר דוכט — איך בין גאָר קיין מאָל נישט קיין לוסטיק קינד געוועזן,
כ׳האָב אײַנגעזאַפּט דעם ערנסט פֿון מײַן מוטער נאָך אין וויג...

איך האָב אַזויפֿיל העלע טרייסט אויף רויטע האַרבסט־וועגן געפֿונען!
בין איך דעם האַרבסט, דעם גאָלדיקן, אַ טרײַ און גינציק קינד.
עס שפּילן פֿידלען אין מײַן בלוט, אין נעפּלען פֿון מײַן אומעט,
ווען ס׳לעשט אַן אָפּענעם לאַמטערן אין דער נאַכט דער ווינט...

פּינסק, 1930

אין אַ רעגן־נאַכט

אַ קאַלטער רעגן האָט געפּלייצט אַ גאַנצע נאַכט.
דער ווינט הינטער מײַן טיר האָט יאָמערלעך געלאַכט,
און איך — בין לאַנג געלעגן וואַך,
איך האָב געהערט, ווי ס׳ווײנט איבער מײַן קאָפּ דער דאַך...
און ווי עס יאָמערט יעדער שטיין פון טראָטואַר,
ווי די עלעקטרי־סלופּעס ברומען הויך פאַר צַער,
און יעדעס ברעטעלע און ברעט
פון פּלויט ביים פענצטער ציטערט מיט געבעט...

און ס׳האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ
אויף יעדן האַרטן שטיין פון ברוק,
אויף יעדן שינדעלע און סלופּ,
וואָס האָבן נישט ווו שיצן זיך אַצינד
פון קאַלטן רעגן און פון ווינט...

און כ׳האָב אין ציטער פון געוויין
געהערט געשריי פון האָלץ און שטיין:
„פאַרשאָלטן יענע האַנט זאָל זײַן,
וואָס האָט געבראַכט אונדז דאָ אויף פּײַן,
געבראַכט אויף הפקרשן באַראָט
אין וויסטן עלנט פון דער שטאָט”...

ס׳האָט ברעט און סלופּ געבענקט צוריק
צו ווײַטע טעג פון העלן גליק,
געבענקט צוריק צום בוים־געשטאַלט,
געבענקט צום וואָוּיצל און צום וואַלד,

און צו דער דיקער קאָרע־שאָל,
וואָס טרײַ געוואָרעמט האָט אַמאָל,
און צו דער גרינער בלעטער־קרוין,
און צו דעם וועלפישן געוויין...

און יעדער שטיין געבענקט האָט היים
צוריק צו ווייכער מוטער־שוים,
צוריק צו שוים פון מאַמע ערד,
וואָס האָט געשיצט אים און גענערט...

1936

האַרבסט־גאָלד

(טריִאָלעטן)

רויטלען זיך די לעצטע רויזן
אויפֿן אָפּגעלעבטן בייט,
וואַרטן אָפּ די שעה פֿון טויט...
אָטעמען די לעצטע רויזן
מיטן דופֿט פֿון מיידל־קרויזן
און הויכן אויס די לעצטע פֿרייד;
רויטלען זיך די לעצטע רויזן
אויפֿן אומעטיקן בייט...

לעצטע גרינקייט, ווי אַ זכר,
שמייכלט נאָך צום הימל־בלוי,
ווי אַן אָפּגעבליטע פֿרוי
בלײַבט פֿון שיינקייט בלויז אַ זכר...
און אין קילן בלומען־בעכער
פֿינקלט שוין דער לעצטער טוי;
לעצטע גרינקייט, ווי אַ זכר,
שמייכלט נאָך צום הימל־בלוי.

ליגט דער שטאַרבנדיקער זומער
רויט־צעפֿלאַקערט אויף די וועגן.
ס'ברענט זײַן גאָלדיקער פֿאַרמעגן...
ליגט דער שטאַרבנדיקער זומער,
אַזאַ הילפֿלאָזער, אַ שטומער...
פֿלייצט זײַן בלוט דער זון אַנטקעגן.
ליגט דער שטאַרבנדיקער זומער
רויט־צעבלוטיקט אויף די וועגן...

שמעקט מיט ווײַן אין די אַלייען
אין די פּורפּורנע פאַרנאַכטן,
ס'גלוסט זיך דאַן אויף עפּעס וואַרטן...
אין די דופּטיקע אַלייען
פילסטו, ווי די רגעס גייען
און ס'איז אָנגענעם צו טראַכטן.
שמעקט מיט ווײַן אין די אַלייען
אין די פּורפּורנע פאַרנאַכטן.

אויסגעזונגענע חדשים...
אויסגעלאָשענע ראָמאַנען...
שווײַגן איצט די פאַרטעפּיאַנען.
אויסגעזונגענע חדשים,
אַט געווען און אָט נישטאָ שוין...
איצט — וואָס קען מען שוין פאַרזאָמען?
זים-פאַרשווומענע חדשים,
אויסגעוויטיקטע ראָמאַנען...

בלײַבט פון גליק און פרייד פון זומער
אין ברוין-גאָלדיקע אַלבאָמען
נאָך אַ בילד און נאָך אַ נאָמען...
בלײַבט פון גליק און פרייד פון זומער
אַזאַ בענקשאַפט, אַזאַ אומעט,
און אַ וויטיק אָן אַ נאָמען...
זיפּצט דאָס גליק און פרייד פון זומער
אין ברוין-גאָלדיקע אַלבאָמען...

פּינסק, 1928

אין רעגן־טעג

אין רעגן־טעג אין שטילע,
ביי שטימונגען פון נעילה,
גייט אויף אַ הייסע תפילה
אין יעדערנס געמיט,
און איבער שטוב און מויער,
און איבער טיר און טויער,
שפּאַנט אום דער זיידע — טרויער,
מיט שרעקנדיקע טריט...

אין רעגן־טעג אין בלייכע,
ווען קיינער איז נישט זוכה
פון הימל־שטרעקעס הויכע —
אַ טראָפּן זונען־גאָלד;
דאַן איבער פרעמדע שוועלן
גייט אום דער גייסט פון עלנט,
און פאַר אַ טרוים אַ העלן,
ער מאָנט דיך שטרענג: באַצאָל!...

אין רעגן־טעג — באַגינען,
קאָשמאַרן דאַן צערינען,
דאַן גלוסט זיך מיר געפינען
דעם בריוו־טרעגער ביים טיר,
וואָס וואַרט נישט אויף מיין פרעגן
און טראָגט מיר גליק אַנטקעגן,
אַ טרייסט פון וויטע וועגן,
אַ פּעקל בריוו צו מיר.

אין רעגן-טעג אין קראַנקע,
דערוועקן זיך פאַרלאַנגען,
ס׳זאָל עמעץ ווער אַרייַנגיין —
מיר אויסדערציילן אַלץ...
דאָס אויג מיט פרעמדע בליקן
אַ לאַנגע שעה דערקוויקן,
דער לאַנגווייַל זאָל נישט דריקן —
נישט וואַרגן מיך בייַם האַלדז...

אין טעג פון גרויסן אומעט,
פאַרשטעלט מעג עמעץ קומען,
און ברענגען טויטע בלומען
און ברענגען פאַלשע פרייד...
זיך נאַרן און געניסן...
דעם סוד אין האַרץ פאַרשליסן...
דאַן אויסשרייַען פאַרביסן:
— נעם צו, געזונטערהייט!...

נאָך רעגן-טעג, נאָך גרויע,
ווען בייזע ווינטן וואָיען,
באַגרים איך מיט הנאה
אין אָוונט לאָמפּ און ליכט...
ס׳איז נאָך נישט אַלץ פאַרפאַלן,
כ׳געפין נאָך הויפנס שטראַלן,
אין ביכער און זשורנאַלן,
און כ׳לעב אויף אומגעריכט.

פינסק, 1929

פײַכטער ווינט

פײַכטער ווינט האָט אויסגעלאָשן אַלע בלומען און די שטערן.
אַלע חלומות זענען, ווי די פייגל זיך צעפלויגן.
וויל איך איצטער נישט קיין אבל ווערן
און וועל נישט וויינען אויף דער פרייד, וואָס האָט צוגעמאַכט די אויגן.

פּאַלעסיע האַרציקע, אָ ליבע היים,
עס האָט דער האַרבסט געפאַנגען דיך אין זײַנע נעגל,
וויל איך איצטער נישט פאַרוועלקן, ווי אַ בוים
און וועל נישט, ווי אַ וואַנדערער, אַוועק אויף פרעמדע וועגן...

און וועל נישט, ווי אַ פויגל, איצט אַוועקפליִען אין ווײַטן —
מיט פרעמדער זון אין האַרץ דעם טרויער היילן.
אָ, היימלאַנד טײַערע, איך וועל דיך נישט פאַרבײַטן,
כ׳וועל בלײַבן דאָ און וועל דײַן גורל טיילן...

דו ווערסט מיר אין דײַן מיאוסקייט נישט ווײַטער,
און כ׳ווער דיר אין דײַן עלנטקייט נאָך טרײַער!
איך וועל פון לידער אָנצינדן פאַר דיר אַ שײַטער,
דו זאָלסט אין האַרבסט-נעכט זיך דערוואַרעמען בײַם פײַער...

ווי אַ פונק — וועל איך פאַר דיר געפינען,
ווי אַ טרייסט, אַ שפּליטער פון אַ ניגון.
וווּנדער-מעשׂהלעך פון זיי פאַר דיר כ׳וועל שפּינען,
מיט העלער טרייסט דײַן אומעט כ׳וועל פאַרוויגן!

פּינסק, 1933

שניי

ס'איז היינט מײַן הארץ מיט פישופדיקן ליכט באַטרונקען,
ס'האָט היינט דער דרויסן אויפגעלאַכט מיט זילבער-פרייד,
און דאַך און פלויט באַצירט זענען מיט דימענטענע פונקען,
און בוים און קוסט — איז פוכיק-ווײַס באַשנייט.

ווי העל! ווי פרײַ! עס שוימט די רחבות איבער מײַלן, איבער ברייטן,
און קלאָרע ווײַטן גיסן זיך אין ווײַטקייטן אַרײַן.
— אוהו! — ווי ס'הילכט מײַן ווידערקול! — כאַטש נעם וועק אויף אַ טויטן,
און אויגן זשמורען זיך צונויף פון בלענדנדיקער שײַן.

אַרויס קומט, מיידלעך שטיפערקעס, און יינגלעך — חדר-גייער! —
ס'איז היינט ביי אונדזער מאַמע-ערד אַ גרויסער קאַרנאַוואַל,
האָט זי זיך אויסגעפּוצט היינט אין אַ זילבערדיקן שלייער,
ווי אַ שיינע פרימאַדאָנע אויף אַ וווּנדערלעכן באַל...

דעם זיידעשי — דעם ווינט — היינט אַ שטיף טאָן האָט פאַרגלוסט זיך,
אוי, ליבט ער פוכקע בעקעלעך פון שטיפערישע קינדער.
אָט קושט ער און פאַררויטלט זיי און אָט — מיט שניי צעהוסט זיך,
און שיט זיי אָפּ מיט זילבער-שטויב די לאָקן און די בענדער.

טאָ קושט זיי, צאַרטע פליטערלעך, די בעקעלעך — ווי צונטער,
און פלאַטערט, ווײַסע שנייעלעך, און פאַלט געזונטערהייט.
שוין יאָגן ברוינע שליטעלעך און גלעקלעך קלינגען מונטער.
ס'האָט היינט דער דרויסן אויפגעלאַכט מיט זילבער-פרייד!

פינסק, 1929

פּאָלעסיער וועגן

בײַ פּאָלעסיער וועגן — בעריאָזקעס דרימלען פרומע.
אויף פּאָלעסיער וועגן שלאָפט דער קאַלטער טויט...
ווער עס שיידט זיך אָפּ שוין — וועט צוריק נישט קומען —
ס'בענטשן אים די וועגן: גיי געזונטערהייט!...

נעכט, מאָנאַכן שוואַרצע, קניִען אויף די וועגן.
טעג, ווי בלינדע בעטלער, שטאַרבן שטילערהייט.
געלעגערס — פאַר די סומנע, אָסיענדיקע רעגנס,
פאַר דער מרה־שחורה, פאַר דער גרויער פרייד...

קיינעם נישט צו רייצן, קיינעם צו געפעלן,
קיינעם צו פאַרפירן אויף דער קראַנקער ערד,
איז זיי גוט און פריילעך, פריילעך מיט דעם עלנט,
ווען דער ווינט צעוויינט זיך אין די האַלבע נעכט...

שווײַגן זיי און וואַרטן, וואַרטנדיק אויף גאָרנישט...
צלמים טוען תפילה, בעטן גאָט פאַר זיי.
וואַרפט זיי גאָט פון הימל אוצרות — מעטעאָרן —
וועמענס העלסטן גורל, וועמענס ווייסטן וויי.

שטעטעלעך — בית־עלמינס, דערפעלעך, ווי טרומנעס,
וועגן — גרויע אָרעמס, אָרום זיי געשפּרייט.
וועגן — קאָרידאָרן, צום האַרץ פון מלכות — אומעט,
ווו גלויבן — בלעטלעכווײַז — דער אָסיען־ווינט פאַרווייט...

וואָלקנס — גרויע פליגל — אין דער הייך, פאַרצויגן,
הענגען שטום פאַרגליווערט, ווי אַ שווערע שטראָף...
ליגט די שטאָט באַגראָבן, מיט די בלויע אויגן,
מיט די יונגע הערצער — אין דעם ווייסטן שלאָף — —

פאָלעסיע

(פּאָעמע)

1

מיט ברוגזע פּנימער

מיט ברוגזע פּנימער קומען די טעג אין מײַן הײמלאַנד פּאַלעסיע,
ווי אורחים־יחסנים, פאַרשעמטע צו אָרעמע טישן געקומען
און גיבן נישט קײנעם קײן שלום, אַזוי ווי אין הויז פון אַן אָבל,
זײ שטילן דעם הונגער און לאָזן פאַרנאַכט זיך אין וועג אַרײַן שטומע.

עס שלאָפן די נעכט אין די זומפּן, צוקאָפּנס — די אוראַלטע וועלדער,
און זעלטן זײ צײלן אין חלום, ווי גאָלדענע רענדלעך, די שטערן.
עס שיצט זײ דער הויכער טשעראָט פון די הונגעריק־וואָיענדע ווינטן
און ווײפל זײ וואַשן אין פינאַ זיך, קענען זײ העלער נישט ווערן...

ס׳גײט אויף דורך די נעפּלען די זון, ווי אַ בלוט־רויטע ווונד, אין מײַן הײמלאַנד,
פאַרוואַנדלט די אָזיערעס, סטאַוון אין ריזיקע רויזן און פּיאָנען.
נאָר באַלד לעשט זיך אויסעט דער צויבער, דער הימל ווערט מאַט און פאַרצויגן
און בלאַס ווי אַ חולה־מסוכן — פאַרענדערט, שוין נישט צו דערקאָנען.

ס׳איז אָרעם די פרײד אין מײַן הײמלאַנד, דער הימל איז בלאַס אויך אין פרילינג,
די זון קאַרגט איר גאָלד, און עס בליִען אַן חיות, אַן צויבער די בלומען,
פאַרבענקט איז דאָס פײַפל פון פּאַסטעך, און אומעטיק זינגען די פײגל,
און ס׳ווײסט נישט דער פרילינג צו וועמען, נאָך וואָס ער אין לאַנד איז געקומען.

קומט שפּעט אין מײַן הײמלאַנד דער פרילינג, און ס׳בלאָזן נאָך פראָסטיקע ווינטן,
ווען ס׳בלויט שוין אין לענדער דער בעז, און עס לאַכט צו דער זון שוין דאָס קאָרן;
נישט מיד ווערט דער פויער צו זײען אָפּט דרײַ מאָל די פעלדער אין ווערסנע,
ווײַל אַלץ, וואָס האָט שפּראָצן גענומען, איז געל און פאַרוויאַנעט געוואָרן.

דאָך שטעלן זיך זומער־טעג רײַפע, ווען ס׳צײַטיקט דאָס פעלד און דער גאָרטן,
און וואַסער־געוויקסן און בלומען באַצירן די זומפּן פּאַלעסיער,
ס׳פאַרשיכּורט דער פּעך פון די סאָסנעס, און ס׳קוויקט אויפן פעלד זיך דער פויער
מיט ווײַניקן קוואַס פון בעריאָזעס — אין פרי־יאָר געזאַמלט אין פעסער.

נאָר ס'איז אויך אין צײַטיקן זומער דער הימל נישט דורכזיכטיק לויטער,
עס דרימלען די לאָנקעס און וועגן, עס גענעצן פעלדער פאַרשלאָפן.
די זון טוט אַ גלי און צעפּאַרעט די טיפע, אומענדלעכע זומפּן,
און באַלד ווערט דער הימל מיט ריזיקע ווײַסע פּאָכירן פאַרלאָפן.

ווערט שטיקנדיק-ענג דער אַרום אין דער קאָכיקער היץ אין דער פאַרנער,
דער הימל ווערט גליאיקער אַש, און די ערד פילט קיין שאָרך פון קיין גרעזל;
עס גלאָצן די בלעטלעך אויף צווײַגן, פאַרגליווערטע שטייען די פייגל,
און ס'גליט אַזאַ פּײַן אין די אויגן פון יעטוועדן לעבעדיק וועזן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט פּעט איז די ערד אין מײַן היימלאַנד, אָן ברכה דער טוי פאַלט פון הימל,
עס זינגט נישט די שפע אין שײַער, עס וואַקסן נישט שיכטן אויף שיכטן,
מען שנײַדט אין געאײַל אויף די פעלדער די מאָגערע שיטערע זאַנגען,
עס זאָלן די פריאיקע רעגנס דאָס אָרעמע ברויט נישט פאַרניכטן.

2

בײַם געזאַנג פֿון דער פֿינאַ

דרימלט מײַן הימלאַנד, פֿאַרוויגט אינעם שטילן געזאַנג פֿון דער פֿינאַ,
וואָס היט, ווי אַ מאַמע אַ טרײַע, די עלנטע זומפּיקע ווײַטן.
און ס׳אָטעמט דער דזשונגל דער ווילדער — דער פּלאָנטער פֿון וואַסער-געוויקסן,
מיט סודות פֿון מעשׂה-בראשית, מיט אָטעם פֿון אוראַלטע צײַטן.

אומענדלעכע סומנע מדבריות פֿון זומפּן און וואַסער און הימל,
ווי ס׳וואָלט אין די טעג פֿון יצירה אַלץ רוי דאָ פֿאַרגעסן געבליבן —
געבליבן יבשה און וואַסער, נישט אָפּגעטיילט איינס נאָך פֿון צווייטן,
און ס׳וואַרט דאָ נאָך אַלץ אויף אַ נאָמען, און ס׳וואַרט דאָ נאָך אַלץ אויף אַ תּיקון...

און ס׳דוכט זיך: דער גײַסט פֿון באַשעפֿער נאָך שוועבט אויפֿן שפּיגל פֿון וואַסער...
ער ווייסט נאָך נישט אַלץ, צי ס׳וועט גוט זײַן דאָס אַלץ, וואָס זײַן האַנט
האָט באַשאַפֿן...
אויף מײַליקע שטרעקעס — ישובים צעוואָרפֿן, ווי אינדזולעלעך קליינע,
ווי שיפֿן, וואָס בלאָנדזשען און קענען נישט קיין מאָל דערגרייכן קיין האַפֿן.

און ס׳הויערן אוראַלטע, מאַכיקע, טיף-שוואַרצע וועלדער פֿאַלעסיער,
פֿאַרוועבטע מיט וווּנדער-לעגענדן פֿון רוחות און בייזע מכשפֿים...
מיט אור-ווילדע נאָרעס און היילן, מיט שטעגלעך געהיימע און זומפּן,
ווו אַלט-אויסגעריסענע דעמבעס און וואָרצלען זיך שפּיגלען אין וואַסער.

און ס׳פֿליסן די טײַכן פֿאַלעסיער מיט אוצרות פֿון פֿיש אין די טיפֿן,
באַלאָדן מיט שווימענדע פֿליטן, אין ווילדע באַוואַקסענע ברעגן,
עס פֿליסטערן, שטראָמענדיק לאַנגזאַם, דער סטיר, די יאַסעלדע, דער האָרין;
די האָרציקע פֿינאַ דעם פּריפּעט טראָגט אייביק איר בענקשאַפֿט אַנטקעגן...

און דאָרט, ווו עס גיסט אויס דער סטרומען זײַן ביטער געמיט פאַר דער פינאַ,
די וואַסערן לויפן צעשויבערט, אַ קעסל־גרוב לויערט אַ טיפער.
דאָרט פרירן נישט קיין מאָל די כוואַליעס, עס לאָזט זיך די טיף דאָרט נישט מעסטן,
דאָרט האָבן דעם טויט שוין געפונען פיל העלדישע שווימער און שיפער.

* * *

שטאָק־פינצטערע נעכט אויף דער פינאַ — זי קנייטשט זיך אין בייזע חלומות,
עס פליסטערט איר סודות אין שלאָף אויפן אויער אַ בייזער מכשף...
עס יאָגט אַזאַ פינצטערער גרויל פון אומענדלעכן ים פון די זומפן,
עס ווייט אַזאַ פחד אַרויס פונעם שוואַרצן פאַרלאָשענעם וואַסער...

אַ סאָווע קלאָגט־אויף אין די זומפן, אַ ניגון שוועבט אָן, ווערט פאַרשווומען,
באַגלייט פונעם פאַטשן פון וועסלעס, און שטיל ווערט — די וואַסערן פליסן.
עס ציִען די פישער איצט נעצן מיט זילבערנע פיש און מיט סודות,
בײַם שימער פון ליולקעס און ווײַס־ווײַטע ווינקענדע פלעמלעך פון פליטן.

און דאָרט, ווו דער קעסל־גרוב לויערט, זיך וועבן און שפינען לעגענדן —
אָט שוועבט אַן אומהיימלעך געוויין, און אָט טויכט אויף אַ וואַנזיניק לאַכן...
מען ווייסט: דאָרטן רוחות, מזיקים בײַנאַכט פראַווען שׂמחות און הוליען,
און לויערן, זוכן אַ קרבן, — אַ סעודה אַ פעטע צו מאַכן.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף נאַכטיקן שליאַך — פערד און פויער, אַ בונטער בריליאַנט בליצט אין חושך...
מיט פריידיקן ציטער דער מענטש נאָכן אוצר געגומען האָט יאָגן.
און ס׳רייצט זיך דער דימענט און פינקלט און שפרינגט איבער זומפן און גריבער,
ביז ס׳איז אין אַן אָפּגרונט דער פויער פאַרזונקען מיט פערד און מיט וואָגן...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט שטערן אין נעץ האָט אַ פישער אַ העכט, ווי אַ וואַלפיש, געפאַנגען...
דאָס שיפל קוים ציט מיט דער מאַסע, די אויגן פון פויער — צוויי זונען.

נאָר פּלוצעם: דער פיש, ווי אַ שלאַנג, האָט פאַרדרייט אַרום האַלדז זיך
ביים פויער...
און ס'האָבן צומאַרגנס די פישער אַ שיפל אַ ליידיקס געפונען...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַלאַדענע דובן און באַרזשעס דאָס אָרט מײַדן אוים אָפּט מיט ציטער...
עס אײַלן דורך פלאַוויצעס, פישער וועלן נאָענט קיין נעץ נישט פאַרשפּרייטן.
פליסאַקעס, וואָס טרײַבן דורך פּאַסן, זיך צלמען איבער מיט פחד,
אַזוי ווי מען צלמט זיך איבער, דערזעענדיק שווימען אַ טויטן...

און טרעפט אַ בלוי-זילבערנע נאַכט — בלאַנדזשען צאַרטע, פאַרכּישופטע טענער —
אין גערטנער, ביי וואַסער-פּאַלאַצן, רוסאַלקעס דאָן טאַנצן און שטיפן...
מיט לאָקן צעלאָזטע זיי טויכן אַרויס פון די מאַט-בלויע כוואַליעס
און רופן מיט נאַקעטע אָרעמס צו זיך אין די טונקעלע טיפן...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

אין גרויע באַגינענס דער הימל הענגט נידעריק איבער די זומפּן —
אַ קעלער-סופיט אַ געוועלבטער אין אַלטע פאַרצײַטיקע שלעסער.
עס ציִען זיך וועלדער טשעראָט העט אין בלוילעכן נעפּל פאַרזונקען,
עס חלומט דער גרינער פּאַלעסניק ביי די אָזיערעס גרויסע פּאַלעסיער.

און ס'וועקט דער באַגין אויף דעם דזשונגל מיט שלענג, טשערעפּאַכעס און שרצים.
באַטשאַנעס רויט-פיסיקע שפּרייַזן מיט שטאָלצע, יחסנישע בליקן,
און איבער די בלוילעכע אָזיערעס פלאַטערן זילבערנע מעוועס,
צעברעכן דעם שפּיגל פון וואַסער נאָך פיש אינעם טײַך זיך צו טוקן.

פּילפּאַרביקע זומפּ-פייגל שוועבן, ווילדע קאַטשקעס און גענדז, קוראָפּאַטוועס
איבער קוסטעס, קאַלוזשעס און סטויגן מיט ווילדן געשריי און געצאַפּל.
און ס'דוכט: אויף די וואַסערן גרויסע וועט באַלד זיך דאָ נח באַווײַזן
און אָפּקלײַבן פּאָרווײַז פון אַלע אין תיבה צו שיצן פון מבול...

3

פּאָלעסיער ייִדן

עס שלומערן וועגן און שליאַכן — קאַליוזשעס און זאַמדיקע וויסטעס.
עס הייבט אויף אַן אָקסן־געשפּאַן דאָרט אַ שטויב אויף די זאַמדיקע שטעגן,
און איבער די זומפּיקע שליאַכן, ווו ס׳לויערן אימה און אומקום,
קומט זעלטן אַ זינקענדיק פורל די האַרבסטיקע ווינטן אַנטקעגן.

עס קרייצט ווו אַ ווינט־מיל די ווינטן. אַ וואַסער־מיל קרעכצט ביי אַ גרעבליע,
אַן ווילן זיך קעגנצושטעלן דעם שטראָם, וואָס באַפאַלט זיינע רעדער.
עס בראָדזשעט אין פעלד ווו אין וואַסער אַ סטויג, צי אַ כאַטע אויף סלופּעס,
און ס׳דרימלט — איןביימלעך און קוסטעס פאַרטוליעט — אַן איינזאַמער כוטאָר.

מיט רויך פון מאַכאָרקע זיך וואַרגן אין ווינטער־נעכט ייִדישע קרעטשמעס,
ווי וועג־סלופּעס, גרוי־אָפּגעשיילטע, צעזייט איבער עלנטע מיילן;
באַזאָרגט זענען טירן און לאָדנס מיט שלעסער און אייזערנע שטאַבעס;
ס׳נאָגט טיף אין די הערצער די אימה פאַר רויבערשע העק און קינזשאַלן.

און ס׳דרימלען אין שאָטן פון וועלדער, ביים שפּיגל פון וואַסער, ישובים.
בעריאָזעס, ווי פאַסטעכער, היטן די כאַטעס, ווי דרימלענדע לעמער.
ביי יעטוועדן דערפל — אַ צלם; אין יעדן וואָלאָסט — אַ צערקווע;
אין יעטוועדן שטעטל — אַ ברונעם: אַ שטאַנג און אַ הילצערנער עמער.

און ס׳וואַקסט ווי דער מאָך אויף די דעכער, און ס׳בליט ווי דער שליים אויף די זומפּן,
דער עלנט אין ייִדישע שטעטלעך, וואָס צאַנקען, ווי ליכט־פלעמלעך בלאַסע.
נאָר ס׳טרינקען, ווי ווייַן, שוין דעם אומעט די פּראָסטע די שטעטלשע ייִדן,
מיט הענט האָרעפּאַשנע, וואָס ציִען חיונה פון וואַלד און פון וואַסער.

ברייט־פּלייציקע ייִדן פאַרברוינטע, מיט גאַרטלען און שטריק אויף די לענדן,
געפּרוּווטע אין שרעק און סכנות, געוווינטע צו רעגן און שנייען.
זיי ליבן דעם וואַלד און דאָס וואַסער און לאָזן אין פינצטערע נעכט זיך
אין וועג אויף באַראַט פון די טייַכן, אַן שפּרוכן און סגולות־קמיעות.

און ס'וויַיזט זיי זיַין חסד דאָס וואַסער, און ס'וועט זיי דער זומפּ נישט פאַרפירן...
נישט מזיק זיַין וועלן זיי רוחות און לצים אויף נאַכטיקע וועגן,
זיי וויַיזן דעם גאַנג פון די שטערן, זיי קענען דעם לויף פון די ווינטן
און ברענגען די שיפן די שווערע בשלום צו שטאָטישע ברעגן —

מיט קוילן, געברענט אין די וועלדער, מיט האָלץ און מיט טעפּ האָראָדנויער
און שפּיַיזן מיט ברויט, מיט קאַרטאָפל און הערינג דעם טעגלעכן דלות.
אין מדבר פון וואָכן-טעג גרויע — אַן איינציקער זון-פלעק — דער שבת
מיט ליכט אין אַלט-מעשענע לײַכטער, מיט וויַין און מיט ווייצענע חלות.

נאָר מאַמעס, ווי בלעטער פאַרגעלטע, באַטרערן די פרייד פונעם שבת.
צעטראַטענע האָפנונגען ליגן, ווי אין פרילינג צעטראַטענע בליטן.
עס זענען זיך קינדער פון היימען, ווי פייגל פון נעסטן צעפלויגן...
ס'האָט צייַט זיי אויף זעלטענע, קורצע, פּאַפּירענע בריוולעך פאַרביטן.

עס האָבן די קינדער אין וועלט-שטעט פאַרביטן דעם זומפּ אויף אַספאַלטן...
די נעפּלען — אויף רויך פון פאַבריקן, דעם וואַלד-רויש — אויף רויש
פון טראַנסמיסיעס.
די הימלען געטוישט און די געטער, פאַרבונדן דעם גורל מיט מאַסן...
אַן נחת געלאָזט טאַטע-מאַמע... געלאָזן אין עלנט די וויסטעס...

און ס'בענקען דאָ טעג נאָך די קינדער, וואָס האָבן געליבט און געהייליקט
די ערד און דעם וואַלד און דאָס וואַסער, און גלייַך ווי די טאַטעס און זיידעס,
געזוכט אין די טײַכן דאָס מזל — „דאָס גאָלדענע פישעלע" פאַנגען...
און ס'איז נאָך דאָ אָפט די לבנה פון הייליקע שבועות אַן עדות.

און מעגן ווי פּײַפן סירענעס, און מעגן ווי רוישן טראַנסמיסיעס,
דאָ קלינגט נאָך פאַרחלומט און הארציק דאָס ליד פון דער „גאָלדענער פאַווע"...
און טרעפט, אַז אַ פּאָרל פאַרבלאָנדזשעט בײַנאַכט אין די טונקעלע וועלדער,
איז פּשוט און פּראָסט זייער גליק, ווי די ליבע פון אדם און חוה.

4

דאָרף

ווי ביליקע טעפּיכער ליגן בײַם ראַנד פֿון די דערפֿלעך די פֿעלדער.
צום וועג בליקן כאַטקעס, פֿאַרטײַעט, דורך וואַלדיקע מאָכיקע שטאַמען.
די שײַבלעך, ווי אויגן פֿאַרזאָרגטע; ווי ליים־גרובן פֿײַכטע — די דילן;
עס ווייען די שטרויענע דעכער מיט אָטעם פֿון האַרבסטיקע לאַנען.

עס גלאָצט נישט קיין קוימען צום הימל פֿון דאָרפֿישע דעכער פֿאַלעסיער.
דער רויך, ווי אַ כמאַרע אין כאַטע, קריכט פֿויל צו דער לאָך אין דער סטאָליע.
זענען פּנימער פֿינצטער־פֿאַרוואָלקנט, וואַקסט דער קאָלטון אויף קעפּ און
ער אײַטערט...
ווערן אויגן מיט בלינדקייט געשלאָגן, צו באַוויינען די פֿויערשע דאָליע.

אויף וועגט בלײַען קווייטן פֿון ווילגאַטש, אַלץ טרינקט אין אומענדלעכן צער זיך,
דער בליק פֿון דער הייליקער מוטער שווימט אום אינעם רויכיקן נעפּל.
ווי מאָן־בלומען — רויטע לוטשינעס באַלײַכטן דעם פֿויערשן דלות:
אַ מולטער — דאָס קינדערשע וויגל; אַ קופֿערט, אַ בענקל — דאָס מעבל.

די זוניקע ליימענע שיסל, דער הילצערנער לעפֿל אין כאַטע
פֿאַרברידערט די גאַנצע משפּחה, ווי טשערעדעס לעמער און רינדער.
אין איינעם מען טיילט דאָס געלעגער אויף האַרטע, אויף שמוציקע נאַרעס;
צוזאַמענגעפּלאָכטענע כראָפּען פֿאַרמאַטערטע פֿויער־געזינדן.

אין חושך, אין שמוץ קומען קינדער און ווערן, ווי זאַנגען, פֿאַרשניטן...
דורך גרעזער און הייליקן וואַסער מען היילט זיך בײַ זנאַכערס, מכשפֿים...
ס׳גלייבט אין מופֿתים און וווּנדער דער פֿויער, האָט סגולות צו ליבע און מזל...
באַזעצט אויף זײַן דאַך זיך אַ בושל — קומט שלום און גליק אין זײַן כאַטע.

עס מישט אוים דער פויער זײַן שוויס מיטן בלוט פון דער אָרעמער היימערד,
וואָס שפּייזט אים; זײַן האַרץ איז פאַרביטערט, ער קרעכצט אונטער לאַסט
פון איר גורל.
זײַן גוף, ווי איר לײַב, גרוי און מאָגער, די האָר זײַנע — זומפּ־פלאַנצן ווילדע;
די אויגן — ווי אָזיערעס שטילע, וואָס בענקען נאָך זוניקן שמייכל...

ער זייט מיט אַ תּפילה זײַן תבואה און נעמט אויף אַ גאַסט מיט אַ ברכה
און האַרציק און ברידערלעך־נאָענט צום פרעמדן די רייד זײַנע קלינגען.
ס'איז פּשוט זײַן שפּראַך, ווי זײַן סאָכע, באַטעמט, ווי דאָס קאָרענע ברויט זײַנס,
און וואַרעם — אַזוי־ווי די זאַפטן אין גרונטן אין פרילינגדיק־יונגע.

פאַרוויגט טיף אין בלוט איז זײַן שׂנאה, און פול זײַנע בליקן מיט אומעט.
דעם ברוויז פון זײַן רויער נשמה ער לעשט מיטן ביטערן טראָפּן...
און נישט נאָר אויף שׂמחות ער שיכּורט — ער טרינקט אין די ביטערסטע רגעס,
ווען ס'קעלבל דאָס לעצטע פאַרקויפט ער, אַ לעצט זעקל ברויט און קאַרטאָפל.

אויף וואַסערן — זומער פאַרהאַוועט, דרעשט אָסיען אין רײַכע סטאָדאָלעס,
האַקט ווינטער פאַלאַנקעס און ביימער, פירט היי אינעם פריצישן שייער.
דאָך זעלטן ווען ווייסן פון פעטקייט די ליימענע טעפּ אין זײַן כאַטע...
און האַרט איז זײַן שטרויענע קישן, און קאַרג איז אין אויוון דאָס פײַער.

און פויערטעס שפּינען און וועבן, און פּאַשען די שאָף אויף די לאָנקעס;
פון פלאַקס, ווײַסער בלויט פאַר דער כאַטע, דאָס פויערשע העמד ווערט געבוירן.
ס'איז אייגענע פּראַצע: די טאָרבע, די פּאַסטעלעס, שטרוי־הוט און גאַרטל.
און אייגענע מי איז די סוויטע — פון וואָל פון די שעפּסן געשוירן.

און דאָרפישע טעכטער — געוואָקסן צוגלײַך מיט די טונקעלע וועלדער,
מיט שטילע און לויטערע אויגן, און וואַרעמע לויטערע הערצער —
מיט קוישלעך, נאָך יאַגעדעס זומער, זיך לאָזן אין טוי פון באַגינען,
און האַרצרײַסנד־טרויעריק קלינגט דאָס געזאַנג פון די דאָרפישע טעכטער.

דער צער פון די גרייז-גרויע הימלען, דער גרוי פון די ערדישע פלאַכן
האָט טיפער געמאַכט אין נשמה די בענקשאַפט נאָך בונטע קאָלירן.
אין סטאַניקעס, בלוזקעס באַבלומטע, באַקווייטלטע פאַרביקע טיכער,
אין פאַטשערקעס, סטענגעס און ליענטעס די דאָרפישע טעכטער זיך צירן.

ווען פוסט און פאַרגעלבט בלייבן פעלדער — אויף ווינטער אין שטאָט אַריין דינען
גייען פויערטעס יונגע — געטריבן פון נויט און פון היימישע זאָרגן.
און שפּייט אוים די שטאָט ווען שפּעטער, פירט דעמאָלט דער וועג זיי אליין שוין
פון זאָטע און ליכטיקע זאַלן אויף טונקעלע נאַכטיקע ראָגן...

5

אומענדלעכע טעג

אומענדלעכע טעג דרעשן רעגנס די שטרויענע דעכער פּאַלעסיער.
עס וואָיעט דער ווינט אַרום שטיבלעך, וואָס זינקען אין זומפּ ביזן גאַרטל.
דער ניגון פון „גאָט פון אברהם" מאַכט נאָך שמערצלעכער, טיפער דעם עלנט,
ווען אומזיסט זוכן מאַמעס אין פענצטער אַ שטערן אין שבת־פאַרנאַכטן.

ס'זענען צלמים מתפּלל מיט טרערן אין האַרבסטיקע נעכט אויף די וועגן,
און ס'פּײַניקן קינדער אין שלאָף די געשטאַלטן פון שרעקלעכע מעשיות.
אין פרי־יאָר פאַרפליצן די טײַכן אומענדלעכע ווײַטן פּאַלעסיער,
דאַן וואַרט מען, עס זאָל זיך אַ טויב מיט אַ בלאַט אויפן וואַסער באַווײַזן...

אײַן פריידיקן יום־טוב פאַרמאָגט נאָר מײַן היימערד: דעם ליכטיקן ווינטער,
וואָס עפנט אויף אוצרות, נעמט וועבן פון לויטערסטן זילבער וואָלן,
נעמט שנייען מיט צאַרטע בריליאַנטן, ס'זאָלן פערדלעך צעהוליעטע קענען
צעשיטן די טרעלן פון גלעקלעך אויף ליכטיק־צעזונגענע מײַלן.

די פלאַמען פון ברענענדע בלאָטעס — מזבחות פאַר הייליקע געטער —
אין ווינטער־נעכט רופן אין דזשונגל, ווי יום־טובדיק־רויטע שטורקאַצן.
עס ליגן די זומפּן פאַרקאָוועט, און ס'טאַנצן די ווינטן מיט שׂמחה,
און ס'הוליען און ס'דרייען זאַווייען און פויקן אין זילבערנע טאַצן.

צעבלויען זיך הימלען מיט זון איבער אײַז־קאַלטע דימענטן־סטעפּעס.
דאָס האַרץ גיט אַ צאַפּל, כאָטש שווים און כאָטש וואַר אין דער רחבות פאַרלאָרן!
אָ, הערלעכע זילבער־מדבריות, וואָר האָט אײַער אָטעם געטרונקען,
דערפילט אײַער כּישוף, און איז נישט ביז וואַנזין פאַרשיכּורט געוואָרן?!

איצט פיבערט מיט לעבן מײַן היימלאַנד — מיט פרייליכן הוק פון די וועלדער,
מיט פריידיק געזאַנג פון טאַרטאַקן, מיט רוישיקע מערק און יאַרידן;
מיט פיש־פאַנג אין בלויע פּאָלאָנקעס, מיט קנאַלן פון יאַגד־ביקסן פלינקע,
מיט רוישיקע דאָרפישע שׂמחות, מיט טענץ, מיט האַרמאָשקעס און לידער.

נאָר קאַרג איז די פרייד די געבענטשטע — אַ לויטערער, זילבערנער חלום.
וויקלען אָפּ זיך די שנייען־באַנדאַזשן, בלײַבן ווידער די נאַקעטע ווונדן,
און ווידער פאַריתומט און עלנט און קראַנק בלײַבט מײַן אָרעמע היימערד,
וואָס טראָגט אין איר בלוט די באַצילן פון בלינדקייט, מאַלאַריע און שווינדזוכט.

און ס׳ווײַנט שטיל און ס׳בעט זיך מײַן היימערד: „אָ, ווער וועט
מײַן גוף קומען היילן?
ווי לאַנג וועט מײַן לײַב זײַן פאַרשאָלטן? ווי לאַנג וועט מײַן טראַכט
זײַן פאַרשלאָסן? —
כ׳קען היימען פאַר טויזנטער געבן און ברויט פאַר מיליאָנען געבוירן!
ס׳קען זוניקע פרייד גאָלדיק בליִען, ווו ס׳יאָמערן ווינטן און סאָוועס!"

עס ווילן די ווּיסטעס דערפילן די מאַסע פון בונטע געבײַען,
און טאָרפיקער זומפּ — זיך צעכוואַליען מיט גאָלדענע ווייצן און קאָרן;
עס ווילן זיך אור־ווילדע דזשונגלען באַצירן מיט רעלסן און הערן
דאָס סאָפּען פון אײַליקע צוגן און פרייליכן רויש פון מאָטאָרן.

אָ, ווּעסט זיך נאָך, לאַנד מײַנס, דערהייבן פון פינצטערן זומפּ, פון טומאַנען,
מיט כּוח פון מענטשלעכן ווילן, מיט ברכה פון אַקער און בראָנע.
געבענטשט וועט די האַנט זײַן, מײַן היימערד, וואָס וועט פון דיר אָפּטאָן די קללה,
זאָלסט אויפגיין אין ליכטיקן וווּנדער מיט שפע פון מילך און פון האָניק!

פינסק, 36־1937

פאָלעסיער האַרבסט

ס׳קומען נעכט און טעג פאַרגייען,
רעגנס פאַלן, ווינטן ווייען,
קוקט מען אויס די ערשטע שנייען
פון דער וואָלקנדיקער הייך.
ס׳האָט די נודנעקייט דערעסן,
שוין די צאָל פון טעג פאַרגעסן,
דורכגעזאַפּט זענען מעת-לעתן
מיט טומאַנען-גרויען רויך.

בענקען מיר נאָך ווינטער-בלומען,
ווילן שנייעלעך נישט קומען.
זענען דאָרטן איצט פאַרנומען
מיט אַ וויכטיקייט געוויס.
אָדער — דרימלען שטיל-באַהאַלטן,
אין דעם אוצר דעם צעשטראַלטן,
פוילן פּשוט זיך אַ פאַל טאָן
אין דעם שמוץ אונטער די פיס...

שליאַך — אין זומפּ, אין ליים און טאָרפן.
ס׳ליגט דער ישוב ברייט צעוואָרפן.
קומט אַ פויערל פון דאָרף אָן
איינמאָל אין אַ וואָכן דרײַ.
איז אים גלאַט דער וועג אַריבער,
טרייסלט אים נאָך, ווי אין פיבער,
צלמט ער זיך דרײַ מאָל איבער:
אַ געפאַר איז אים פאַרבײַ...

טעג אַזוינע, נעכט אַזוינע,
אין די שטעטלעך אין די קליינע,
אויסגעקנאָטן איינס און איינע
אין פּאַלעסיער זומפּיקייט.
גרויען קלויסטערס, דרימלען צלמים,
שימלען ווענט פון אַלטע קראָמען,
אויפן שול-דאַך וואַקסן שוואָמען
אין דער כמורנער רעגן-צײַט.

אַלע טרייסטן אויסגעזונגען,
אויסגעלאָשן אַלע פונקען,
ליגט די ערד אין צער פאַרזונקען,
אויגן בלאָנדזשען אין דער ווײַט...
הייבט זשע, שנייעלעך, אָן פאַלן,
ס'בענקט זיך נאָך די ווײַסע שטראַלן,
זאָלן הערצער זיך צעשאַלן
שוין מיט פרייד און ליכטיקייט.

ווי אַ שפּרונג, וואָס מען דערמאָנט ניט,
ליגט די ערד אַ נישט-דערקאָנטע,
קוקט שוין אויס דעם גרויסן יום-טוב
מיד און בענקענדיק אַזוי...
וועט זיך זילבער נעמען שפּרייטן,
וועט צערינען צער און ווייטיק,
עד, וועט מען זיך עס אַ פריי-טאָן
מיט דעם ערשטן קלאָרן שניי!...

פינסק, 1930

פאָלעסיער ווינטער

(פאָעמע)

1

עס שוואַרצן זיך ריזיקע וועלדער פאָלעסיער
אויף שוימיקן זילבער פון פליינען אַצינד.
עס קושט זיך די זון מיט די שפּיצן פון סאָסנעס,
עס שפּילט זיך מיט צווײַגן באַשנייטע דער ווינט.

עס פלאַטערן קראָען אין גאָלדיקער בלויקייט
און שרײַען אין לויטערער פּראָסטיקער הויך,
פון וואַלדס-שומרס הײַזל, אַזוי ווי אַ סטרונע,
זיך ציט גלײַך צום הימל אַ דין-ווײַסער רויך.

עס בלישטשען אין זון-גאָלד קרישטאָלענע פונקען.
די בלוילעכע ווײַסקייט די אויגן פאַרבלענדט.
ס׳פאַרכאַפּן דעם אָטעם די וואַלד-קאָרידאָרן,
פון צווײַגן — דער דאַך, און פון שטאַמען — די ווענט.

און דאָרט — אין דער טיף פון די זומפּיקע וועלדער,
אין ווילדן געפּלאָנטער פון צווײַג און געוויקס,
ווו זעלטן אַ מענטשישער פוס קען דערגרייכן,
ערשט הילכט אָפּ אַ שאָס פון אַ יעגערשער ביקס.

עס פליט גיך פאַרבײַ אַ דערשראָקענע סאַרנע,
עס בילט ווו אַ הונט, ס׳קלינגט אַ מענטשיש געשריי.
און אור-וואַלד זיך וווּנדערט: ווער האָט עס געוואַגט דאָ
באַפלעקן די אומשולד פון לויטערן שניי?...

און אָרעמע, ערדלאָזע פּויערן־יונגען,
מחנות — באַוואָפנט מיט האַק און מיט זעג,
איצט וועקן פון אור־שלאָף די וואַלדיקע שטילקייט —
דורך שניי ביז די קני דאָרטן שנײַדט מען אַ וועג.

ס׳האָט כּוח אויף כּוח אַצינד זיך פאַרנומען,
פאַרמאָסטן זיך קרעפטיק, פאַרעקשנט און שטאָלץ.
עס וואַרטן טאַרטאַקן, עס וואַרטן דאָרט גאַטערס —
אויף שטאָלענע ציינער בלאַנקט הונגער נאָך האָלץ...

— — — — — — — — — — — —

עס בלוטיקט באַגינען אויף זילבער פון סאָסנעס
און ס׳וועקן דעם וואַלד די צעזונגענע זעגן.
מען פירט אין געאײַל דאָס געהילץ פון די וועלדער,
אויף הונדערטער שליטנס — אויף שליאַכן און וועגן.

מען פירט איבער ליכטיק־צעזונגענע שנייען
דאָס שווערע געהילץ איצטער לײַכט צו דער פינע —
אין פריי־יאָר דאָס וואַסער זאָל ברענגען בשלום
די אוצרות פאָלעסיער צו ווײַטע מדינות.

2

א פראָסט נאָך א פראָסט — און עס בליט איצט פּאַלעסיע,
די מערק זענען גרויסע און אָפטע אַצינד.
באַגינען פון טראַקט אײַלן פּויערשע שליטנס
און זינגענדיק־פריילעך פאָרויס לויפט דער ווינט.

עס בלישטשען אין זון־גאָלד קופּאָלן און צלמים.
דער הימל זיך שפּיגלט אין קלאָר־ווײַסן שניי.
און פּויערים פירן אין שטאָט זייער רײַכטום —
די שליטנס באַלאָדן מיט האָלץ און מיט היי;

און זעקלעך קאַרטאָפל און האָבער און קאָרן;
און קלאָר־ווײַסע לײַוונט — געבליכט אויף דער זון;
חזירים און קעלבער, באַראַנעס און עופות,
און שוועמלעך און אייער: „אַקאַרשט פון דער הון!“

עס סקריפּען און קנאַקן די שליטנס די שווערע,
דער פראָסט בליט אויף לייצעס און גריווועס פון פערד,
און אײַז־צעפּלעך הענגען אויף פּויערשע וואָנסעס
און ווײַס זענען קוטשמעס און ווײַס זענען בערד;

אין פּאָסטעלעס, שטיוול, מיט רויט־גרינע גאַרטלען
פאַרבונדן די סוויטעס, די גרויע, ווי זעק.
און פול איז דער מאַרק שוין מיט פּויערים, ייִדן,
מיט פערד און מיט שליטנס — פון עק ביז צו עק.

איז נישטערט מען, טאַפּט מען אין פּויערשע זעקלעך,
מען שעלט זיך גוטמוטיק, מען דינגט און מען רופט.
און ס'רײַסן זיך קעלבלעך מיט קינדערשע קולות,
און ס'ריטשען חזירים און שפּאַלטן די לופט.

מיט כאַמאַנטן, סערפּן, באַמאָלט זענען שילדן;
געבעקסן און שנאַפּס-פּלעשער שמייכלען אַראָפּ,
און ס'קיניגט מיט שטאָלץ, צווישן שינקע און וווּרשטן,
אַזוי-ווי אַ מלך — אַן אָקסענער קאָפּ.

און ס'הענגען די שילדן, ווי פּאַנצערס אויף ברוסטן,
ווי גרויסע קמיעות — אויף טירן און ווענט...
און פול זענען קראָמען מיט רויך און מיט טומל
און וואַך זענען אויגן און פלינק זענען הענט.

געשטעלן מיט היטלען, גאַרניטערס און שטיוול —
באַלאַגערט אַרום איז — מען קלייַבט און מען מעסט.
און טישלעך מיט פאַרביקע טיכער און סטענגעס;
און ענג איז — אַ טיש צו אַ טישל געפּרעסט.

און פּאַטשערקעס, שפּילקעס און הייליקע בילדלעך,
איקאָנעס — מיט שרייַיקע פאַרבן געמאָלט,
און רינגען מיט שטיינדלעך אַזוי-ווי רובינען...
און צלמלעך פּראָסטע, מיט שימער פון גאָלד...

פאַרקויפט און געקויפט שוין, וואָס נייטיק געווען —
איז פול שוין מיט פויערשע יונגען די שענק.
אַ פלאַש נאָך אַ פלעשל, אַ גלאָז נאָך אַ גלעזל
און ס'ווערן די אויגן באַלד פייַכט און פאַרבענקט.

3

אַלץ אָפּטער, געדיכטער איצט פֿאַלן די שנייען,
ווי טײַבעלעך קליינע זיי פֿלאַטערן שטיל;
די גרעבליעס, די ראָוון — פֿאַרווייט און פֿאַרשאָטן.
די פֿליגלען פֿאַרגליווערט אין פֿעלד שטייט אַ מיל.

קיין שליאַך און קיין סטעזשקע — בלויז שוימיקער זילבער.
עס ווײַזן די טעלעגראַף־סלופּעס דעם וועג.
עס טרינקט זיך אין שניי־אָקעאַן שטיל אַ דערפֿל
און נאַקעטע שווימען בעריאָזעס צום ברעג.

אַ צלם טוט תּפֿילה. די לויטערע שטילקייט
מאַכט טיפֿער דאָס זשומען פֿון טעלעגראַף־דראָט.
און פּלוצעם — אַ וויכער די שטילקייט צעטרייסלט —
אַ דאָרפֿישע חתונה לויפֿט אָן פֿון שטאָט;

עס טראָגן די פֿערדלעך, ווי אָדלער, מיט שׂמחה,
פֿון שטאָטישער צערקווע אַ גליקלעכע פּאָר.
צעפּלאָשעטע גריוועס, עס פֿלאַטערן סטענגעס
און יונגען און מיידן — אַ לוסטיקער כאָר —

מען רײַסט זיך די העלדזער, די קעפּ הויך פֿאַרוואָרפֿן,
די וויִעס, די טשופּרינעס — פּוכיק־באַשנייט;
מען בראַזגעט אין פּויקן, עס גרילצן האַרמאָשקעס
און ס'הילכט איבער פֿליינען די דאָרפֿישע פֿרייד.

פּינסק, 1934

ק אַ ר אָ ל י נ אַ
(באַלאַדע)

האַלבע נאַכט אינעם פּאַלאַץ פון דוכּוס.
צוויי ליכט שוואַרצע ברענען... עס ציִען
פאַרשטאָרבענע דורות און פעלקער
פאַרן אויג קאַראָליִנאַס אין שפּיגל...
און אָט איז איר צוקונפט... אָ, הימלען!
זי רײַסט מיט אַ מאַן זיך דורך פלאַמען...
אַ שפּיז טריפט מיט בלוט — בלויער שימער...
אַ קרוין... וואַסער-פּלאַנצן זיך וויגן...
— — — — — — — — — —

אין שלאָס קומען פירשטן און ריטער
אויף יאַגד אין די וועלדער פּאָלעסיער.
עס שוימען באָקאַלן אין פּאַלאַץ.
הוליאַנקעס און בעלער און קאָרטן.
און איינמאָל — אַ העסלעכער גראַף האָט
בײַם דוכּוס, דעם שיכּור-באַזויפטן,
אין גרוי פון באַגין אָפּגעוווּנען
זײַן אײדעלע, בילד-שיינע טאָכטער — — —

דאָס פײַפל פון פּאַסטוך גריגאָרי
פאַרכּישופט דעם ווינט און די פייגל.
עס קומט אין געצעלט קאַראָליִנאַ
געהיים — בײַ דעם שײַן פון די שטערן...
ווי טרויבן-ווײַן זינגען די בלוטן
אויף ווייכן געלעגער פון בלעטער — — —
ביז ס׳אומגליק קומט ראַש, ווי אַ דונער,
מיט קייטן... און תּפיסה... און טרערן — — —

און ס׳גייט אויף אין פלאַמען דער פּאַלאַץ,
צוויי שאָטנס אין נאַכט שטיל פאַרשווינדן...
עס יאָגן נאָך בראַנדזענע ריטער
אַ שיפל אַ פלינקס — אויף דער פּינאַ...
עס ברענען פאַנטאַסטיש די כוואַליעס.
פון וואַלקנס בליצט אויף די לבֿנה.
פון גראַפס בלאַנקן שפּיז פאַלט גריגאָרי...
און ס׳וואַרפט זיך אין טײַך קאַראָלינאַ — — — —

לבֿנה פאַרפּישופט די כוואַליעס —
אַ קעסל־גרוב ראַשיק נעמט שוימען
און שפּרייט אויס אַ נעץ פאַר די יעגער...
און נעמט אין זײַן שוץ קאַראָלינאַן.
אין פינקלענדע וואַסער־פּאַלאַצן
זי פּײַערט איר שליוב מיט גריגאָרין.
באַצירט מיט אַ קרוין — בלויע שטערן —
די מלכּה זי ווערט פון דער פּינאַ— — —

איר טראָן — פּערלמוטער, קרישטאַל,
אירע הויפדאַמען — שלאַנקע רוסאַלקעס.
ווען מיט זילבער עס טריפט צווײַג און בלום,
ס׳לאַכט די פּינאַ מיט ווײַס־ראָזע פּערל —
שפּילט אין נאַכט אַ פאַרפּישופטע פליוט,
שפּילט דאָס פּאַסטוכשע פּײַפל גריגאָרים —
וועקט אין הערצער פאַרלאָשענע פרייד...
צינדט ליבע און בענקשאַפט און טרערן — — — —

און ס׳וואַגלען אין חושך די גײַסטער
פון דובּוס, פון גראַף און די ריטער —
גילגולים — אין פינצטערן זומפּ־ים...
געשפּענסטער אויף נאַכטיקע וועגן — — —
זיי יאָגן ביז הײַנט קאַראָלינאַן...
זיי יאָגן דעם ווינט און די וואָלקנס...
און יאָמער און טײַוולש געלעכטער
שפּרייטן אימה און גרויל אין דער געגנט — — —

איך ליב דיך, פּאַלעסיע

איך ליב דיך, פּאַלעסיע,
איך ליב דײַנע הימלען,
וואָס הענגען, ווי שווערער
צעגאָסענער בלײַ.
איך ליב דײַנע פעלדער,
וואָס שווײַגן און דרימלען
מיט שלומער פון אלול
אין פריידיקן מאַי.

איך ליב יעדן שפּאַן
פון דײַן זומפּיקן באָדן,
כאָטש אָרעם און מאָגער
איז נעבעך דײַן ערד.
איך ליב דײַנע מוטנע
און רויִקע טײַכן,
ווי זיי בין איך ערנסט,
פאַרבענקט און פאַרקלערט.

דאָ איז דאָך מײַן קינדערשע
וויגל געשטאַנען,
דאָ האָב איך געטרוימט
פון אַ ליכטיקער וועלט...
כאָטש דו האָסט געשפּײַזט מיך
מיט יאָרן פון עלנט,
מיט נעפּלען די שײַן
פון מײַן חלום פאַרשטעלט.

איך שווייַג מיט דייַן שטילקייט
און לעב מיט דייַן אומעט
פון לאַנדשאַפטן גרויע,
אָן פאַרביקן רייץ.
דאָך ווייס איך נישט, מוטער,
אויב הייסער כ'וואָלט ליבן
די בערגיקע, רייַכע,
די זוניקע שווייץ.

אָ, האַרציקע, גרייַז-גרויע
היימלאַנד פּאָלעסיע,
איך בענטש דייַנע זומפּן,
די הימלען פון בלייַ.
איך הייליק דייַן אומעט
מיט טרערן פון ליבע
און שענק דיר מייַן קינדהייַט,
מייַן ליכטיקסטן מאַי.

פּינסק, 1928

דער בוים פון גאון
(באַלאַדע)

א

מיט יאָרהונדערטער פאַרוואַקסן איז דאָס אַלטע בית־הקברות,
איינגעפּאַסט, ווי אַ קמיע, צווישן פינסק און קאַראָלין;
איינגעגלידערט, ווי אַ פּנקס, אויפגעהיט פון אַלטע צייטן,
זיינע טאָוולען — גרוי און מאָכיק, זיינע בלעטער — טונקל־גרין.

שטיל געוויין פון ווייטע דורות, קומט צום אויער פון די ווינטן,
פון די פּוסטע ביימער־שטאַמען, האַלבע נאַכט, ווען ס׳קרייט דער האָן.
ווינטן בלעטערן לעגענדן. צווישן צווייגן — העראָגליפן,
שוועבט דער שאָטן פון כמעלניצקי און דער גייסט פון נאַפּאָלעאָן.

איבער אַלע ריזן־ביימער, איבער אַלע שטאָלצע קרוינען,
שטייגט דער בוים פון גרויסן צדיק, אויף דער הייליק־אַלטער ערד.
אין זיין שאָטן שטום זיך טוליעט לעצטער שטיין פון גרויען אוהל
און דער בוים שטייט, ווי דער גאון — הדרת־פּנימדיק, פאַרקלערט...

טרעפט אַן אומגליק, צי אַ גזירה, פירט דער וועג צום צדיקס קבר,
פאַלט מען צו מיט גרוים געיאָמער צו דעם מאָכיק־אַלטן שטיין...
און צו חצות, אין טיפער שטילקייט, שיילט זיך אוים פון בוים פון אַלטן
דאָס געשטאַלט פון גרויסן גאון און ער שפּרייזט אַוועק געהיים

צו דער קלויז, ווו פופציק יאָר ער האָט געזייט דאָס ליכט פון תורה,
איינגעהילט איןברייטן טלית, ער גאָטס הייליק הויז באַטרעט,
פאַלט אויף ראש דעם אָרון־קודש, הייסע טרערן בעטן רחמים...
ביז ער ווייסט: דער האַר פון וועלטן האָט פאַרנומען זיין געבעט ———

ב

הינטער דעם בית־עולם אַלטן,
צווישן פּינסק און קאַראָלין, —
אין דעם שאָטן פונעם גאון,
ווינט דער פּריסטאַוו קאָנסטאַנטין.

דראַפּעט זיך זײַן בליק מיט צאָרן
איבער צווײַג און מאָך פון פּלויט.
בוים פון צדיק איז אַ דאָרן —
בלינדע פעסטונג פאַר זײַן אויג.

שוואַרצט די זון פון זײַנע שויבן,
זאַמלט אַלע שטערן אײַן...
פאַנגט אין הויכן די לבנה,
טרינקט איר ליכט, ווי ווײַסן ווײַן.

זייגט דאָס ליכט פון זײַנע שפּיגלען,
הילט מיט קרעפּ דאָס בילד פון צאַר...
דעם צוויי־קעפּיק שטאָלצן אָדלער
דראָט זײַן שאָטן מיט געפאַר...

פּיקן קראָען אוים אין חלום
בלויע אויגן פון זײַן פרייד...
— וואָס זשע שווײַגט מיט ליבשאַפט פול
דער בלאָנדער מאַן, וואָס אויפן קרייץ? —

ווען איבער אַלע פּראַוואָסלאַוונע
הייליקייטן — אין דעם רוים,
ווען איבער אַלע קלויסטער־צלמים
הייבט זיך חוצפּהדיק דער בוים?...

ווען איבער יעדער שיינקייט גלאַנצט
דעם צדיקס קרוין — פון גאָלד און גרין?...
און ס'וואַקסט די שׂנאה און דער האַס
אין האַרץ פון פּריסטאַוו קאָנסטאַנטין.

וואָס קומען מחנות שוואַרצע ייִדן
מיט געבעט דאָרט און געוויין?
און ס'נעמט דער צדיק אויף משפּטים,
ווי זײַן מאַיעסטעט אַליין...

און וואָס סודען זיך די בלעטער
אַזוי מיסטיש אין דער נאַכט?
ווערט געהיים נישט אַ פאַרשווערונג
אויף זײַן לעבן דאָרט געמאַכט?...

און מיטן צאָרן וואַקסט זײַן אומרו,
זײַן בליק אַלץ טרויעריקער ווערט...
„אַ גרינגע ייִדישע מלוכה
זיך אויסגעשפּרייט אויף רוסלאַנדס ערד — — —

און ס'ווערט אַלץ מעכטיקער דער מלך,
און ס'לײַכט אַלץ העלער זײַן קרוין.
עס וועט זײַן שאָטן אַלץ פאַרשלינגען
און אין זײַן ליכט וועט אַלץ פאַרגיין" — — —

דער פּריסטאַוו קניט פאַר דער איקאָנע:
„באַשיץ אונדז, מוטער, אין געפאַר"...
און ברוגז גלאָצט דער שטאָלצער אָדלער,
פון בילד מיט פײַנטשאַפט קוקט דער צאַר...

און ס'רעדט אַ שטים צו זײַן געוויסן:
ראַט אויס דאָס שלעכטס פון פונדאַמענט!
דאָס שלעכטס, וואָס קלײַבט זיך אונדז פאַרניכטן,
מעק אָפּ, פאַרוויש מיט דײַנע הענט! — — —

ג

נישט קיין נײַער בית-המקדש וועט הײַנט חרוב ווערן
און נישט מאַרטירער וועט מען פירן הײַנט צום עשאַפאָט.
דאָך זענען הערצער אײַנגעהילט אין קרעפּ פון טרויער
און ייִדן פאַסטן און ייִדן בעטן גאָט:

אַ נס, אַ מופת דאָס אומגליק זאָל פאַרמײַדן!
און קריסטן שטוינען און ציטערן געהיים:
„עס קלאַפּט אין בוים דאָס האַרץ פון גרויסן צדיק,
טאָ ווער וועט וואַגן רירן אַזאַ בוים?" — — —

נאָר קאָנסטאַנטין אַליין וועט זײַן דער תּליון,
און פײַערן אין לעבן הײַנט זײַן גרעסטע פרייד.
ס'וועט זיגעריש זײַן האַק אין האַרץ פון גאון צילן —
צום צווייטן מאָל דער צדיק וועט ווערן הײַנט געטויט...

ד

עס ציטערט גאָלד אין ווילד-געדיכטע צווײַגן,
און בלעטלעך פלאַטערן אין שטיפערישן ווינט.
די האַק איז שאַרף, די האַק איז בלאַנק
און ווי אַ בליציק פויגל פליט
אין האַנט פון פּריסטאַוו קאָנסטאַנטין.
נאָר — בוים איז שטאָל, איז מעכטיקער גראַניט,
מיט חוזק ענטפערט טעמפּער ווידערקלאַנג.

אַט פֿאַלן אָפּ די הענט שוין מיד,
אין אויגן ווילדער צאָרן גליט,
אין בליק — נקמה־פֿײַער ברענט.
דאָך — ווידער בליצט די האַק און פֿליט
אין זײַנע פֿיבערדיקע הענט.
נאָר — בוים איז מער שוין נישט גראַניט,
ס׳איז בוים אַצינדער — ווארעם לײַב.
אין אויער ציטערט אַ געשריי...
און פּלוצעם גיט אַ פֿלייץ מיט רויטס,
מיט רויט און היים און שוימיק בלוט — — — —
און אַלץ ווערט לײַב, און אַלץ ווערט ווונד,
און ס׳פּלייצט דאָס בלוט פֿון יעדן צווײַג,
און ס׳פּלייצט פֿון אַלץ מיט הייסן רויט —
פֿון גראָז, פֿון קוסט, פֿון אַלטן פּלויט.

און אַט פֿאַרשווינדט דער אַלטער בוים
און ס׳ווערט פֿאַרווישט דער בלעטער־וואַלד,
און פּלוצלינג וואַקסט אויס אַ געשטאַלט,
מאַכט פֿול מיט זיך דעם גאַנצן רוים.
אַ באָרד אַ ווײַסע — קלאָרער שניי,
געקרויזטע זילבער־פּיאות צוויי.

אים קוקן אָן צוויי אויגן שטיל,
זיי גלעטן פֿאָטערלעך און צאַרט,
און יעדער בליק איז אים באַקאַנט.

און ס'בלײַבט דער פּריסטאַוו שטײן פאַרשטאַרט,
דאָס בלוט אין לײַב זײַנעם פאַרקילט,
פאַרגליווערט בלאַנקט די האַק אין האַנט.
און קאָנסטאַנטין בלײַבט נעבן בוים,
ווי אַ פיגור פון גיפּס און ליים — — —
— — — — — — — — — — —

שוין לאַנג פאַרשווונדן דאָס געשטאַלט,
און ווידער גרינט דער בלעטער־וואַלד.
ס'איז שטיל. אַ סאַמעט־ווינטל בלאָזט,
און שטערן ציטערן אין גראָז.
אין נאַכט, אין זילבער און אין גרין —
ווי אַ סלופּ שטייט קאָנסטאַנטין — — —

און ס'וועקט אים מילד פון שלאָף דער ווינט:
— העי, קאָנסטאַנטין! העי קאָנסטאַנטין!
וואָס שטייסטו דאָ לעם בוים פאַרטראַכט?
וואָס גייסטו נישט אַהיים בײַנאַכט?
עס וואַרט דײַן טיש, דײַן ווײַב, דײַן קינד!
דײַן בעט מיט צערטלעכקייטן וואַרט.
העי קאָנסטאַנטין! העי קאָנסטאַנטין!
— — — — — — — — — — —

אַ פויגל שרײַט אין שטילער נאַכט,
אין טהרה־שטיבל גרילצט אַ גריל.
אַ פרישער שטערן פאַלט אין גראָז
און אַלץ בלײַבט ווידער טויט און שטיל.

פּינסק, 1934

געזאַנג פון קדושים

געהייליקט דעם אָנדענק פון די פינסקער 35
קדושים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן
דורך די פוילישע לעגיאָנערן, ה׳ ניסן, 1919,
בײַ דער קלויסטער־וואַנט אין פינסק

...ענג איז אונדז דער ברידער־קבר,
זענען מיר דעם שלאָף הײַנט גובר —
אויסצוגלײַכן גליד און אבר
קומען מיר איצט — האַנט בײַ האַנט.
און ווי יעדעס יאָר — הײַנט ווידער,
טויטן־טאַנץ און שוואַרצע לידער
טאַנצן זין, חתנים, ברידער —
בײַ דער ווײַסער קלויסטער־וואַנט — —

אָ, פאַרלעשט זיך, בלויע שטערן!
קוקט נישט פון די ווײַטע ספערן —
שוין אַ שאָד אַזויפיל טרערן.
זאָלן הערצער זײַן באַרוט!
ווינט, שפרייט אויס דײַן גרויען פעכער,
שרײַ אַראָפּ פון אַלע דעכער,
וויין פון אַלע פענצטער־לעכער
אויף דעם גרויל פון ווונד און בלוט...

נישט די האַלבע נאַכט צו שרעקן,
נישט די שטילקייט אויפצווועקן —
דאָך — די ווונדן צו פאַרדעקן
זענען מיר איצט נישט אימשטאַנד.

קיינעמס שוועלן צו באַטרעטן —
אָ, מען שרעקט זיך פֿאַר סקעליעטן,
טאַנצן מיר דאָ אומפאַרבעטן
ביַי דער וויַיסער קלויסטער-וואַנט.

ס׳לעבט די וואַנט איצט אונדזער לעבן —
בלוט און מאַרך איר אָפּגעגעבן...
און די שטיינער, וואָס דערנעבן
האָבן אויך אונדז איצט דערקענט.
אַלץ איז פריש נאָך אין זכרון,
נישט פאַרשטילט איז נאָך געוואָרן
דאָס געוויין פון יונגע יאָרן
הינטער שוואַרצע קבר-ווענט — — —

אָפּגעשניטענע געפילן,
אָפּגעהאַקטע לעבנס-צילן,
דרייט פאַרגעסענע קאַדרילן —
חופה-פידלען שפּילן נאָך...
אונדזער נאַקעטקייט און דלות —
אָן תכריכים און אָן טלית.
טרויער-לידער — יונגע כלות
זינגען איצט אויף אונדזער בראָך — — —

הילכיק קלינגט דער קראַנץ פון ביינער —
פינף און דריַיסיק איז נישט איינער...
טוליען מיר זיך צו די שטיינער —
אונדז האָט מען מיט זיי פאַרקנסט...
זעט, דער הימל נעמט שוין גראָען!
שאַרבנס פלאַצן פאַר שגעון.
אונדז באַגריסן שוואַרצע קראָען
און אַ ווינט איז אונדזער גאַסט.

װען נישט שטערן זאָל דער שאָטן,
װאָלט אונדז יעדערן געראָטן
דורך אַ שפּאַרע פונעם לאָדן
אָנקוקן זײַן ליבע היים — — —
טאַטעס, מאַמעס — פיל פאַרלאָרן,
כּלות — מוטערס שױן געװאָרן.
ס'נעמט זיך זײַנס דער גאַנג פון יאָרן.
דאָך — איין בליק כאָטש אין געהײם — — —

קראַנקע בענקשאַפט, װער פאַרלאָשן!
שױן דער מזרח ראָז צעגאָסן.
אָ, שױן צײַט די שטאָט פאַרלאָזן,
קבר-ברידער, אײַלט זיך צו!...
זעט איר „שחיטה-קעלבער" פירן?...
קלױסטער-צלמים טריומפירן,
צינדן װאַנזין אין געהירן...
אײַלט, אונדז רופט די גרױסע רו! — — —

פינסק, 1928

אונדזער ליבע

אונדזער ליבע

אונדזער ליבע איז פּשוט, ווי אונדזערע רייד,
ווי ס׳איז פּראָסט אונדזער הילצערנער טיש און דאָס ברויט,
ווי ס׳איז האַרט אונדזער לײַב, און ס׳איז פּראָסט אונדזער קלייד,
וואָס פאַרדעקט אונדזער בענקשאַפט — די פּאָסטוכשע פּלייט.

אונדזער שלאָף, ער איז האַרט, ווי ס׳איז האַרט אונדזער בעט.
ס׳פּאַלט שטיל אונדזער טרער, ווי אַ וואַרעם געבעט.
ס׳איז פּשוט און פּראָסט אונדזער גליק, אונדזער פרייד,
ווי ס׳איז פּראָסט אונדזער לעבן און איינפאַך דער טויט.

ס׳איז מגושמדיק גראָב אונדזער קרעפּטיקער טראָט,
מיט אונדז אין די קעלערן וווינט אונדזער גאָט,
דער האַר האָט געניִדערט צו אונדז פון דער הויך,
פאַרבערענגט מען צוזאַמען אין ענגשאַפט און רויך.

אונדזער גליק — עס איז קאַרג, אָבער וואַרעם און גוט,
אונדזער פרייד איז דער רוף פון צעזונגענעם בלוט,
אונדזער פּראַצע איז שווער, און דער שלאָף איז געזונט,
אונדזער גלויבן איז טיף און האָט פליגל און גרונט!

פאַר יעדן איז פרײַ אונדזער אָפענע טיר...
אונדזער טרוים איז אין קייטן... און מענטשלעך, ווי מיר...
אונדזער לעבן איז פּײַן און יסורים און שפּאָט —
נאָר ס׳וועט נאָך אַ הילך טאָן אין וועלט אונדזער טראָט!

פּינסק, 1930

ל י ב ע

(לויט לעאָפּאָלד סטאָף)

דײַנע ווײַסע פענצטער עפן אויף!
מײַנע מידע אָדלער וואַרטן בײַ דײַן טויער,
מײַנע מידע אָדלער פרעסט אַ שטומער טרויער...
איבערזעטיקט זענען זיי מיט בלוט און פאַרגעניגן,
ווילן זיי — אַ צאַרט געזאַנג זאָל זייער שלאָף פאַרוויגן,
קוקן זיי מיט בענקשאַפט שטיל צו דיר אַרויף!

לאָז אַרוים די אומשולדיקע ווײַסע טויבן דײַנע!
זאָלן זיי מיט מײַנע אָדלער פליִען,
ווי לאַנג דער טאָג אויף זײַנע גאָלד-וועגן וועט ציִען.
זאָלן זיי זיך מיט די אָדלער מײַנע שפּילן,
מיט זילבער-ריינע צערטלעכקייטן זייער בענקשאַפט שטילן,
אויף גאָלד-געבלומטע טעפּיכער פון סאַמעט-גרינע לאַנען.

לאָז אַרוים די בלענדיק-העלע, צאַרטע טויבן דײַנע!
זאָלן פלעקן שוואַרץ-ווײַסע אין בלויען רוים זיך מיגִיען,
זאָלן מײַנע אָדלער זיך מיט ראָזער פרייד פאַרכליניען...
יונג-פאַרליבט און אומשולדיק און פלאַמיק-היים זיך האַלדזן,
אַז ווײַסער גליק זאָל אויפזינגען אין טיפע פעלדזן-שפּאַלטן,
ביז די זון וועט אויפהערן צו שײַנען.

לאָז אַרוים די אומבאַפלעקטע רייצנדיקע טויבן!
ס'וועלן מײַנע אָדלער צווישן בערג מיט זיי זיך שפּילן,
ביז זיי וועלן רייצנדיק און וואַרעם בלוט דערפילן...
וועלן שאַרפע נעגל בייז און דורשטיק נעמען שטיקן,
שנייִיק-ווײַסע פליגעלעך פאַר ליבשאַפט ווילד צעפליקן;
און ס'וועלן זילבער-פעדערלעך צום הימל-בלוי זיך הייבן — — — —

שיר השירים

פון זײַנע טיפֿענישן רופֿט צו דיר אין בלויע נעכט מײַן לײַב.
צעעפֿנט זענען מײַנע אָרעמס פֿאַר דיר ברייט,
ווי פֿאַרן וואַנדערער די פֿרילינג־וועגן אויסגעשפּרייט,
ווי די אויפֿגעפֿראַלטע טויערן פֿון מײַן געמיט —
קום נעם מיך אין דײַן גאָרטן מיט,
שולמית, האָב מיך ליב!

ווי אַ רויז אַ ווײַסע ביסטו יונג און צאַרט,
נאָר אין דיר פֿליסט רויטער ווײַן — יאָרטויזנטער שוין אַלט.
ווי אַ רויז אַ ווײַסע ביסטו צאַרט און קלאָר
און מיט מירע שמעקן דײַנע לאַנגע, שוואַרצע האָר.
עס שמעקט דײַן לײַב מיט פֿעלד און היי,
און קיל און זויבער כוואַליעט זיך דײַן קלייד,
ווי יונגער שניי.
דײַן אויג טראָגט פֿרייד
אין מײַן געמיט,
נאָר איך בין —
מיד.

כ׳בין מיד, שולמית!
כ׳בין מיד אין שטאָט פֿון שטאָל און שטיין,
כ׳קען נישט הערן מער דאָס שטיינערנע געוויין
פֿון גרויע ווענט,
ס׳געלעכטער פֿון די וועגענער
אויף האַרטן ברוק.
אומעטיק און גרוי דער הימל קוקט און קוקט,
און שווער, אוי, שווער זענען די הענט.

ווי פרילינג-שטראָמען קלינגט דײַן שאַלנדיקע פרייד,
ווי ווען דער שניי אויף באַרג און טאָל צעגייט
און גיסט אין הונדערט טײַכלעך זיך אראָפּ.
בייג צו צו מיר, שולמית מײַן, דײַן קאָפּ!
לאָז פאַרקוקן דיר אין אויג אַרײַן —
דײַן פרילינג שימערן וועט אין מײַן הארץ
מיט העלן מאָרגן-שײַן.

די פייגל האָבן שוין אין לאַנד צוריקגעקערט.
עס שטיפט די ליאָרך דין-צוויטשענדיק איבער דער ערד.
אויף דער לאָנקע שפּילט די פּאַסטוך-פּלייט,
און אין דער הייך דער שפּאַרבער קרײַזן דרייט
און בלײַבט ווי אַ פינטעלע פאַרגליווערט שטיין.
שולמית, קום צו גיין!

כ׳האָב די וועגן צו מײַן הויז מיט בלומען אויסגעשפּרייט,
מײַן גוף אין קוואַל-וואַסער געבאָדן קיל,
ערשט וואַרט איך אויפן שאָרך נאָר פון דײַן קלייד —
באַרויש מיך מיט דער נאַכט פון דײַנע האָר,
אין חלום פון אַ וווּנדערלעכער וואָר,
וואָס זאָל אין טונקעלן פּיאָלעט
אויפשטראַלן בײַ מײַן בעט.

פינסק, 1929

קום אריַין אין מיַין האַרץ

קום אַריַין אין מיַין האַרץ, ווי אַ טויב,
מיט ליכטיק־צעזונגענעם בליק,
דיַין שמייכל זאָל אויפזינגען: גלויב —
אין פרילינג, אין מענטש און אין גליק.

מיט דיר אַזוי העל איז דער גאַנג —
די האַרבסטיקע סטעזשקע ווערט גרין;
מיט דיר ווערט דער טרויער — געזאַנג,
מיט דיר האָט דאָס ליַידן אַ זין!

ווי אַ טויב אין מיַין האַרץ קום אַריַין,
די כמאַרעס די שווערע צעיאָג,
כ׳זאָל פילן די גרויסקייט פון זיַין,
די שיינקייט פון נאַכט און פון טאָג!

מיט זון־שיַין פיל אָן מיַין געמיט,
מאַך זינגענדיק־פריידיק מיַין טראָט,
מאַך קרעפטיק און לויטער מיַין ליד,
באַהויכט מיט דיַין צאַרטן גענאָד.

ווי די זון אין מאַי

ווי עס רעדט דער וואָלקן מיטן ווינט
און ווי עס ריידן בלעטער מיט די צווײַגן,
וויל איך ריידן הײַנט מיט דיר
דורך זינגענדיקן שווײַגן.

ווי עס ריידן גרעזער מיט אַ קוואַל,
ווי דער טײַך פּאָרטרויט זײַן בענקשאַפט פאַר די ברעגן,
און ווי דאָס פרילינגדיקע פעלד
זאַפּט אײַן דעם שפּעדיקן רעגן —

זאָל אײַנזאַפּן דײַן האַרץ דעם טוי
פון מײַנע לויטערסטע געפילן און באַגערן,
און אויפגיין זאָל דײַן ליבע גרויס און שיין
ווי די זון אין מאַי און ווי די פרילינגדיקע שטערן.

שיידונג

לעצטער פּײַף פון לאָקאָמאָטיוו און לעצטער וואָלקן־רויך
איז שוין אין ליידיקייט צעשוווּמען,
לעצטער רעדער־קלאַנג און לעצטער שלאַנגען־דריי פון צוג
אין רויט־זיך־לעשנדיקער זון,
ס'האָט נאָך פריש געררוט אויף מײַן געזיכט
דער צאַרטער הויך פון דײַנע ליפּן
און טרויעריק־זיס און ווייטאָקלעך
האָט טיף געקלונגען נאָך אין מיר
דײַן לעצטער „זײַ־געזונט!"...

ס'האָט היימוועגס אומרויִק געקלאַפּט מײַן האַרץ
צום אומרויִקן טאַקט פון מײַנע טריט.
פרעמד געקלונגען האָט די פּאַרק־מוזיק,
ביז געררייצט דאָס שרײַענדיקע קינאָ־ליכט...
ס'האָט וואַנזיניק אין מיר געפיבערט אַ באַגער
צו אַנטרעפן אין יענער שעה דײַן לאַכנדיק געזיכט...

כ'האָב אומפאַרשעמט אַרײַנגעקוקט
אין פרעמדע מיידל־פּנימער און מיידל־בליק:
פון די פרעמדע מיידל־פּנימער וועל איך דיך אַרויסכּישופן צוריק —
וועסט אַרויסקוקן צו מיר פון גרויע מויער־ווענט
און אויסשטרעקן צו מיר די ווײַסע הענט...
נאָר כ'האָב געפּלאָנטערט זיך אומזיסט...
ביז ערשטער שטערן האָט די וועלט באַגריסט.

און דאָן האָב איך זיך אײַנגעשלאָסן לאַנג
אין ענגער טונקלקייט פון מײַנע ווענט,
פאַרטיפט די אויגן מײַנע אין דײַן בילד
בײַם בלייכן שטערן־שײַן,
האָט ווילד אין מיר געעקבערט אַ פאַרלאַנג,
אַז אין דײַן מויל זאָל אויפבליִען געזאַנג...

נאָר ווען עס האָט די נאַכט
מיט בלויע פינגער מײַנע וויִעס צוגעמאַכט,
דאָן האָסטו ווידער זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט
בײַם ראַנד פון בעט...
איך האָב דערפילט דײַן ווייכן אָטעם אויף מײַן שטערן,
כ׳האָב אײַנגעזאַפּט דעם רויזן־דופט פון דײַנע האָר...
באַרוישט פון גליק האָב איך אין שלאָף געשמייכלט
און ס׳האָבן מײַנע ליפּן שטיל געפּליסטערט אַ געבעט...

פינסק, 1929

ווינטער־פֿאַרנאַכט

לויטערע פֿאַרנאַכטן־שטילקייט
לייגט זיך העל אויף מײַן געמיט.
ראָזקייט שפּילט אויף ווײַסע שנייען,
רגעס ליכטיקע פֿאַרגייען
און מײַן ווינטער־טרוים צעבליט.

זאַפּט די בלענדנדיקע ווײַסקייט אײַן
דער טיולענער גאַרדין.
לאָמיר, ליבסטע, איצטער שטײַגן,
אין דעם געטלעך־טיפֿן שווײַגן
אָן אַ ציל און אָן אַ זין...

לייג צונויף די פֿינגער דײַנע
ריר נישט אָן מײַן האַרץ־קלאַוויר —
וועסט דערוועקן בלאַסע פֿריידן,
טיפֿע, אײַנגעשטילטע ליידן —
מיט דײַן מינדסטן האַנט־באַריר.

צינד נישט, ליבסטע, אָן קיין פֿײַער,
ס'איז אין טונקל אַזוי וווֹיל,
כאָטש איך האָב נאָך נישט צענומען
בריוו, וואָס איך האָב הײַנט באַקומען
פֿון אַ פֿרײַנד פֿון ארץ־ישׂראל.

כ'וויים: עס בלאַנקען זײַנע שורות
פֿריידיק־פֿײַערלעך אַזוי:
„ס'רוישט דער ים און פּאַלמעס גרינען,
ס'רייצט דאָס גאָלד פֿון אַפּעלסינען"...
און איך — איך בין פֿאַרליבט אין שניי — — —

לילאַ־שאָטנס נעמען בליִען
אויף דער קאַנווע פון פאַרנאַכט.
שוועבן מיר אויף וואַנדער־וועגן...
ס׳ליגט אַ קראַנקע וועלט אַנטקעגן —
כ׳האָב איר טיר אַצינד פאַרמאַכט.

צינד זשע, ליבסטע, נישט קיין ליכט אָן! —
וועסט די הייליקייט פאַרלעשן...
ביז די וואָר וועט אונדז נישט צווינגען
פון דאָס נײַ אין יאָך צו זינקען —
לאָמיר אין דער וועלט פאַרגעסן — — —

פינסק, 1930

דײַן שמייכל

כ׳בין הײַנט אַ גאַנצן טאָג געלעגן קראַנק
און ס׳איז געווען מיר אַזוי שווער און באַנג.
די זון האָט העל אַרײַנגעלאַכט אין מײַנע שויבן.
אין גאָלד און גרין עס האָבן זיך דערהויבן
צום הימל־בלוי די בערג, און מיידלש־יונג געלעכטער
געטראָגן האָט זיך העל פון אַלע ערטער.
געזאַנג און פרייד, וואָס האָט די ערד פאַרפלייצט
האָט זיך מיט מיר פון יעדן ווינקעלע געדרייצט.
און מיר — אַלץ שווערער, אומעטיקער איז געוואָרן,
מײַן האַרץ האָט זיך געבונטעוועט אין צאָרן:
איך האָב אַ טאָג אַ זוניקן פאַרלאָרן!

נאָר ווען פאַרנאַכט דו ביסט אַרײַן צו מיר אין צימער,
געבראַכט האָסטו אין אויגן ליכטיקע דעם שימער
פון זון אויף בערג, אין טאָלן און אויף פליינען.
עס האָט דײַן שמייכל אויפגעשײַנט מיט אַלע חנען.
אין האַנט פאַרברוינטער — אַ פרישן, פאַרביקן בוקעט
פון פעלד־בלומען האָסט מיר דערלאַנגט צום בעט,
און ס׳האָט דאָס צימער אויפגעהעלט מיט ליכט פון זונען
און פול געוואָרן מיטן דופט פון וואַלד און פעלד.
איך האָב דורך דיר די שײַן פון טאָג פאַרלוירענעם געפונען —
די שיינקייט פון אַ יונגער, זינגענדיקער וועלט.

און כ׳האָב געדאַנקט די שאָטנס פון פאַרנאַכט,
וואָס האָבן דיך אין מײַנע ווענט אַ זוניקע געבראַכט.

קריניצע, 1955

די בלומען וועלן בליען פאַר דײַן פענצטער

דעם ליבן אָנדענק פון רבקה דוואָרקין

די בלומען וועלן בליִען פאַר דײַן פענצטער
און וועלן בענקען נאָך דײַן צאַרטן האַנט-באַריר.
אויף דײַן טישל לאַנג דאָס בוך וועט וואַרטן
מיטן שער-בלאַט — אַ פאַרמאַכטע טיר...

דאָס פעקל בריוו פון נאָענטע און ליבע
וועט בענקען נאָכן היים-באַטרערטן בליק
פון דײַנע סאַמעטענע, טרויעריקע אויגן
מיט בענקשאַפט פלאַמיקער נאָך זוניק-ווײַטן גליק.

די סטעזשקע פאַרן הויז וועט נאָך דײַן פוסטריט בענקען,
און בענקען נאָך דײַן קול וועלן די שטומע ווענט,
דער פרילינג וועט זיך ווונדערן, פאַר וואָס דו ווילסט שוין מער נישט
באָדן אין זײַן זון-גאָלד דײַנע בלייכע הענט.

און אומגליקלעך-פאַרשעמט און שטיל פאַריתומט
אַראָפּקוקן דײַן בילד וועט פון דער וואַנט...
און גלאָצן וועט דײַן זייגערל מיט שטומע ווײַזערס
און נישט באַצירן מער דײַן דורכזיכטיקע האַנט.

און ס׳וועט פון זאַמד-קעסטל אַרויסוויינען דײַן לעבן,
וואָס דו האָסט אויסגעשפּיגן אין די העלסטע טעג,
ווי רויטע רויזן — פאַר דײַן יונגן קבר,
ווי רויטע שטערן אויף דײַן לעצטן וועג...

און דו וועסט שווײַגן אונטער ערד און קילן שאָטן,
מיט שערבלעך דײַנע אויגן צוגעמאַכט,
און וועסט נישט טרינקען מער פון ביכער, ווי פון קוואַלן,
דאָס העלסטע ליכט אין טיפער נאַכט.

דאָך וועלן אויך פון אונטער שערבלעך דײַנע אויגן
זוכן מיט פאַרטרערטן בליק
דײַן האַרציקן דײַן טרײַען טאַטן,
וואָס האָט דײַן קראַנקן-בעט געהיט, ווי אַמאָל דײַן וויג.

נאָר וועסט זיך מער נישט בייזערן פאַר וואָס דײַן טאַטע
איז אַוועק און זאַמט זיך אַזוי לאַנג...
זײַן קראַנק-צעוווּנדיקט האַרץ וועט איצט אַ פויגל ווערן,
וואָס וועט דײַן שלאָף פאַרוויגן צווישן בלום און צווײַג...

פינסק, 1937

ס׳איז גוט

ס'איז גוט!

ס'איז גוט, וואָס דער סטעפּ
שווימט אין גאָלדיקן ליכט
און גוט איז,
וואָס שטענדיק קיל איז דער וואַלד.
ס'איז גוט, וואָס דער מענטש
קען אַנטלויפן פון זיך
און געפינען זיך צריק
אין אַן אַנדער געשטאַלט...

ס'איז גוט, וואָס לעם באַרג
זעט מען טיפער דעם טאָל,
און גוט איז,
וואָס מעש האָט דעם שימער פון גאָלד,
ס'איז גוט, וואָס די טרער
קומט באַוויינען דאָס גליק
און וואָס אַ שמייכל פאַרווישט אָפט
דעם טרויער אין בליק...

ס'איז גוט, וואָס די טרייסט
קומט — באַלוינונג פאַר צַעַר,
און גוט, וואָס מיט שוויים
איז געקנאָטן דאָס ברויט,
ס'איז גוט, וואָס דער מענטש
גייט אויף שטריק פון געפאַר
און פאַרהוילן פאַר אים איז
די שעה פון זײַן טויט...

פינסק, 1936

גערא̇נגל

ס׳האָט דאָס לעבן מיך געלערנט
טיף צו פֿײַנט האָבן דאָס לעבן...
ס׳האָבן מענטשן מיך געלערנט
אויסצומײַדן זייער טיר...
און מײַן האַרץ האָט מיך געלערנט
ליב צו האָבן און פֿאַרגעבן
און צו פֿאָלגן אונטערטעניק,
וואָס עס הייסט מיר און דיקטירט.

און מײַן שטאָלצע אייגנליבע
האָט געלערנט מיך צו האַלטן
הויך דעם קאָפּ מײַנעם געהויבן —
ענטפֿערן מיט האָס פֿאַר האָס...
און מײַן ניכטערער פֿאַרשטאַנד האָט
מיך געלערנט גיין אויף פּשרות,
זיך פֿאַרמיטלען, אַז נישט ווערן
זאָל דאָס לעבן מיר צו לאַסט — — —

טראָג איך אום אַ האַרץ מיט ליבע
דאָרט, וווּ האָס מיר שפּײַט אין פּנים...
עפֿן איך פֿאַרמאַכטע טירן
דאָרט, וווּ וויסטע שׂנאה גליט...
כ׳וויל דורך העלער גוטסקייט שטײַגן!
כ׳וויל דורך ליבשאַפֿט זיך דערהייבן,
ס׳זאָל מײַן לעבן זיך צעבליִען,
ווי אַ בוים מיט ווײַסן צוויט.

ווען מײַן האַרץ זײַן אוצר עפנט —
נעמט דאָס וואָרט מײַן אייגנליבע...
ווען עס זינגט מײַן אייגנליבע —
ביטער וויינט דאָס האַרץ אין מיר...
מײַן פאַרשטאַנד קעמפט שווער מיט ביידן —
ס'גייט אַ שטענדיקער געראַנגל...
וויל איך אָפּט פון זיך אַנטלויפן,
נאָר איך זוך אומזיסט אַ טיר — —

אַ תּפילה

באַהיט מיך גאָט פון צופיל פרייד,
וואָס זאָל מיך טרעפן אומגעריכט.
באַהיט מיך — אין אַ שעה פון נויט
צו זײַן אַ צאַנקענדיקע ליכט.

ווי מוט איז נייטיק אין געפאַר,
איז קראַפט — אין אומגעריכטן גליק,
און ס'איז נישט ליב מיר, גרויסער האַר,
פאַרבלענדט צו זײַן אַן אויגנבליק.

באַשיידן כ'בין און שטאָלץ צוגלײַך,
און כ'האָב אַלצאיינס אַ ליבּ, אַ שפּאָט,
איז נישט צו קאַרג און נישט צו רײַך
דערפאַר זאָל זײַן צו מיר דײַן גנאָד.

דורך מדבר־זאַמדן ציט מײַן וועג
און כ'זע אָאַזיסן אין טרוים,
און מער, ווי פרוכט אין רײַפע טעג,
איך ליב אַ ווײַס־צעבליטן בוים.

פון בונטן בליץ באַשיץ מיך, האַר,
און שטראָף און בענטש מיך שטילערהייט —
אין האַרצן טריף מיר טראָפּנס צַער
און צַער זאָל אויפשמייכלען אין פרייד.

פינסק, 1932

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט האָט אָנגעקלאַפּט צו מיר אין שויב
מיט העלער בשׂורה, ווי נחת טויב:
— איך בין דער שפּרוך, דער פּישוף־שליסל
צום טויער פון דײַן האַרץ און פון געוויסן.
איך בין פאַרן ווײַן פון דײַן בענקשאַפט — דאָס קריגל,
איך בין דער פורעם פאַר דײַנע ציגל!
אין פרײַנדשאַפט געהייליקט, אויף אייביק פאַרברידערט,
וועל איך דערהייבן דײַן צער פון דער נידער,
וועל איך טראָגן דײַן פרייד אויף אָדלער־פליגל!

ווי ווינט טרייסלט צײַטיקע פרוכטן פון צווײַגן,
ווי סערפּ שנײַדט די רײַפע, די גאָלדענע זאַנגען,
שנײַדט וואָרט מײַנע טרוימען און מײַנע פאַרלאַנגען
און בינדט זיי, ווי גאַרבן, ווי זוניקע סנאָפּעס,
פאַר מיר און פאַר דיר און פאַר אַלע צוזאַמען,
אין שורות, אין סטראָפן, אין פערזן אין גראַמען —
באַשיידן און פּראָסט, ווי אַ בריוו צו דער מאַמען.

אומרויקער גײַסט

איך בין אַן אומרויִקער גײַסט
אויף שוימענדיקע כוואַליעס פון די טעג.
איך פלאַטער־אויף מיט יעדן ווינטגעדריי
און טראָג זיך אום אין פאַלדן פון געוויטער,
אַריבער שווינדערלעכן אָפּגרונט,
אַריבער קעפּ פון שווינדלדיקע בערג.

איך דרעמל אײַן מיט לעצטן שטערן־ציטער
און כאַפּ זיך אויף מיט ערשטן זונען־שפּליטער.
איך רו אויף העכסטן פעלדזן־שפּיץ,
איך צינד זיך אָן אין שענסטן בליץ,
איך פלאַקער־אויף אין העלסטן פלאַם
און כ׳טויך אַרונטער פּערל זוכן
אויפן גרונט פון טיפסטן אָקעאַן.

מײַן בענקשאַפט —
אין לבנה־שײַן אַ וויינענדיקע פידל.
אַ בליציק־שנײַדנדיקער סערפּ —
מײַן צאָרן.
עס איז מײַן פרייד —
דער נישט־געצוימטער אימפּעט פון אַן אָדלער.
מײַן ליד —
אַן עכאָ פון די בערג.
אַ פײַל אַ גיפטיקע,
אַ טראָפּן ליכט —
מײַן וואָרט.

איך בין אַן אומרויִקער גײַסט
אויף שוימענדיקע כוואַליעס פון די טעג.

מאַמעשע הענט

(לויט קורט טוכאָלסקי)

האָסט מיט ליבשאַפט געטראָגן דעם יאָך —
האָסט אונדז קאַווע צום פרישטיק געקאָכט;
האָסט געבאַקן אונדז זעמל און ברויט;
האָסט געוואַשן, גערוימט און גענייט.
ס'זענען קיינמאָל גאָר מיד נישט געווען
דײַנע קנאָכיקע, מאַמעשע הענט.

האָסט אונדז מילך יעדן טאָג צוגעגרייט
און צוקערלעך געבראַכט אונדז מיט פרייד;
האָסט קאַרטאָפל אויף מיטאָג געשיילט
און אונדז צערטלעך דאָס ברויט אויסגעטיילט.
ס'זענען טרײַ אונדז און גינציק געווען
דײַנע וואַרעמע, מאַמעשע הענט.

אויף דער וועלט אונדז געבראַכט האָסטו — אַכט
און האָסט צוויי גלײַך צו קבורה געבראַכט...
אונדז דערצויגן אַ צערטלעך, אַ שטרענג;
האָסט די וועלט אונדז געלערנט פאַרשטיין,
ביז מיר האָבן דאָס לעבן דערקענט.
אָ, געבענטשט זאָלן זײַן דײַנע הענט!

איצט זענען די הענט דײַנע קאַלט...
מיר פילן, מיר ווייסן, אַט באַלד
וועט דער טויט שוין געפינען דײַן טיר...
איצט זענען מיר ווידער לעם דיר —
די הערצער ביז ווייטיק פאַרקלעמט,
און גלעטן דיר דאַנקבאַר די הענט — —

ווער פילט דעם צער?..

ווער פילט דעם צער און ווי פון די, וואָס זיי איז פרעמד
די בלויקייט פון די נעכט, וואָס שמעקן מיט זשאַסמין,
די שיינקייט פון אַ רויז, וואָס שמייכלט צו דער וועלט
דורך דימענטן פון טוי, אין ראָזקייט פון באַגין;
וואָס טאַפּן זייער וועג אין ענדלאָז־ווייסטער נאַכט,
ווען ס'וואַלגערט זיך אין שטויב אַזויפיל זון און ליכט,
וואָס זענען בלינדערהייט געקומען אויף דער וועלט
און קענען נישט צומאָל דאָס אייגענע געזיכט...

ווער פילט דעם שטומען וויי, דעם טיפן צער פון די,
וואָס האָבן ווען געקענט די העלע פרייד פון טאָג
און ווערן איצט געפירט, ווי שטיקער שוואַרצע נאַכט,
און זינגען בלינדערהייט אויף יעדן הויף און ראָג...
און פילן דעם באַריר פון פאַלנדיקן שניי,
דאָס צאַרטע גאָלד פון מאַי, אין פאַרבן־שפּיל צעבלענדט,
און צערטלען ווײַב און קינד מיט פיבערדיקע הענט...
און וויסן: ס'וועט דאָס אויג זיי קיין מאָל שוין נישט זען...

ווער פילט דעם שטומען וויי, דעם טיפן צער פון די,
וואָס די נאַטור האָט טיף באַליידיקט און פאַרשעמט:
מיט הויקערדיקן גוף, פאַרקריפּלטן געזיכט,
וואָס זענען זיך אַליין אָפט עקלהאַפט און פרעמד;
וואָס ווערן אויסגעלאַכט בײַם בעטלען ראָזן גליק,
מיט הערצער — פול פאַרלאַנג, מיט אויגן — פול באַגער...
וואָס האַסן גאָר די וועלט און האַסן זיך אַליין,
און האַסן זייער האַס און האַסן זייער טרער...

װער פֿילט דעם שטומען װײ, דעם טיפֿן צער פֿון די,
װאָס האָבן זײער גליק געטוליעט הײם צום האַרץ,
געטרונקען דורשטיק־יונג פֿון פֿולן בעכער פֿרײד
און פּלוצלינג האָט דאָס ליכט זיך אױסגעלאָשן — שװאַרץ...
עס האָט דער טױט געלאָזט אַ בלוטנדיקע װוּנד
און ס׳קען פֿאַר זײ די זון נישט אױפֿלײַכטן שױן מער...
זײ שלײַכן שטיל אַרום, װי שאָטנס אױף דער ערד,
און זוכן נישט קײן טרײסט און האָבן נישט קײן טרער.

װער פֿילט דעם שטומען װײ, דעם טיפֿן צער פֿון די,
װאָס אומגעריכט די זון האָט זיך פֿאַר זײ צעשײַנט,
נאָך יאָרן ראַנגלען זיך אין נעגל פֿון דער נױט,
נאָך יאָרן טרינקען זיך אין טיפֿן ים פֿון פּײַן,
נאָר ס׳קען שױן איצט די פֿרײד נישט אױפֿלעבן דעם גוף,
נישט גאַנץ מאַכן דאָס האַרץ די הערלעכסטע מוזיק...
ס׳איז בלױז דאָס אױג נאָך װאַך און זעט: ס׳איז זײ באַשערט
צו שטאַרבן אױפֿן שװעל פֿון אױפֿגעבליטן גליק...

— — — — — — — — — — — — — — —

װער פֿילט דעם דיכטערס צער, װאָס שפּירט מיט גרױל אין לײַב
ס׳געשרײ פֿון שטומען בליק, דעם סאַמע דינסטן װײ
פֿון אומגליקלעכסטן מענטש, פֿון אָרעמען בעל־חי,
און אומבאַהאָלפֿן איז ער מערער נאָך װי זײ — — — —

פּינסק, 1933

ש ל אָ ף

— וועד האָט דען ווי אַ פֿרײַנד, אַ טרײַערן פֿון דיר?
דו שלײַכסט זיך שטיל אַרײַן דורך צוגעמאַכטער טיר,
מיט פֿליגל — צאַרט און ווייך — די אויגן שליסטו צו,
און ברענגסט אַזויפֿיל טרייסט און ברענגסט אַזויפֿיל רו.

צי איז עס נאָך אַ טאָג פֿון שווערער, שווערער מי,
ווען אַלצדינג אויפֿן לײַב איז איבעריק געווען;
צי איז עס נאָך אַ טאָג פֿון בלאָנדזשען הילפֿלאָז — מיד
און זוכן לאַנג — אומזיסט — פֿאַרקויפֿן ווי די הענט...

צי איז עס ווען מען קומט פֿון רעגן דורכגענעצט
— און ס׳איז פֿאַרהוילן, וואָס דער מאָרגן האָט באַשערט
שוין אַלץ אויף ברויט פֿאַרזעצט... מען פֿאַלט אַנידער שטום
און דאַן — די האַרטע פֿויסט אַ ווייכע קישן ווערט...

— צי איז עס, ווען מען בלײַבט אַנטוישט און אָפּגענאַרט
אומזיסט מיט ציטער לאַנג געוואַרט, געמיינט, געהאָפֿט...
דאָס אויג איז היים באַטרערט און ס׳איז דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט.
אָ, וויפֿל זיסע טרייסט געפֿינט מען דאַן אין שלאָף.

צי אָפּטער, ווען עס טרעפֿט, די שלאַנג פֿון אייפֿערזוכט
פֿאַרגיפֿטעט טיף דאָס האַרץ, פֿאַרסמט דעם בעסטן ווײַן;
צעטראָטן ליגט די פֿרייד, געפֿינט מען נישט קיין רו,
ביז שטיל דער מלאך שלאָף קומט לינדערן די פּײַן.

צי ס׳טרעפֿט זיך אומגעריכט — אַן אומגליק עס געשעעט.
ס׳איז שווער דאַן זײַן מיט פֿרײַנט, און שווערער נאָך — אַליין.
עס ווערן ענג די ווענט און ענג בײַנאַכט דאָס בעט.
אָ, דאַן אַ רגע שלאָף פֿיל טרייסט און היילונג ברענגט.

דו ביסט אַ טרײַער פרײַנד דעם קראַנקן אין שפּיטאָל,
דער גאַסן־פרוי, וואָס אָפּט איר גורל שטיל באַוויינט,
און טרייסטן קומסטו דעם, וואָס הינטער שטיין און שטאָל
אין בלויע פרילינג־נעכט נאָך פרײַהייט לעכצט און בענקט.

און ס'זענען בײַ דיר גלײַך — דער רײַכער אין סאַלאָן,
דער שיכּור אויפן ברוק, דער פאַרעבאָק אין שטאַל,
דער וואַנדערער אין וועג, דער רײַזנדער אין וואַגאָן;
דער היימלאָזער אין פּאַרק, דער שלעפּער אין וואָקזאַל.

שגעון יאָגן אָן די וויסטע נעכט אָן שלאָף,
ווען יעדערער פון אונדז פאַרשעלט זיך דאָס געביין.
געבענטשט זאָל זײַן דײַן קוואַל, וואָס שטאַרקט און פרישט אונדז אָפּ,
מיר זאָלן טעגלעך זען די וועלט באַנײַט און שיין!

פּינסק, 1935

כ׳האָב פֿײַנט די בערג אין נעפּל

כ׳האָב פֿײַנט די בערג אין נעפּל,
כ׳האָב פֿײַנט דאָס בלינדע גליק,
די שווינדלדיקע הייכן,
וואָס שלײַדערן צוריק...

כ׳האָב פֿײַנט געבראַזג פֿון פּויקן,
דעם בליץ פֿון פֿײַערווערק...
כ׳האָב ליב געזאַנג פֿון הערצער,
דעם שמייכל פֿון אַ טרער...

כ׳מײַד אויס די לאַבירינטן,
כ׳האָב ליב דעם גלײַכן וועג,
וואָס פֿירט פֿון שווערן אָנהייב
צו וווּנדערפֿולן ברעג!

פּינסק, 1938

ב ר ו י ט

ב ר ו י ט...

משה בראָדערזאָנען — מיט פאַרערונג

ביי אַן אַרבעטס־פּונקט איז היינט
אַן אַרבעטלאָזער מענטש געפאַלן טויט —
אין וויסטן, גרויליקן געיעג
נאָך אַרבעט און נאָך ברויט.
ס׳איז היינט דער פופציקסטער פאַרטאָג געווען,
אַז ס׳האָט די נויט אַרויסגעיאָגט אים
פון די קעלער־ווענט.
ער איז געפאַלן טויט
פון ברידערלעכע הענט.

פון הענט — פאַרצווייפלטע, ווי זיינע,
ווו ס׳האָט אויפגעיאָגט דער וויי
פון קאַלטע, הונגעריקע טעג.
פון הענט — אַ וואַלד,
וואָס האָבן ראַש זיך רייסנדיק צום טויער,
זיך פאַרפּלאָנטערט אין געשלעג.
און ווען עס האָט די מענטשן־כוואַליע
ווילד אַ פּלייץ געטאָן פאַרויס,
איז ער געפאַלן אונטן, ווי אַ שאָטן,
און ס׳האָבן איילנדיקע פיס
דעם קערפער פון אַ טויטן ברודער
בלינד געטראָטן.

און ווען עס האָבן אויגן אויפגעריסן זיך,
ווי פון אַ קאָשמאַר אַ משוגענעם:
— וואָס איז געשען?...

און ווען עס האָבן ברידערלעכע הענט
זיך אַ לאָז געטאָן מיט הילף,
איז לאַנג שוין שפּעט געווען...
ער איז געלעגן:
ס'פּנים אויסגעקרומט און געל,
איין אויג מיט בלוט פאַרקלעפּט,
דאָס צווייטע אויפגעמאַכט.
אין אויג אין אָפענעם
פאַרגליווערט אַ געדאַנק,
וואָס ער האָט אין לעצטער רגע זײַנער
נאָך געטראַכט און נישט דערטראַכט...

ליגט אַ טויטער מענטש
אויף ווײַסער רויִקייט פון שניי
און ס'איז זײַן נאָמען קיינעם נישט באַוווּסט.
אַ שולדיקער פאַרדרוס,
ווי אַ פויגל אַ בלוט-דורשטיקער,
פּיקט אומרחמנותדיק אין יעדנס ברוסט.
האָבן הענט פאַרבראָכן זיך
און קעפּ געבליבן הענגען שטום,
געבויגן טיף.
און ס'האָט זיך אונטער פיס
די ערד געטאָן אַ וויג,
ווי אַ זינקענדיקע שיף...

— — — — — — — — —

אין דער היים, אין קעלער-שטוב,
קינדער וואַרטנדיקע אויפן טאַטן
אין די בעטן ליגן.

ס׳צאַפּלט אין דער מאַמעס האַרץ
אַ פריידיקע בשורה:
דער טאַטע זוימט זיך,
ער האָט אַרבעט היינט געווים געקריגן...
אויגן הונגעריקע צינדן זיך מיט גליק
פון יעדן שאַרך ביים שוועל:
— דער טאַטע גייט!
דער טאַטעשי דער ליבער,
וועט באַלד ברענגען ברויט! — — —

פינסק, 1929

שטענדיק...

שטענדיק, יעדן אינדערפרי,
ווען מיך רופט דער טאָג פון מי,
גלוסט זיך שטיל מיר אויף די קני,
צווישן מײַנע גרויע ווענט,
תּפילה טאָן פאַר מײַנע הענט,
פאַר די פינגער מײַנע צען:
ס'זאָל קיין שלעכטס זיי נישט געשען!

וואָס פאַרמאָג איך מערער דען,
ווי די פינגער מײַנע צען?...
זאָל חלילה וואָס געשען...
בעסער אומקומען, פאַרגיין,
איידער בלײַבן הילפלאָז, קליין,
פאַלן עמעצן צו לאַסט,
זײַן בײַ יעדנם שוועל אַ גאַסט...

גיי איך און דערשלינג אַ טרער.
אויטאָס יאָגן הין און הער.
אויפן ראָג, בײַם אַלטן סקווער,
זיצט אַ יונגער, בלינדער ייִד
און אָן פיס — אַן אינוואַליד.
בלײַב איך שטיין — אויף אַלצדינג גרייט
און צעטייל מײַן גאַנצן ברויט.

בײַ דער אַרבעט, שעהען לאַנג,
זיץ איך און עס טוט מיר באַנג,
וואָס צו נישטיק מײַן געשאַנק
הײַנט איז בײַ דעם סקוווער געווען.
קען איך מער דען, ווי איך קען?...
טו איך גיך און זינג אַ ליד
און דער הונגער אַרט מיך ניט.

הײמוועגס פּיל איך נישט די וואָג
פונעם שווערן פּראַצע-טאָג,
קויף איך אָוונט-ברויט און זאָג:
— כ׳טראָג מײַן טאָג-פאַרדינסט מיט זיך,
מעגן סווישטשען מײַנע שיך.
כ׳בין געזונט און ס׳איז מיר גוט
און עס זינגט אין מיר דאָס בלוט.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
ליג איך אויף מײַן בעט און וואַרט,
כ׳האָב מײַן טיר דאָך נישט פאַרמאַכט —
זאָל אַ דאַכלאָזער אַרײַן,
זאָל אַ נאַכט זײַן הײם דאָ זײַן!
נאָר דערוויַיל די צאַרטע רו,
שליסט די אויגן מײַנע צו...

פינסק, 1931

געזען האָב איך...

געזען האָב איך אַ טאָג, דעם ערשטן טאָג פֿון מײַ,
אַ טאָג, וואָס האָט אַליין זײַן פּנים נישט דערקענט.
דער הימל איבער קעפּ געהאָנגען איז, ווי בלײַ,
און זוניק העל געזאַנג געשטומט האָט הינטער ווענט.

געזען האָב איך אַ טאָג, דעם ערשטן טאָג פֿון מײַ,
ווען פריידיק האָט אין פֿעלד דאָס ברויט שוין אויפֿגעגרינט
און ס׳האָט זיך קוסט און בוים באַבלעטערט פֿון דאָס נײַ,
געהוליעט אומגעשטערט האָט פּראָסטיק־שאַרפֿער ווינט.

געהוליעט האָט זאַווײ, געהוליעט שטורעם־ווינט
אויף גאָרטן און אויף סאָד, אויף פֿעלדער גרינעם ברויט,
און יעדן פרילינג־הויך און יעדן שפּור פֿון גרין
אין יענעם טאָג פֿאַרדעקט, פֿאַרשאָטן און פֿאַרוויִט.

נאָר כאָטש עס איז דאָס גרין נאָך יונג געווען און צאַרט
און אונטער שיכטן שניי האָט אָטעם אויסגעפֿעלט,
איז זעלטן ווי אַ בלעטל געוואָרן דאָן פֿאַרדאַרט
און זעלטן ווי אַ גרעזל געוואָרן איז פֿאַרוועלקט.

און כאָטש עס איז דער הימל געווען גרויער שטאָל
און זיגעריש האָט לאַנג געבושעוועט זאַווײ,
דאָך האָבן קוסט און בוים די קעפּ געהאַלטן שטאָלץ,
ס׳האָט שפּראָצנדיקער גרין אַרויסגעלאַכט פֿון שניי!

פינסק, 1935

עלנטע אין שטאָט

(פונעם ציקל: „וואַרשע")

1

עס פילט דער האַרטער שטיין
דעם עלנט פון אַ הונט,
אַ היימלאָזן,
בײַנאַכט,

דער רעגן פילט דעם עלנט
פון אַן אָפּגעפליקטן בוים
אין האַרבסט;

נאָר דער עלנט
פון אַ דאַכלאָז-פרעמדן מענטש
אויף גאַסן
און אויף פּלעצער
פון דער גרויסער שטאָט,
רירט קיינעם נישט
און גייט נישט קיינעם אָן...

2

צו וואָס אַזויפיל בונטע פּראַכט?
צו וואָס אַזויפיל ליכט בײַנאַכט?
אַז ס'איז אַ מענטש דאָ
נישטיקער נאָך פון אַ שאָטן?!...
אַז אַלץ דעם עלנטן לאַכט אויס:

מיליאָנען שויבן ווינקען
מיט פאַרשייַטע אויגן;
עס שטשירען שפּאָטיש-בלאַנקע ציין
די שאַרפע טראַמוויַי-שינעס,
מיט חוצפה בליצן ווענט
און ס׳כישופן וויטרינעס,
עס שרייַען פרעך
די ליכטער-שנורן אויף די העלדזער
פון גיגאַנטישע געבייַען.

וואָס האָט דען פאַר אַ ווערט:
אַ צאַפּל פון אַ האַרץ,
אַ ציטער פון אַ ברעם
אַנטקעגן וואַנזיניקן אימפּעט
פון אויטאָס און טראַמוויַיען...
וואָס האָט דען פאַר אַ ווערט
אויף לויפנדיקע וואַסערן —
אַ שטרוי? —

עס זענען גאַסן שטאָטישע,
ווי שטראָמענדיקע טייַכן,
און אַ מענטש — אַ פרעמדער —
אַ שטיינדל
אַ געוואָרפנס אין זיי...

3

ווער פילט דעם עלנט
פון אַ פרעמדן מענטש
אויף גאַסן פון דער גרויסער שטאָט
בייַנאַכט? —

דאָ זענען הערצער,
ווי די טויערן,
פֿאַרמאַכט — —

צו וואָס אַזויפֿיל זײַלן
און קופּאָלן?
צו וואָס אַזויפֿיל טורעם־שפּיצן
און קאַרניזן?
צו וואָס אַזויפֿיל
ווונדערלעכע ריזן?
אַזויפֿיל מויערן,
אַזוי פֿיל טרעפּ און טירן,
און ס׳בלאָנקעט אום אַ מענטש
מיט ברענענדער פֿאַרצווייפֿלונג
אין געהירן,
מיט גרענעצלאָזן עלנט
אין די אויגן,
און האָט נישט ווו
דעם מידן גוף
אַוועקצולייגן...

4

ס׳רירט קיינעם נישט
און קיינעם גייט נישט אָן
אין שטאָט פֿון גאָלד,
פֿון שטאָל און פֿון בעטאָן —
דער עלנט
פֿון אַ דאַכלאָז־פֿרעמדן מענטש,

וואָס שטיקט זײַן יאָמער
אין דער קעל
און איז מקנא
אויף דער גאָס דעם הונט,
וואָס קען זײַן עלנט
אויסוואָיען
בײַ יעדן שוועל — — —

וואַרשע, 1936

ערד און פלאַמען

22-טער יוני

צי האָט די נאַכט געוווּסט
און האָט פון אונדז פאַרהוילן,
צי שווער געווען איז דעם ווינט
פאַרטרויען אונדז דעם סוד...
נאָר ס'האָט דאָס האַרץ
נישט פאַרגעפילט די גרוילן,
וואָס דאַרפן געבן זיך,
ווי דונער-קלעפּ, אויף אונדז אַ שאָט.

מיר זענען דאַן געזעסן שפּעט,
געווען צוגאַסט דער טאַטע, פרײַנט.
ס'האָט די עלעקטרי יום-טובדיק געשײַנט,
אַ ווינטל די גאַרדינען האָט באַוועגט
און ווייך געגלעט.

דאָס ווינטל האָט געשמעקט
מיט דופט פון זומערדיקע בייטן,
מיט לעצטע ריחות פון זשאַסמין,
מיט פריש-צעלאָזטע קוויטן,
מיט קאַרשן, וועלכע זענען גרין
און הייבן אָן שוין
שעמעוודיק זיך רויטלען.
האַלבע נאַכט. מיר האָבן זיך געזעגנט אויפן גאַנעק:
מאָרגן פאָרן מיר
אויף זומער-וווינונג קיין איוואַניק.

בײַנאַכט איז גאָרנישט נישט געשען,
כ'האָב קיין שרעקלעכע חלומות נישט געזען.

און באַגינען —
די זון אין גאָלד האָט אָנגעצונדן די גאַרדינען,
געריסן זיך דורך פענצטער און דורך טירן,
געשטראַלט אין שפּיגלגלאָז פון שאַפע
אין די ערלעכסטע קאָלירן;

די ראָזע קאָלדרע — אויפן בעט,
דער קלאָרער טישטעך — אויפן טיש;
ס׳האָט אין פרימאָרגן־העלקייט
אַלץ געלויכטן אַזוי נײַ און פריש.

אין אַבאַזשור עלעקטרישן האָט הימל־בלוי געציטערט,
און, ווי די עטאַזשערקע פול מיט ביכער,
מײַן קאָפּ איז פול געווען מיט טרוימען,
און מײַן האַרץ מיט לידער.

דאָס ווײַב האָט פרישטיק צוגעגרייט,
און שמייכלענדיק בנעימות
געפּאָרעט זיך בײַם זינגענדיקן פּרימוס.

און איך — דערווײַלע די וואַזאָנעם האָב באַגאָסן
און זיך געפרייט:
ס׳האָט זיך אָקאָרשט אַ נײַינק בלימעלע צעלאָזן.

אויפן טאַפּעטשאַן איז צונויפגעדרייט דאָס קעצעלע געשלאָפן.
דאָס פענצטער איז געווען אָפן,
ס׳האָט מיך אַ ציי געטאָן צום דרויסן:
אַ גאַסן־קערער האָט דעם ברוק פאַרקערט.
ס׳האָבן נאָענט־ווו זיך טענער פון אַ פּאַטעפאָן דערהערט.
אַ פרוי האָט דורכגעטראָגן אַ בוקעט מיט רויזן.

פון ווײַט געזילבערט האָט דער פּינאַ־טײַך:
אַ הייסער טאָג איז הײַנט,
און ס׳וועט די פּליאַזשע זײַן
מיט עולם רײַך.

געשײַנט האָבן וויטרינעס פון די קראָמען,
און זונטיקדיקע מענטשן־שטראָמען
געפלייצט האָבן אין קעגנאיבערדיקן פּאַרק.

אין די אַלעען האָבן פּאָרלעך זאָרגלאָזע שפּאַצירט.
עס האָבן מאַמעס קינדער־וועגעלעך געפירט
און צו די עופהלעך געלאַכט.

איז ווער וואָלט דאַן געזאָגט,
און ווער האָט דאַן געוווּסט,
אַז נאָענט לויפן מאַמעס שוין מיט קינדער בײַ דער ברוסט,
מיט האָר צעפּלאָשעטע
און וואַנזיניקע אויגן...
און רונד־אַרום ישובים פלאַקערן, ווי סטויגן.

אויף שלאָפנדיקע שטעט
אין זון־אויפגאַנג אין שיינעם
אַרויף זענען די מערדער אומגעריכט,
און ערד און הימל אויסגעמישט אינאיינעם...

ווי אַ וויכער איז די בשׂורה אָנגעפלויגן:
ק ר י ג!
און ס׳האָט זיך אונטער פיס די ערד געטאָן אַ וויג...
— — — — — — — — — — —

יוני, 1941

כ׳האָב נעכטן נאָך געהאַט

כ׳האָב נעכטן נאָך געהאַט אַ היים —
פיר ווענט, אַ דאַך,
איצט ליג איך אין אַ באַרזשע
אויפן פײַכטן דעק.
די באַרזשע אָנגעפילט מיט האָלץ און זעק,
אַ האַרטע פויסט צוקאָפּנס.
צי דאַרף אַ מענטש אַ סך?
ס׳איז נאַכט געווען און טאָג,
און איצט איז ווידער נאַכט.
די מענטשן אַרום מיר,
ווי אָנגעשטאָפּטע זעק מיט צַעַר,
מען ליגט, מען שווײַגט, מען האָרכט...
קיין ריר, קיין שאָרך...
קיין פונק פון שײַן —
אין הייכן פליִען רויב־פייגל פון פײַנט.

טיף עס אָטעמט אונטער אונדז דער פריפּעט,
איבער אונדז עס אָטעמט שווער די נאַכט.
עס קלאַפּט דאָס האַרץ
און יעדער חוש איז וואַך...

אַ ווינטל גיט אַ בלאָז
און אויפן ברעג עס טוט אַ שאָרך דאָס גראָז.
— אָ, ווינטל, זאָג,
וואָס האָט אונדז צוגעגרייט דער מאָרגנדיקער טאָג?

דאָס ווינטל שווײַגט,
נאָר אָפּט
עס גיט אַ קינד אַ וויין פון שלאָף.
עס איז דער הימל שיין,
די שטערן ווינקען וואָס...
נאָר שווער איז הײַנט מיר זייער שפּראַך פאַרשטיין — — — —

יוני, 1941

דושנע טעג

דושנע טעג אין ענגע פּראַכט־וואַגאָנען,
יולי־זון אין בלויע הייכן ברענט,
ציִען, ציִען לאַנגע עשאַלאָנען
קיין אופא, סאַראַטאָוו און טאַשקענט.

האַרטע בענק, נאָך האַרטערע מעת־לעתן.
קעפּ אויף קעפּ, געפלאָכטן פיס און הענט.
אויגן האָבן שוין דעם טעם פון שלאָף פאַרגעסן
און פון דורשט און שטויב דער גומען איז פאַרברענט.

קלאַפּן רעדער און דעם טרויער וויגן,
פּעק פאַרפולט מיט וויי און בראָך פון היים.
ברומען ייִדן שטיל אַ נײַעם איכה־ניגון,
יעדער ייִד — אַן אויסגעפליקטער בוים...

טרעפט מען זיך מיט צווייטע עשאַלאָנען,
זוכט מען טרייסט, מען רעדט זיך אוים דאָס האַרץ.
יעדער זעט אין צווייטן מענטש זײַן פּנים —
יעדעם פּנים איז פאַרקוילט און שוואַרץ...

דערפער, שטעט און רויכיקע וואָקזאַלן.
שטייט מען אָפּ אויף סטאַנציעס גאַנצע טעג.
ווערן עשאַלאָנען אין דער ווײַט פאַרפאַלן.
ווען זשע וועט מען קומען צו אַ ברעג?

פעלד און ווינט און שטויב, און זון און כמאַרעס,
יעדער שטיקט אין האַרצן דאָס געוויין.
ציִען עשאַלאָנען קיין טאַשקענט, סאַמאַרע,
און די הערצער ציִען צריק אַהיים — —

1941

נקמה

איך לעב אַצינד אין הייסן סאַמאַרקאַנד.
ווער ווייס, ווי לאַנג ס'איז מיר צו זײַן דאָ נאָך פאַרבליבן?
פון האַרצן דאַנק איך היים דעם זוניק-שיינעם לאַנד,
וואָס האָט אין אומגליק מיר אַ ווינקעלע געגעבן!

דאָך צאַנקט מײַן האַרץ פון בענקשאַפט צו דעם אָרט,
וואָס מײַנע טרוימען און מײַן קינדהייט אים געהערן.
מײַן גוף איז דאָ, מײַן האַרץ איז שטענדיק דאָרט,
פאַרלאָפן איז מײַן אויג מיט הייסע טרערן.

נאָר ווען די נאַכט פאַלט-צו, און כ'שלאָף אַ רגע אײַן,
פאַרגעס איך יענעם דונער פון האַרמאַטן,
פאַרגעס איך אַלע טעג פון גרויל און פּײַן —
כ'בין ווידער מיט די ליבסטע, מיט מײַן טאַטן.

און אַלץ איז העל אַזוי, דער טיש איז שיין געגרייט,
עס לאַכט די זון אַרײַן דורך אַלע שויבן,
און יעדנס בליק איז אָנגעפילט מיט פרייד.
איך קוק, איך קוועל און ס'לאָזט זיך גערן גלייבן —

דער טאַטע יונג און שמייכלענדיק און פריש,
די עלטער האָט אים גאָרנישט אײַנגעבויגן.
דער שוועסטערס יינגעלע, איך זעץ אים אויפן טיש
און קוש מיט ליבשאַפט זײַנע בלויע אויגן.

נאָר ס'טרעפט אַ מאָל — איך דרימל אַ מינוט —
אַן אַנדער בילד וואַקסט אויס פאַר מײַנע אויגן:
די קעפ פון מײַנע ברידער קײַקלען זיך אין בלוט,
און אויף מײַן טאַטנס האַלדז — אַ שטריק פאַרצויגן.

דאָן ציטערט אויף די נאַכט פון מײַן געשריי,
און ס'בײַלן מײַנע פויסטן זיך צוזאַמען.
ס'בליצט אויף מײַן צאָרן, ווי אַ שווערד פון שייד,
און כ'שווער דאָן בײַ דעם אָנדענק פון מײַן מאַמען;

בײַ אַלע נאָענטסטע, וואָס צאַפּלען איצט אין בראַנד,
בײַ אַלע טײַערסטע און ליבסטע נעמען:
פאַרגעסן ווערן זאָל מײַן רעכטע האַנט,
אויב כ'וועל נישט פאַר דעם בלוט נקמה נעמען!...

סאַמאַרקאַנד, 1942

צו מײַן פענצטער קומט אַ שוואַלב צו פליען

עס מיניען זיך די בערג אין גאָלד און בלוי,
מיט האָניק שמעקט דער ווינט, די מאַנדלבײמער בליִען.
שטראַלט ווידער הײַנט מײַן האָפענונג — באַגינענדיקער טוי,
צום פענצטער מײַנעם קומט אַ שוואַלב צו פליִען.

— פלי, שוועלבעלע, אַריבער אין מײַן היים
און גריס די לאָנקעס און די וועלדער און די טײַכן,
און גריס די שליאַכן, יעדן קוסט און בוים —
אין ערגעץ איז נישטאָ צו זיי קיין גלײַכן.

און כאָטש דער טאָג איז בלויער דאָ, ווי בלוי,
און וווּנדערשיין די בערג און טאָלן גרינען,
דאָך — נאָך מײַן היימערד בענק איך דאָ אַזוי,
אַז טאָג און נאַכט איך קען קיין אָרט זיך נישט געפינען.

אין העלסטן צווייט זאָל דאָרט זיך אויספּוצן דער סאָד,
און זאָלן זיך צעלײַכטן אַלע בלומען,
ס'איז נאָענט שוין פון אויסלייזונג דער טאָג —
מיט אָרעמס אָפענע צו זיי כ'וועל ווידער קומען!

כ'וועל קומען אויף די פליגל פונעם ווינט,
כ'וועל קומען מיט די זיגערישע טאַנקען!
זאָל אָנטאָן זיך דאָס פעלד אין שענסטן גרין,
מיט זון און זאַפט זיך אָנגיסן די זאַנגען!

פלי, שוועלבעלע, אַריבער אין מײַן היים,
וועסט אפשר מײַנע ליבסטע דאָרט געפינען?...
אויב ס'ליגט מײַן שטאָט אין חורבות — שטיין אויף שטיין,
דאַן זוך זיי דאָרט צעווישן די רויִנען!...

צי הינטער שטעכעדיקע דראָטן בײַ דעם פּײַנט,
געפֿין זיי, שוועלבעלע, און זאָלסט זיי זאָגן:
ווי מוראדיק עס איז נישט זייער פּײַן —
זיי זאָלן שטאַרקן זיך און איבערטראָגן!

דערצייל זיי, אַז איך לעב און בין געזונט,
נאָר ס'ווערט מײַן האַרץ פֿאַר צער און ווי צעריסן:
איך זע דאָס בלוט, וואָס רינט פֿון זייער ווּנד,
איך הער זייער געשריי, וואָס פּײַניקט מײַן געוויסן...

פֿלי, שוועלבעלע, די ליבסטע מײַנע זאָג,
אַז העלע, פֿרײַע פֿרילינגס-ווינטן ווייען!
ס'איז נאָענט שוין דער אויסגעבענקטער טאָג —
צוזאַמען גליקלעך וועלן מיר זיך פֿרייען!

נאָר אויב... נאָר אויב זיי לעבן שוין נישט מער...
אָ, ניין! אָ, ניין, — כ'האָב מורא גאָר צו טראַכטן...
טאָ פֿלי, מײַן שוועלבעלע, ווייש אָפּ מײַן טרער,
דײַן קומען כ'וועל מיט אומגעדולד דערוואַרטן!...

סאַמאַרקאַנד, מערץ 1943

דאָס טײַערסטע פֿאַר מיר

דאָס טײַערסטע פֿאַר מיר, דײַן בילד, האָב איך פֿאַרלאָרן,
ווי כ'האָב פֿאַרלאָרן אַלץ אין יענער ווּיסטער נאַכט...
פֿאַרלאָרן כ'האָב דײַן בילד, נאָר קלאָר אין מײַן זכרון
דײַן איידעלע געשטאַלט אַ לעבעדיקע וואַכט:

דײַן פּנים דאַר און בלייך, די באַקן אײַנגעפֿאַלן,
די איידל־דינע נאָז מאַכט ווייכער נאָך דײַן בליק.
האָסט יונגערהייט געדינט אין פֿרעמדע רײַכע זאַלן
און קיין מאָל נישט געוווּסט פֿון אייגן גליק.

אויף ליפּן דײַנע שוועבט אַ ווייטיקדיקער שמייכל,
צעאַקערט איז דײַן הויט פֿון קראַנקייט און פֿון נויט.
האָסט קינדער אויסגעהאָדעוועט מיט דײַנע שוואַכע כּוחות,
געהאָפֿט פֿון זיי דערלעבן אַ ביסל נחת, פֿרייד.

און האָט בײַ דיר פּאַסירט — אַ קינד איז קראַנק געוואָרן,
אַזוי ווי ס'אויג אין קאָפּ דו האָסט עס אָפּגעהיט.
ביסט גרייט געווען אים שענקען אַלע דײַנע יאָרן —
און האָסט עס מיט דײַן אייגן לײַב פֿון טויט באַשיצט...

האָסט אײַנגעאָטעמט רויך מיט דײַנע שוואַכע לונגען
און שימלדיקע לופֿט פֿון פֿײַכטע קעלער־ווענט.
ס'איז זעלטן ווען די זון צו אונדז אַרײַנגעדרונגען,
האָסט קיין מאָל דאָרט דעם בלוי פֿון הימל נישט געזען.

און אַלץ, וואָס האָסט געדאַרפֿט, און אַלץ וואָס האָט געפֿעלט דיר,
געווען איז אַזוי פֿיל אויף אונדזער שיינער ערד —
סײַ זאַטער טיש, סײַ זון, סײַ גרינע נאָדל־וועלדער, —
נאָר דו האָסט נישט געהאַט אויף אָט דעם אַלץ קיין רעכט.

און ווען עס האָט די זון זיך אויך צו אונדז באַוויזן,
און ווען עס האָט די פרייד אונדז אָנגעקלאַפּט אין טיר,
האָט אומגעריכט דער טויט דיך, ווי אַ בוים, פאַרשניטן
און אין די שענסטע טעג אַוועקגעריסן דיך.

נאָר ווייל איז, מאַמע, דיר, וואָס דו האָסט נישט דערצויגן,
און צען מאָל ווילער דיר, וואָס דו האָסט נישט דערלעבט
צו זען דעם גרויל, וואָס כ'האָב געזען מיט מײַנע אויגן,
ווי ס'ווערן צאַרטע עופהלעך געקעפּט.

ווי ס'הוליעט אונדזער פײַנט מיט ווילדן תענוג,
ווי ס'בושעוועט זײַן שווערד, ווי ס'ווילדעוועט זײַן קנוט,
ווי ס'ווערן פעלקער מערדערלעך פאַרפּײַניקט,
ווי טײַכנווײַז עס גיסט זיך ייִדיש בלוט...

וואָלט איך דײַן בילד געהאַט, צום האַרץ וואָלט איך עס דריקן,
און ס'וואָלט אין שווערע טעג אַ טרייסט פאַר מיר געווען.
איצט שפּיגלט זיך די נאַכט אין מײַנע פײַכטע בליקן
און ס'זאַפּן אײַן מײַן ווײ די שטומע ווענט...

סאַמאַרקאַנד, 1942

איך בין געווען אין פּאַרק

איך בין געווען אין פּאַרק, עס האָט געשפּילט מוזיק,
די טענער האָבן טיף מײַן האַרץ צענומען.
אַקאַציע האָט געבליט... און טעג פון ווײַטן גליק
אין מײַן זכרון זענען העלע אויפגעשווומען,
ווי ערשטע צאַרטע, פרילינגדיקע בלומען.

אָט איז מײַן היים־שטאָט, אָט — דער באַרג, דער גרינער.
פּאָלעסיער פרילינג־נעכט, וואָס זענען אַזוי שיין!
די וועלדער טונקעלע, די זילבערדיקע פּינע,
די סעדער דופטיקע, די מיידלעך — מלא־חן.
עס האָט מוזיק געשפּילט, און ס׳האָט דאָס האַרץ געוויינט.

מײַן ווײַטע היים אין שיינע זומער־טעג —
עס שמעקט מיט פּאָלעסניק, מיט וואַלד און קאָנעשינע,
די דאַמפּערס רייכערן צעווישן ברעגן גרינע,
אַ באַרזשע שנײַדט אין וואַסערן אַ וועג,
עס טראָגן פישער־שיפלעך זיך צום ברעג.

אויף פּינאַ זוניקער פאַרחלומט שווימען פליטן,
דער ווינט כאַפּט אויף אַ פויערישע ליד.
די טאַטעס און די פעטערס — פּראָסטע ייִדן,
אַרומגעבונדענע מיט גאַרטלען און מיט שטריק,
אין שווערער פּראַצע זוכן זייער גליק.

אָט זענען שוועסטער טײַערע, און טאַטע־מאַמע ליבע,
און ברידער האַרציקע, און פרײַנט און גוטע פרײַנד.
מיט זיי אַדורכגעמאַכט אי פרייד, אי פּײַן,
פאַר זיי האָב איך דאָס ערשטע ליד געשריבן,
ווו כ׳האָב געוואָלט די וועלט זאָל שענער זײַן...

ס'האָט שטורעם בלוטיקער צעשיידט אונדז אומגעריכט,
זיך מיט די טײַערסטע אַפילו נישט געזעגנט...
און וויפל פנימער כ'האָב זוכנדיק באַגעגנט,
נישט אָנגעטראָפן האָב איך ערגעץ קיין געזיכט,
פון די, וואָס זענען מיר געווען — פון אויג דאָס ליכט...

אַמאָל פלעג איך אין שלאָף כאָטש טרייסט געפינען,
איצט ליג איך לאַנגע נעכט — די אויגן וואַך...
איצט גיי איך יעדע נאַכט אַראָפ פון זינען,
איך זע מײַן בלוט אין אַלע גאַסן רינען —
אין ווײַטער היים — פון האַקנקרייץ באַוואַכט...

נאָר שטאַרק זיך, האַרץ, דו זאָלסט עס איבערטראָגן! —
מיט בלוט פאַר בלוט באַצאָלן וועט דער פײַנט!...
עס שפּילט מוזיק, די טענער מאָנען, נאָגן,
און טרייסטן, גלעטן, זייען הויפנס שײַן:
אויף אונדזער גאַס וועט ווידער יום-טוב זײַן!

סאַמאַרקאַנד, יוני 1942

אַ ברודער

ווען איך טרעף אָן אַ מענטשן אויף דער גאַס,
וואָס קוקט מיך אָן מיט בליקן טיף-צערודערט,
עס איז זײַן שמייכל טרויעריק און בלאַס —
דאַן שטעל איך אָפּ זיך און איך זאָג אים: ברודער!

איך פרעג אים נישט פון וועלכן קאַנט ער איז,
איך פרעג אים אויך נישט זײַן פאַמיליע-נאָמען,
גענוג: איך הער, אַז ס׳איז זײַן היים פאַרוויסט
און אַלץ, וואָס טײַער איז געווען זײַן נשמה;

אַז ער איז אויך אַרום בײַנאַכט פון פלאַץ,
פון נעגל רוצחישע, אַ נאַקעטער, אַ הוילער,
און אין זײַן שטעטל צאַפּלט אויך, מסתּם,
דער לעצטער ייִד שוין אין די הענט פון קוילער;

און פּונקט ווי איך, ער נייטיקט זיך אין טרייסט,
און פּונקט ווי איך, ער קען אויך נישט געפינען,
די טײַערסטע, וואָס ער געליבט האָט היים...
פון צער און פּײַן ער גייט אַראָפּ פון זינען.

איז ווען איך הער דעם ווייטיק אין זײַן קול
און ווען איך זע דעם גלאַנץ פון זײַנע טרערן,
דאַן הייב איך אָן צו פילן מיטאַמאָל,
איך בין נישט עלנט אינעם בראָך דעם שווערן.

עס גיט אַ וויי אויף מיר דער שטורעם-ווינט,
איך בין נישט איינער אין דעם צער און צאָרן.
און ס׳דוכט מיר, אַז געפונען כ׳האָב אין אים
אַ ברודער און אַ פרײַנד, וואָס כ׳האָב פאַרלאָרן...

סאַמאַרקאַנד, מאַי 1944

אָ, טאַטע מײַנער, טײַערער!

עס קען דאָך זײַן, אַז אין דער לעצטער רגע
אַרויס ביסטו פֿון שטאָט דורך ברענענדיקע שטיבער,
אַרויס ביסטו פֿון שטאָט דורך שטילע הינטערוועגן
און זיך געראַטעוועט פֿון גיהנום האָסט, מײַן ליבער,
און כ׳לײַד אומזיסט און לעב אַזויפֿיל איבער.

עס קען דאָך זײַן, אַז מיך, דײַן טרײַען זון,
דו האַלסט שוין אויך אויף אייביק פֿאַר פֿאַרלאָרן,
און קראַנקער יעדן טאָג דו ווערסט דערפֿון
און דו פֿאַרשעלסט זיך דײַנע אַלטע יאָרן...
און פּונקט ווי מיר, אין האַלדז דיר שטיקט דער ביסן,
און אונדזער ביידנס האַרץ פֿון ווייטיק ווערט צעריסן.

עס קען דאָך זײַן דו ביסט פֿון מיר נישט ווײַט,
אַז ס׳וואָלט געוועזן גענוג די האַנט נאָר אויסצושטרעקן,
מיר זוכן זיך אַרום אַזויפֿיל צײַט
און מײַדן זיך גאָר אפֿשר אויף די זעלבע וועגן.

און אויך בײַ דיר, קען זײַן, איז שיין אַזוי דאָס גראָז,
און ווען פֿאַרטאָג די בערג זיך צינדן אָן אויף ראָז,
מיט אומרו אין דער ווײַט עס בלאָנדזשען דײַנע בליקן,
כ׳וועל אפֿשר מיטן ווינט אַ גרוס דיר שיקן?...
און בײַ די פֿייגל פֿרעגסטו נאָכאַנאַנד:
פֿאַרנעמען זיי נישט ווו מײַן טרויעריק געזאַנג?...

אויך דו, קען זײַן, קוקסט יעדן אָוונט אויפֿן זעלבן שטערן,
און בײדע הערן מיר נישט אויף דאָס זעלבע קלערן.
און ווען דער שטערן פּלוצעם פֿאַלט אַראָפּ,
רײַסט זיך בײדן אונדז אין האַרצן עפּעס אָפּ...
און ווי אַ שטײן פֿאַלט אויף דער קישן שווער דײַן קאָפּ,
ביז אויסגעטריקנט ווערט דײַן קוואַל פֿון טרערן...

אָוו דו זאָלסט ניט זײַן, אָ, טאַטע מײַנער, טײַערער,
באַשווער איך אַלע וואַסערן, באַשווער איך אַלע פֿײַערן
זײ זאָלן דיך פֿאַרהיטן פֿון אַלע בײזע פּלאָגן.
איך האָב דיר נאָך אַזויפֿיל, אַזויפֿיל וואָס צו זאָגן,
וואָס וואָלט געקענט דײַן עלנט האַרץ דערקוויקן!...
מיר האָבן זיך אין אומגליק נישט געקענט געזעגענען,
איז מוזן מיר כאָטש אײן מאָל נאָך, כאָטש אײן מאָל זיך באַגעגענען
און אײנס דעם צווייטן הײם צום האַרצן דריקן!...

סאַמאַרקאַנד, מאַי 1944

אין בונקער

נישט ווײַט פונעם צווינטער — אַ בונקער אין פעלד,
דער בונקער — מיט ביימלעך און קוסטעס פאַרשטעלט.
דאָרט יִידן געציילטע, בלויז דרײַצן, נישט מער,
באַהאַלטן זיך אוים אין דער טיף פון דער ערד,
אין שמאַטעס די לײַבער, זיי זשיפּען שוין קוים.
און קומט אָן אַ נאַכט, ווען דער הימלישער רוים
באַדעקט איז מיט וואָלקנס, זיך ווײַזט אַ געשטאַלט,
אַ צווייטס און אַ דריטס, און זיי פויזען צום קוואַל,
און מענטשן פאַרשמאַכטע — אין חושך דערשטיקט —
אַ ביסעלע וואַסער און פרישקייט דערקוויקט.

אַמאָל אין דער שטילקייט, אין נאַכטיקן טוי,
קומט צו צו דער נאָרע אַ קריסטלעכע פרוי,
כאַטש שטרענג אויף די וועגן עם לויערט דער טויט,
זי ברענגט אַ געקעכטס זיי, זי ברענגט זיי אַ ברויט
און ברענגט זיי אַ טרייסט-וואָרט אין פינצטערער נאַכט,
אַ ליכטיקן גרוס פון דער הייליקער שלאַכט.

עס שלאָגט ווי דעם פײַנט די גערעכטיקע שווערד.
עס שמאַכטן דאָ מענטשן דערוויַיל אין דער ערד.
עס טאָר נישט צו קיינעם דערגיין זייער הויך.
אין דרויסן איז פרילינג, עס בליט און עס לויכט.
פון אויבן פאַרגייט און עס גייט אויף די זון,
אין זון-שײַן די פעלדער זיי מיניען זיך בונט,
די לאָנקעס — מיט בלומען מיט פאַרביקע רײַך,
עס וויגט זיך דער הימל אין שוים פונעם טײַך,
און פישלעך אין וואַסער פרײַ טאַנצן אַרום.
עס נייגן די ווינטלעך אַ בלום צו אַ בלום,
און פלאַטערלעך שוועבן אין טיף-בלויען רוים,

און שוועלבעלעך שפּרינגען אויף יעטוועדן בוים,
און טײַבעלעך וואָרקען, און בליציק אַ האָז
פֿאַרשווינדט אין די פֿונקען פֿון טויִקן גראָז,
עס שפּילט אַ האַרמאָניק, אַ פּאַסטוכשע פֿלייט,
אַ קעלבל זיך פּיטערט, שפּרינגט אונטער פֿון פֿרייד.

...פֿאַרגאַנגען איז טאָג, און געמיטן האָט נאַכט,
און ס׳האָבן זיך מענטשן אין חושך דערוואַרט.
און ס׳האָבן די מענטשן אין טיף פֿון דער ערד
דעם שאַל פֿון נצחון און פֿרײַהייט דערהערט.
און ווידער זיי האָבן דעם הימל דערזען.
און ס׳האָבן זיך ברידער מיט ברידער דערקענט,
און ס׳האָבן זיך ברידער מיט ברידער געהאַלדזט.
און אויגן האַלב-טויטע דערציילט האָבן אַלץ...

אָקטאָבער, 1944

באַלאַדע וועגן מײַן טויטער מאַמע

„קול ברמה נשמע —
רחל מבכה על בניה...״

מײַן מאַמע, עליה השלום, אַלע יאָרן
געטרוימט האָט פון אַ ווינקל אין גן־עדן.
אויף צדקה־געלט דעם ביסן פלעגט זי שפּאָרן,
דערפאַר איז גרינג געווען איר מיט דער וועלט זיך שיידן.

...נאָר איר חלום נישט געוואָרן איז מקוים —
אומזיסט זיך אין תעניתים אויסגעלײַטערט —
געקומען זענען בייזע, שוואַרצע ברואים
און פון דעם קבר זי אַרויסגעשלײַדערט...

עס איז איר נישט באַשערט געווען קיין רו צו האָבן
אויך אין דעם שטילן שאָטן פון בית־עולם —
אַרויסגעיאָגט די טויטע און באַגראָבן
האָט מען דאָרט אַ לעבעדיקן עולם...

בלײַבט זי שטיין, די אויגן פול מיט טרערן.
נע־ונד... עס איז איר ווייסט און ביטער.
נאָכן טויט — וווּהין זאָל זי זיך קערן?
אפשר גאָר אַהיים צו מאַן און קינדער?

יאָ, אַהיים — אַ קוק טאָן, וואָס זיי מאַכן
און די אייניקלעך די ליבע, צי זיי שלאָפן?
אַ רויִק ווינקל, ווו זיך צוצושפּאָרן,
וועט זי דאָך געווייס דאָרט האָבן...

היימיש גליק וועט וואַרעם זי באַגריסן,
ס'צאַנקען שוין די שבת-ליכט מסתמא,
אַלע שלאָפֿן מיט אַ שלאָף אַ זיסן
און מען ריכט זיך גאָרנישט אויף אַ גאַסט — דער מאַמען...

איר געשטאַלט, וואָס פלאַטערט אין דער פֿינצטער,
שלײַכט אין שטוב אַרײַן זיך — נישט צו וועקן
איצט דעם מאַן און אירע ליבע קינדער,
און די אייניקלעך, חלילה, נישט דערשרעקן.

אָ, וויפל כוחות און געזונט דאָ אָפּגעגעבן,
ס'איז יעדעס ווינקל אייגן איר און טײַער.
אַזויפיל טרערן דאָ פֿאַרגאָסן אין איר לעבן,
און וויפל שמחות און יום-טובים דאָ געפֿײַערט!

איז... קען עס זײַן די מאַמע זאָל פֿאַרבלאָנדזשען?...
צי מישט זיך איר פֿון מידקייט אין דעם זינען?...
אומזיסט זי זוכט אין הויז אַן אייגן פּנים,
עס קען די מאַמע קיינעם נישט געפֿינען — — —

אַלע ווענט באַפֿאַרבט מיט פלעקן רויטע.
די טירן אָפֿענע, פֿאַרהאַקט די לאָדנס.
בלאָנקעט זי אַרום איבער אַ שטאָט אַ טויטער,
צווישן אַש און קויל און שוואַרצע שאָטנס.

וואָס זשע זאָל איצט טאָן אַ טויטע מאַמע,
וואָס פֿון דעם קבר האָט מען זי פֿאַרטריבן,
און די גאַנצע ערד אַרום — זי זעט: אַ וויסטע,
און אַ חורבן זעט זי אין די שטיבער?!...

ניין! — זי וועט שוין מער קיין רו נישט האָבן,
עס איז אַזוי צעוווּנדיקט איר נשמה...
איין־אַליין איבער אַ שטאָט, וואָס איז באַגראָבן,
גייט זי אום דאָ, ווי אַ ריכטער, ווי אַ מאָנער!

און זי זוכט די אַלע קברים פון די ליבע,
דעם אַש פון טײַערע פאַרברענטע ביינער...
הערט זי: קינדער רופן פון די גריבער,
זי הערט פון קברים חופּה־פידלען וויינען...

אוי, מזל־טוב, אַ כשר־טאַנץ — די מיזינקע אויסגעגעבן!...
אַ מאַמע זים פאַרוויגט איר קינד מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען”...
עס צאַפּלען אין די גריבער אָפּגעהאַקטע לעבנס,
און דעם גאַנצן יאָמער הערט מײַן טויטע מאַמע...

איר געשריי צערײַסט בײַנאַכט די הימלען,
ווי דער מוטער רחלס „קול ברמה”.
זי באַוויינט די אומגעבראַכטע קינדער
און די, וואָס לעבן, רופט זי צו נקמה...

סאַמאַרקאַנד, 1944

פ ר י ל י נ ג

און ווידער איז פרילינג. ס׳איז זוניקער מאַרץ,
און אַלץ איז מיט גאָלד און מיט בלוי דאָ באַגאָסן.
די ווײַנגערטנער האָבן צעגרינט איבער נאַכט,
מיט ראָזלעכן צווייט זיך צעבליט אַבריקאָסן.

און ווײַט אין מײַן היים-שטאָט איצט טײַעט דער שניי,
און ליכטיקע טרערן עס קאַפען פון סטריכעס.
דער ווינט האָט פאַרוואָרפן זײַן טרויריקע פלייט,
און ס׳קומען פרימאָרגנס מיט וויכטיקער שליחות!

עס טראָגן זיך שטראָמען דורך גאַסן צום טײַך,
זיי טומלען, זיי רַעשן דעם חושך זיי שווענקען.
די זון פון די פינצטערע וואָלקנס זיך רײַסט —
אין הערצער צעוווּנדיקטע היילונג צו ברענגען.

און ס׳וועקט אויך פון שלאָף זיך די פינאַ אַצינד:
געמוזט האָט זי ווינטער די אויגן פאַרמאַכן,
ווײַל וואָס זי געזען האָט, איז ווי איר און ווינד...
איצט ברעכט זי די קריִעס, זיי פלאַצן און קראַכן.

צעהיצט איז דער אָטעם, די לופט איז צעגליט,
און ס׳פלייצן די מאַסן פון וועלדער, ווי שטראָמען,
און ס׳דוכט זיך: די וועלדער אַליין גייען מיט,
די וועלדער אַלִיין גייען נעמען נקמה.

פון פינאַ צום בוג און פון בוג ביז צום ריין —
פון רוצחישן בלוט וועלן רויט זײַן די טײַכן,
און אויפגיין אַ פרילינג וועט איצט אין מײַן היים,
אַ פרילינג, וואָס האָט נישט געהאַט נאָך קיין גלײַכן!

סאַמאַרקאַנד, אַפּריל 1944

פ י נ ס ק

געשריבן אין טאָג פון באַפרייַען פינסק
פון די היטלער־רוצחים

ס'האָט דייַן נאָמען הייַנט פאַר מיר אַ לייַכט געגעבן,
ווי אַ זוניקער באַגין,
ווי אַ שטיק פון מייַן פאַרלוירן לעבן,
וואָס אויף פליגל האָט אים צוריקגעבראַכט דער ווינט.

ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר גאָר מייַן פּייַן,
ווי פינעף קוואַלן שייַן,
ווי פינעף פאַרבן פונעם רעגנבויגן
האָבן אויפגעשטראַלט פאַר מייַנע אויגן
די פינעף אותיות פון דייַן נאָמען:
פּ י נ ס ק!

און ס'האָט געטאָן אויף מיר אַ ווײ
מיט פעך, מיט קאָרן־ברויט, מיט פריש־געקאָסיעט היי,
מיט ליד פון פּויערים און האָרעפּאַשנע ייִדן
אויף שווימענדיקע באַרזשעס און אויף פּליטן.

איך האָב דערזען די רחבותדיקע טייַכן,
די טרוימענדיקע ווערבעס בייַ דער פּינאַ,
די געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן נישט קיין גלייַכן;
דעם לישטשער פּאַרק, דעם באַרג דעם גרינעם,
יעדעם שטעגעלע און ווינקעלע באַזונדער,
וואָס איז פול מיט כישוף און מיט וווּנדער.

דעם אַלטן בית־הקברות, וואָס עס רוען דאָרט די ביינער
פון פרייַהייַט־קעמפער מוטיקע, צדיקים און גאונים;
די „בוליאַווושטשינע" מיט פריציש־רייַכע סעדער,

אין פענצטער — בלומען־טעפּ, די גאַנעקעס אין בלעטער;
דעם מאַרק מיט קאַטערינקעס און ציגײַנער;
די „גרויסע גאַס" מיט שוי־פענצטער, וואָס שײַנען;
די „ליגישטשעס" מיט גרויע געסלעך שמאָלע,
מיט שטיבלעך — האַלב־פּאַרזונקענע פון טרעגער, באַלעגאָלעס.
די הייפן פול מיט קינדער און מיט ציגן,
ווי האָרעפּאַשנע מאַמעס וואַשן גרעט און שטריקן;
ווי וואָכן־טעג, ווי פערד געשפּאַנטע לויפן,
און אָפּט מען פריידט זיך אין אַ גוטן אופן.

אָט אַזוי, אין אַלע דײַנע חנען
האָב איך דערזען דיך, אויסגעבענקטע ערד,
וואָס פון דײַנע זאַפטן האָב איך זיך גענערט!
האָב איך געוואָלט אי לאַכן הויך, אי וויינען,
אָדער אַלץ אין איינעם און צוזאַמען,
ווי געבראַכט וואָלט מען אַ גרוס מיר פון מײַן מאַמען,
ווי מײַן טאַטנס נאָמען כ'וואָלט דערהערט!...

סאַמאַרקאַנד, 1944

די לעצטע שלאַכט

נישט פון אַקער דער בלאַנק, נישט פון טראַקטאָר דער רויש,
נישט קיין פויער עס גייט דאָרט מיט זריעה אַ קויש
און מיט ברכה ער זייט דאָס צעאַקערטע פעלד,
כאָטש ס׳איז פרילינג אַצינד אויף דער גאַנצענער וועלט.
נישט אויף פּאַשע קיין שאָף טרײַבט אַ פּאַסטוך פאַרטראַכט,
און עס שמעקן נישט סעדער צעבליטע פאַרנאַכט...

ס׳איז דער בליץ פון גראַנאַט, ס׳איז פון טאַנקען דער רויש
און פון לופט-שיפן שווערע, וואָס רײַסן אַרויס
און זיי ווישן אַראָפּ פון דער ערד גאַנצע שטעט.
דאָס איז, מערדער, די פויסט, וואָס דײַן שאַרבן צעפּלעט,
ס׳איז דער שטורעם אויף דיר, ס׳איז דער וויכער פון טויט!
ס׳איז דער בלוטיקער שניט, וועלכן דו האָסט פאַרזייט!...

רונד-אַרום קלעמט צונויף דיך אַ שטאָלענע רייף,
און אַלץ ענגער פאַרציט אויף דײַן האַלדז זיך דער שלייף!
ס׳איז דײַן הימל אין פלאַם, און אין פלאַם איז דײַן ערד!
אויב אַ מעקען פון שאָף אויף די פעלדער זיך הערט,
אַ וויי-געשריי איז עס צו דעם באַלעבאָס,
וואָס האָט אין געיעג זיי אויף הפקר געלאָזט.
מיט סמאַלינעס שמעקן די סעדער בײַ דיר
און אויף הפקר צעפּראַלט זענען טויער און טיר...

נישט קיין היים, נישט קיין ווײַב, נישט קיין קינד, נישט קיין רינד...
בלויז חורבן און אומקום און קיין זאַך נישט מער!
עס וועט קיינער נישט לעשן דײַן שׂריפה אַצינד,
און נישטאָ איז פאַר דיר קיין באַדויער, קיין טרער!...
ווײַל עס האָט דיך קיין מאַמעשע טרער נישט גערירט,
ווײַל עס האָט נישט גערירט דיך קיין קינדערש געשריי,
געקוויקט האָסט זיך רוצחיש מיט מענטשלעכן ווײי —
דײַן וועג איז מיט ביינער און שאַרבנס באַצירט.

יעדער שאָס אויף דײַן ערד קלינגט, ווי העלסטע מוזיק,
יעדער שאָס אויף דײַן ערד פילט דאָס האַרץ אָן מיט גליק!...
געבענטשט איז די האַנט און געבענטשט איז די שווערד,
וואָס ברענגען אַצינדער דעם בראַך אויף דײַן ערד!

✶

עס קומט נישט קיין שלאָף צו מײַן אויג אין דער נאַכט.
מיט פלאַמיקן אומרו איך ליג און איך וואַרט,
מיט ציטער אין האַרצן, מיט פיבער אין בלוט:
נישט דורכלאָזן זאָל איך די גרויסע מינוט
פון העלסטן, פון שענסטן, פון גרעסטן סאַלוט...

1טער מאַי 1945

כ׳איל זיך אָנשרייבן אַ בריוו

ס׳איז מײַן האַרץ מיט שׂמחה פול —
פרײַ מײַן היים איז ווידער!
ווילט זיך אָנשרײַבן אַ בריוו
צו די ליבע ברידער.

ס׳איז מײַן קאָפּ מיט נעמען פול —
היימישע אַדרעסן.
אַלע שווידערן אַצינד
גלוסט זיך מיר פאַרגעסן.

שיק איך בריוו נאָך בריוו אַוועק,
פיבערט מײַן נשמה —
כ׳וואַרט אַן ענטפער קומען זאָל
מיט אַ ליבן נאָמען,

מיט אַ בילד אַ טײַערס
און מיט שורות צאַרטע.
צאַפּלט העל מײַן האָפענונג,
נאָר... אומזיסט מײַן וואַרטן.

טרעף איך אָן דעם בריוו-טרעגער,
בעט איך מיט די בליקן,
אפשר וועסטו שוין מײַן האַרץ
ענדלעך הײַנט דערקוויקן?...

נאָר קיין ענטפער איז נישטאָ
פון די פרײַנט און ברידער...
וויפל בריוו איך האָב געשיקט —
כ׳האַלט אין האַנט זיי ווידער.

קוק איך די אַדרעסן אָן,
און איך שלינג די טרערן,
ביז איך פיל, אַז פאַר מײַן בליק
הייבט אָן פינצטער ווערן...

קען איך נישט די פינצטערניש
פון מײַן האַרץ פאַרטרײַבן,
ווייס איך מער נישט וואָס צו טאָן
און ווּהין צו שרײַבן:

אפשר צו די הורבעס אַש
פון די ליבע שטיבער?
אפשר צו די בערגלעך ערד
פון די קברים־גריבער?

צו דעם קויל פון שײַטערן?
צו די וועלדער תליות?
צו די פייגל, וואָס אין שרעק
פלעגן זיך צעפליִען?

צו די ווערעם, צו די שלענג
אין די טיפע היילן? —
אפשר וואָלטן זיי געקענט
עפּעס מיר דערציילן?

ביז עס ברענגט דער שלאָף מיר טרייסט,
און אין חלום זיסן
קען איך ווידער גליק און פרייד
מיט די פרײַנט געניסן.

נאָר דער חלום דויערט קורץ
און איך וואַך אויף ווידער,
און מײַן אומרו און מײַן ווײ
קלאָג איך אויס אין לידער!

סעפּטעמבער, 1944

צוריק אַהיים

וויפל טעג געהאַט האָב איך קיין רו,
און וויפל נעכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעשלאָסן!
פון וואָס כ'האָב נישט געטראַכט, איז ווידער דו,
איז ווידער דו האָסט רוען נישט געלאָזן.

דו פלעגסט צו חלום קומען מיר ביינאַכט,
געבעטן הילף, כ'זאָל דיר אַ האַנט דערלאַנגען,
נאָר וויפל וועג צו דיר כ'האָב דורכגעמאַכט,
און צו דיין שוועל כ'בין קיין מאָל נישט דערגאַנגען.

און איצטער וועל איך קומען אויף דיין ערד,
ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס איך וועל דאָרט געפינען?
די האָפענונג, וואָס האָט מיך דאָ גענערט,
וועט זיין דער גרונט פאַר אויפבוי אויף רוינען.

כ'וועל אומגיין און באַטראַכטן יעדעס אָרט
און זען וועל איך די שפּורן אַזוי בולט,
ווי וואַנזין האָט געבושעוועט און מאָרד,
און ווי אַ גאַנצע שטאָט איז אויסגעקוילעט.

און זען וועל איך אין זאַמד נאָך זייער טראָט,
און הערן כ'וועל אין לופט נאָך די געשרייען
פון אַלע ליבע מענטשן פון מיין שטאָט,
וואָס וועלן מער מיין אויג שוין נישט דערפרייען.

נאָר אויפגיין וועט אַ לעבן ווידער ניי
און דאַן איין טרייסט וועט האָבן מיין נשמה
און איין פאַרגיטיקונג — אויף יעטוועדן געביי
ווי פרילינג-צווייט וועט שיינען זייער נאָמען.

סאַמאַרקאַנד, 1945

ווען אויפזאַמלען וואָלסטו געקענט...

צו י. ל. פרץ

ווען אויפזאַמלען וואָלסטו געקענט אַלע טרערן,
די זיפצן די שטילע, דעם יאָמער דעם שווערן,

דעם מוט פון די העלדן, די גרויסע נשמות —
אַ הערלעכן קראַנץ וואָלסט געהאַט פון מתנות!...

עס האָט זיך געדוכט, אַז נישטאָ איז שוין קיינער...
נאָר זע — אויף די חורבות, אין טאָל פון די ביינער,

אַ ייִד ווײַזט זיך ווידער — באַקאַנט איז זײַן פּנים.
ער לעבט און איז דאָ אויף להכעיס די שונאים!

פון וואַנען געקומען? אַוווּ זיך באַהאַלטן?
פון טויזנטער מײַלן?... פון לעכער, פון שפּאַלטן?...

פון טויזנטער-טויזנט פאַרבליבן איז איינער,
דאָס אומגליק צו זען און דעם בראָך צו באַוויינען, —

באַוויינען דעם בראָך... פון דאָס נײַ אָנצוהייבן
דאָס לעבן אויף חורבות, מיט מוט און מיט גלויבן!

און ס'הערן די וויסטעס, די קברים מיט חידוש
די לאַנג-שוין פאַרגעסענע קלאַנגען פון ייִדיש...

פון מזרח אַ מיידל, פון מערב אַ ייִנגל —
און ווידער באַהעפט זיך אַ רינג צו אַ רינגל.

אויף ערדן, פון וואַנען פאַריאָגט איז דער טויט,
נעמט ווידער זיך שמידן דײַן גאָלדענע קייט!...

1945

זאָלן דורות געדענקען

גערעדט האָט דער טויט אויף דער דײַטשישער שפּראַך...

...אַ יאָר איז געקומען, אַ יאָר איז אַוועק.
פון איין יאָר ביז צוואַנציק נישט גרויס איז דער וועג,
און ווידער שוין פיבערן הערצער אין שרעק,
און ווידער זיך האָבן סירענעס צעקלאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין חיהשע נעגל, אין שטאָלענע ציין
פאַרקוועטשט האָבן פינצטערע רוצחים מײַן היים...
ווי הונדערטער שטעט איז מײַן יידישע שטאָט
געוואָרן פאַרשפאַרט הינטער שטעכיקן דראָט.
אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ אין דרײַ געסלעך פאַרשפּאַרט.
דער טויט האָט אַליין שטרענג דעם געטאָ באַוואַכט,
מיט שטאָלענע רערן דעם געטאָ געהיט —
נישט ראַטעווען זאָל זיך קיין איינציקער ייִד...
געשפּאַנט האָט דער טויט און האָט שיכּור געלאַכט,
גערעדט האָט דער טויט אויף דער דײַטשישער שפּראַך...
געהיט, אַז דער מענטש דאָרט מקנא זאָל זײַן
דעם טויטן, וואָס פילט שוין נישט מערער קיין פּײַן,
אַז צאַנקען אַ קינד זאָל אויף מאַמעשע הענט,
אַז צאַנקען אַ פאָלק זאָל אין פינצטערע ווענט...
נאָר ס'פאָלק האָט געלעבט און באַהאַלטן געגרייט
אַ כּוח — זיך קעגנצושטעלן דעם טויט.
נאָר ס'איז זיי דער טויט גיך פאַרלאָפן דעם וועג —
אַ זעין־געטאָן האָט ער מיט אײַזערנע העק
אין שטיבלעך פון געטאָ, אין טויער און טיר,
אין איינער אַ האַרבסטיקער נאַכט זייגער פיר,
און ס'האָבן די מענטשן אין וואַכזאַמען שלאָף
דערהערט און פאַרנומען דעם אָנזאָג פון סוף...

געדרייט האָט אַ שאַרפער, אַ פראָסטיקער ווינט.
געבילט האָבן דײַטשן, געבילט האָבן הינט —
געגישטערט, געזוכט, ווו אַ ייִד איז פאַרשטעקט,
געהאַקט און געבראָכן מיט לאָמען און העק.
פאַרטויבט איז געווען פון יללות די גאַס.
אַ ברעג פונעם הימל געווען איז שוין בלאַס.

אַנטפּלעקט האָט פרימאָרגן דאָס גרויליקע בילד —
אין בלוט ליגן מענטשלעכע גופים פאַרקילט,
פון נאַרעס האַלב-נאַקעטע פרויען מען שלעפּט,
און עופּהלעך אין שטיינער צעזעצט מען די קעפּ,
און טאַטעס, און מאַמעס און קינדער — צעשיידט —
מ'פירט אויף מאַשינעס, באַזונדער, צום טויט...

דאָס װעלדל זאַפּאַליע, נישט ווײַט פון דער שטאָט —
דאָרט ווייסן די ביימער אַ יעטווערן סוד
פון ייִדישע מיידלעך, פול ייִדישן חן,
וואָס פלעגן מיט ייִנגלעך פאַרליבטע דאָרט גיין,
און מאָלן מ'פלעגט זיך דאָס קומענדע גליק.
ס'געדענקען די ביימער אַ יעטווערן בליק.

דער האַרבסטיקער ווינט טראָגט די בלעטלעך פון וואַלד,
אין גריבער אַ בלאַט נאָך אַ בלעטעלע פאַלט...

צוויי טעג האָבן וועלדער די שאָסן געהערט —
דערנאָך האָט אַ טאַנק אויסגעגליכן די ערד,
דערנאָך האָט די ערד אײַנגעגליווערט דער פראָסט.

דער פרילינג באַדעקט האָט די קברים מיט גראָז...

מאָסקווע, 1945

זאָלן דורות געדענקען!
(פּאָעמע)

א

כ׳בין צוריק אַהיים געפאָרן.
פעלדער — גרין, ווי נײַ־געבאָרן,
טײַכן — פול איבער די ברעגן,
זענען מיר אַרויס אַנטקעגן.
ס׳האָבן וועלדער, וואָס דערנעבן,
ברייט מיר שלום אָפּגעגעבן
און די שוועלבעלעך, מיט פרייד
האָבן מיך אַהיים באַגלייט.

כ׳בין צוריק אַהיים געפאָרן,
שײַנט אַ זון אין הימל קלאָרן.
כ׳עפן ברייט די פײַכטע וויִעס:
סאַראַ שיינקייט, סאַראַ חיות! —
נאָך דעם פינצטערן געוויטער
אויף מײַן היימערד קום איך ווידער,
אויסדערציילן מײַנע ווייען,
מיט די טײַערסטע זיך פרייען.

כ׳גיי פון באַן אַראָפּ אין פיבער.
איך דערזע באַקאַנטע שטיבער.
איך דערזע — פאַרקוילטע דעכער...
שוואַרצע קוימענס... ווענט מיט לעכער...
ס׳יאָגט אַ גרויל פון אַלע זײַטן.
כ׳פיל מײַן פנים נעמט זיך בײַטן.
מײַנע טריט אין שטילקייט קלאַפּן.
כ׳לויף, ווי עמעצן פאַרכאַפּן,

כ׳איל, ווי עפּעס נישט פאַרזאַמען,
און דאָס האַרץ מײַנס האַמערט, האַמערט.

אַט איז שוין מײַן טאַטנס געסל.
שטייט די שטוב זיך, ווי געוועזן,
און די שוועלן און די טירן
אין דער זעלבער ווינונג פירן.
באַלד אַ טיר וועט זיך צעפּראַלן,
אויפן האַלדז מען וועט מיר פאַלן.

כ׳מעסט אַ צימער נאָך אַ צימער
און עס ברעכן זיך די קני מיר.
קיינער קומט מיר נישט אַנטקעגן,
און די ווענט די הוילע פרעגן:
וועמען וויל איך דאָ געפינען?
בין איך נישט געדירט פון זינען?...

פייגל זינגען, ביימער גרינען.
איך מײַן היים קען נישט געפינען...
אָבער העלפן קען מיר קיינער.
כ׳דריי זיך אום אַ זכר איינער
פון אַ גאַנצער שטאָט מיט ייִדן,
וואָס דער נאַצי האָט פאַרשניטן.

שטייט אַ שטאָט האַלב וויסט און חרוב,
נישט קיין גואל, נישט קיין קרוב,
נישט קיין חבר, נישט קיין פרײַנט.
און אַ בלויער הימל שײַנט
איבער הפקרדיקע שטיבער.
ס׳ליגט אַ שטאָט אין צוואַנציק גריבער...
ס׳ליגט אַ שטאָט... און ביימער רוישן
איבער קדושים — פערציק טויזנט...

ב

כ׳בין צוריק אַהיים געקומען.
פֿאַר די אויגן שטייען זומערס.
זומערס בונטע, זומערס רײַכע,
שפּע פֿול, ווי פֿולע טײַכן.
שעפּ דאָס גליק פֿון פֿולע הויפֿנס!
קינדער שטיפֿן אין די הויפֿן.
מיידלעך שטראַלן בײַ די שוועלן,
און די מאַמעס גליקלעך קוועלן.
אין די הײַזער ניי־מאַשינען
שטעפּן, רוישן, ווי די בינען.
ס׳הילכן האַמערס בײַ די שמידן.
שוסטער — האָרעפּאַשנע ייִדן —
זינגען, אַז די גאַס צעלייגט זיך.

שטייען זומערס פֿאַר די אויגן.
דאַמפּערס רוישן, ס׳פֿײַפֿן באַנען,
אין די זאַמדן סקריפּען רעדער.
פּרוכטן טרייסלט מען אין סעדער.
פֿול מיט זון־רויזן דער גאָרטן.
באַלעבאַטעס פּרעגלען פֿאַנען
מיט פּאָווידלעס אַלע סאָרטן.
ווײַנשל שטעלט מען, ווײַן פֿון עפּל,
זאָל מען ווינטער נאָר דערלעבן!
און מען ווינטשט זיך און מען פֿרייט זיך
און אויף קימפּעטן מען גרייט זיך.

ג

דאָ אין שטאָט בין איך געבאָרן,
דאָ געשטאַנען איז מײַן וויגל.
דאָ אַ שפּליטער פון אַ ניגון
לעבט מיר אויף די קינדער־יאָרן...
דאָ געלעבט אויך מײַנע זיידעס.
פאַר די אויגן דורות שטייען.
דאָ פאַרזוכט די ערשטע פריידן
און די ערשטע ליבע־ווייען...

אין דער שטאָט מײַנער דער בעסטער,
נישט קיין ברודער, נישט קיין שוועסטער...
נישט אַ בליק, וואָס זאָל דערפרישן,
נישט אַ האַנט, וואָס זאָל פאַרווישן
מײַנע גליִענדיקע טרערן.
נישט אַן אויער — זאָל מיך הערן,
נישט אַ מויל זאָל עפּעס זאָגן...
בלויז די ווענט, די שטיינער קלאָגן,
אַלע ריידן זיי אין איינעם:
האָסט מער קיינעם, קיינעם, קיינעם...

און עס פירט דער גרויסער ווי מיר
הינטער שטאָט, צו יענע ביימער
פונעם וואַלד, וואָס הייסט: זאַפּאַליע.
כ׳זע שוין קלאָר: ס׳איז נישט קיין חלום...
בײַ די קברים כ׳שטיי געבויגן
ווי דעם טאָג און ווי די אויגן!...

שאַ און שטיל, די ערד איז הייליק!
יעדעס זאַמדל האָט זײַן חלק
בלוט אין זיך אַרײַנגענומען.
— טײַערע, צו אײַך געקומען
איז אַ לעבעדיקער ברודער!

— — — — — — — — — — — — —

אַלע חושים מײַנע הערן
ס׳בלוט דאָס אומשולדיקע זידן,
ס׳בלוט פון פערציק טויזנט ייִדן,
וואָס אַנטשוויגן וויל נישט ווערן...
כ׳זע, עס נעמט די ערד זיך רירן,
גלײַך, ווי דעמאָלט, נאָך דער שחיטה...
קאַלטע פינגער מיך באַרירן.
שאָטנס רינגלען מיך אַרומעט:
— פרײַנד, געבענטשט זאָל זײַן דײַן קומען!
און זיי ריידן און זיי זאָגן:
— טײַערער, מען דאַרף נישט קלאָגן!
זאָל מיט אונדז זײַן פול דײַן וועזן.
זע, נישט ווערן זאָל פאַרגעסן
אונדזער אומגליקלעכער נאָמען...
זאָל מען שטרענג אַ חשבון מאָנען!
נישט פאַרגעבן און נישט שענקען:
זאָלן דורות דאָס געדענקען!...

זאָל פֿאַרזייט ווערן דער זאָמען
פֿון אַ נײַ און ליכטיק לעבן!
אונדזער וואָרט, וואָס נישט דערזאָגט איז,
אונדזער טאָג, וואָס נישט געטאָגט האָט,
אונדזער בענקען, אונדזער שטרעבן,
אונדזער דראַנג און אונדזער ווילן,
אַלע צילן און געפֿילן,
אָפּגעהאַקט אין מיטן בלִיען,
זאָלסטו אויפֿלעבן אַצינדער.
גיב עס איבער דײַנע קינדער,
זאָלסט דעם פֿאָדעם ווײַטער ציִען
און אַ טרייסט וועסטו געפֿינען!

און דערזען כ׳האָב אַ באַגינען
איבער מיר זיך יונג צעהעלן.
כ׳האָב דערהערט, ווי טײַכלעך קוועלן
און דערזען, ווי פֿייגל טראָגן
שנאָבלען שטרוי פֿאַר נײַע נעסטן.
כ׳האָב דערזען, ווי מענטשן מעסטן
קלעצער פֿאַר אַ נײַעם בנין,
זעגן רווישן, האַמערס שלאָגן
און די בויערס מוטיק זינגען...

און אַ שבועה כ׳האָב געגעבן
בײַ דער נײַער שײַן פֿון לעבן —
ערד און הימל וועלן זען:
אײַער ווילן וועט געשען!

מאָסקווע, 1945

קינדער אין געטאָ

קינדער אין געטאָ, ווי פלאַנצן פאַרוועלקטע אין בליִען.
קינדער, ווי זקנים, מיט האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן.
זיי זענען מקנא דעם ווינט און די זאָרגלאָזע פייגל,
וואָס קענען פון געטאָ דעם שטעכיקן צוים איבערפליִען.

קינדער אין געטאָ — פון הונגער געשוואָלענע שטייען,
דאָס נאַקעטע לײַב — אונטער שטעכיקע רעגנס און שנייען.
זיי בעטלען אַ קרישקעלע ברויט, אַ קאַרטאָפל דעם הונגער צו שטילן,
אַ בגד אַן אַלטס — דאָס צעווונדיקטע לײַב צו פאַרהילן.

קינדער אין געטאָ, פאַריתומטע, עלנטע קינדער.
דער ברוק זייער היים איז און ווער וועט זיי שיצן אַצינדער?...
נישטאָ ווער ס'זאָל צוטוליען ווארעם, אַ לעפל געקעכטס זיי דערלאַנגען,
און ס'פאַלן די קינדער אויף גאַסן, ווי אונטערגעשניטענע זאַנגען.

קינדער אין געטאָ — געשלײַדערט פון פענצטער און שטיגן
דורך רוצחישע לאַפּעס — פון מאַמעשער ברוסט אָפּגעריסן...
די טויערן שווערע פון הויף מיט אַ קרעכץ הינטער זיי זיך פאַרשליסן,
און ס'וויינען די מאַמעשע הערצער בײַ ליידיק־געוואָרענע וויגן...

עס האָבן די רוצחים די ערשטע צום טויט זיי גענומען.
נאָך זיי איז אַן עדה אַ גאַנצע געוואָרן פאַרשניטן...
שוצלאָזע קינדער — די שענסטע, די איידלסטע בלומען —
עס האָט זיי אין ערגעץ די מערדערשע האַנט נישט געמיטן.

זייער געביין שרייט אַרויס פון די אַש און גריבער.
ייִדישע קינדער — פאַרשניטענע דורות — מיליאָנען.
זיי לעבן אין אונדזערע הערצער, וואָס בלוטיקן אַלץ נאָך אין פיבער,
ס'באַגלייטן אונדז זייערע אויגן, וואָס שרײַען און רופן און מאָנען — — —

לאָדזש, 1952

אויפשטאַנד אין געטאָ

איך וויל דיר דערציילן פון אויפשטאַנד, מײַן קינד,
פון העלדישע קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ.
פון זייערע גבורות זינגט לידער דער ווינט,
פון גרויסקייט און מוט יעדעס שטיינדעלע רעדט דאָ.

אַ תפיסה געווען איז דאָ יעטוועדעס הויז.
עס האָבן צום „אומשלאַג" געפירט אַלע וועגן.
ביז ס'האָט, ווי אַ ים, זיך דער צאָרן צעברויזט
און האָט זיך מיט פֿײַער און קוילן צערעגנט.

געווען איז דער נײַנצנטער טאָג אין אַפּריל.
עס האָט נישט מיט פאַרבן געשפילט יענער פרילינג.
אַרײַן זענען נאַציס, מיט היטלערס באַפעל:
„דער רעשט פון די ייִדן מוז ווערן פאַרטיליקט!"

נאָר ס'האָט אונטער רוצחישע טריט זיך די ערד
אין פלוצלינגן דונער אַ טרייסל געגעבן,
און ס'האָט זיך אין דונער דער אָנזאָג דערהערט:
„נישט אָפּגעבן וועלן מיר ביליק דאָס לעבן!"

— אַן אויפשטאַנד אין געטאָ? — געשטוינט האָט דער קאַט —
— כאַ, כאַ, ס'ווילן ייִדן מיט אונדז זיך פאַרמעסטן?...
פון מיידלשע הענט טרעפט אין ציל אַ גראַנאַט,
אַ יעטוועדע שטוב איז געוואָרן אַ פעסטונג.

עס אָטעמט דאָס געטאָ מיט גבורה און האַס.
דער שונא שיקט שטאָלענע פייגל און טאַנקען.
אַ שלאַכט-פעלד געוואָרן איז יעטוועדע גאַס,
אַ יעטוועדער דאַך נעמט מיט פֿײַער דערלאַנגען.

עס צינדן די רוצחים אַ הויז נאָך אַ הויז.
עס טרינקען זיך גאַסן אין רויך און אין פלאַמען,
אַ ייִד שפּרינגט דורך פּײַער פון פענצטער אַרויס;
אַ קינד ווערט פאַרקוילט אויף די הענט פון זײַן מאַמען.

נאָר ס'האַלט זיך דאָס געטאָ, אין בלוט און אין בראַנד,
אַ הײַפל — אין קאַמף קעגן ריזיקן שׂונא...
עס גיט דאָס געווער נישט אַ ציטער אין האַנט
פון מענער, פון פרויען, פון יוגנט, פון זקנים...
— — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט זייער בלוט אויסגעלאָשן דעם פלאַם,
צעווייט אויפן הימל די קנויליקע רויכן.
זיי האָבן צעבראָכן פון געטאָ דעם צאַם —
עס זאָל זייער רום אין דער אייביקייט גרייכן!

וואַרשע, 1953

אַ יידישע חתונה אין טרעבלינקע...
(באַלאַדע)

אין לאַגער טרעבלינקע, אין לאַגער פון טויט,
די „באַד" איז שוין פאַרטיק, דער שײַטער איז גרייט
פאַר יידן פאַר נײַע, געבראַכטע צום מאָרד...
אין לאַגער טרעבלינקע — עס רוישט און עס קאָכט.
עס שטייט אַ יללה, אַ ביטער געוויין
פון טאַטעס, פון מאַמעס, פון גרויס און פון קליין...
און באַלד וועט מען נאַקעט זיי טרײַבן אין „באַד"...
און וואָס דאָרט געשעט — איז פאַר קײנעם קיין סוד.
און נאָך דעם — די טויטע, אָן טומל, אָן רעש,
ט'מען וואַרפן אין פײַער, פאַרוואַנדלען אין אַש...

דער גרויס-אינקוויזיטאָר, דער הער קאָמענדאַנט,
וואָס אומעטום דאָ איז זײַן אויג און זײַן האַנט,
וואָס לעבעדיק מענטשן אין פײַער ער שלײַדערט
(ער ליבט דאָס געברוך פון געסמאַליעטע לײַבער)...
ער קען זיך פאַר דעם גאָר צום מיטאָג נישט זעצן...
דאָך האָט אים די „פשוטע שפּיל" שוין דערעסן,
כאָטש ליב איז אים זייער און טײַער דאָס פאַך...
אים האָט זיך פאַרגלוסט הײַנט גאָר פרייליך פאַרווײַלן.
און וואָס איז באמת פאַראַן זיך צו אײַלן?...
איז האָט ער אַזאַ מין פאַרווײַלונג פאַרטראַכט:
אַ יידישע חתונה זאָל מען דאָ מאַכן,
זאָל זײַן וואָס צו זען און זאָל זײַן וואָס צו לאַכן...
און זאָלן די יודען דאָ הײַנט פאַרן טויט
פאַרשאַפן די דײַטשן אַ ביסעלע פרייד!...

— איז לעבעדיק, פריילעך, איז רירעוודיק אַלע!
פאַראַן שוין אַ חתן, פאַראַן שוין אַ כלה,
אַ שטול צום באַזעצן, אַ חופּה מיט שטאַנגען,
פאַראַן אויך אַ רב און אַ בדחן — אַ לץ,
פאַראַן אויך מוזיק דאָ, מיט פּויקן און טעץ,
איז זאָלן זיי תיכּף אַ פריילעכס דערלאַנגען!
אַ טאָסט זאָל מען האַלטן און ליכט זאָלן ברענען.
נאָר פריילעך אין גאַנצן, נאָר טאַנצן און טאַנצן
און זאָל מען דאָ זען היינט, וואָס ייִדעלעך קענען!

און באַלד נאָך דער חופּה, נאָך דער צערעמאָניע,
וועט יעטוועדער דײַטשישער זעלנער זיך קאָנען
אַ מיידל דאָ נעמען, וואָס אים וועט געפעלן...
ס'וועט קיינע נישט וואַגן זיך קעגנצושטעלן...
און ער וועט זיך נעמען די כלה אַליין
און וועט לויטן ייִדישן דין זיך באַגיין — — —

— איז פריילעך זשע, יודען, איז ייִדעלעך שנעל!
וואָס וואַרט איר, ביז כ'וועל פון אײַך שינדן די פעל?...
איז פריילעך, דו בדחן, איז פריילעך, דו לץ,
און זאָל דער אָרקעסטער שוין געבן אַ זעץ
מיט פידלען, מיט פלייטן, מיט פּויקן, מיט טעץ!...

און ס'האָט דער „אָרקעסטער" אַ זעץ באַלד געגעבן,
דער דײַטש וועט געדענקען, ווי לאַנג ער וועט לעבן...
אַ דונער אַ שווערער געלאָזט האָט זיך הערן —
פון באָמבעס, גראַנאַטן און פון רעוואָלווערן...
ס'האָט אַלץ אויסגעמישט זיך אין פלאַמען און רויך...
געטאַנצט האָבן דײַטשן מיט פיס אין דער הייך,
געטאַנצט האָבן זיי מיט פאַרבלוטיקטע אויגן,

די קעפּ אין דער לופט זענען ראַשיק געפלויגן
און האָבן אַליין זיך פאַרקײַקלט צום „באָד"...
ס'האָט בלוט זיך געגאָסן אויף יעטוועדן טראָט...
אַוווּ נאָר אַ האַנט האָט גענומען דערלאַנגען
מיט מעסערס, מיט פויסטן, מיט פלעקער, מיט שטאַנגען.

אין לאַגער טרעבלינקע, אין לאַגער פון טויט
געווען איז בײַ ייִדן אַ שׂמחה, אַ פרייד...

די העכסטע שטראָף!

(צום נירנבערגער פּראָצעס)

צי ווייסטו, תּליון, וואָס עס הייסט: אַ היים,
אַן אײַנגעפּונדעוועטע היים פון יאָרן? —
אַ היים, אַוווּ דער זיידע האָט געוווינט,
אַ היים, אַוווּ דער טאַטע איז געבאָרן.
אַ זאַטע היים, אַ וואַרעם־ליבע נעסט,
מיט וואָכן־טעג, מיט שׂמחות און מיט געסט.
ווען דו וואָלסט פון אַ היים געשמאַמט, וואָלסטו נישט קענען
אַ מענטשנס היים צעשמעטערן, פאַרברענען.

צי ווייסטו, וואָס עס הייסט: אַ מענטש פאַרלירט
אַ ליבן פרײַנד, אַ קינד צי טאַטע־מאַמע...
עס ווערט דאָך פון זײַן צער אַ שטיין גערירט.
און דו צום טויט געפירט האָסט גאַנצע שטעט צוזאַמען...
און נישט גערירט האָט דיך אַ זקנס בליק,
ווען אויף זײַן האַלדז פאַרלייגט האָסטו אַ שטריק...
אַ מיידלס טרער עס האָט דיך נישט גענומען,
ווען ס'איז איר ריי צום שײַטער גיין — געקומען...

אַ האַלבע וועלט, רוצח, האָסט געטויט,
מיט יידיש בלוט די ערד האָסטו פאַרטרונקען...
דײַן אורטייל אויסהערן זײַ איצטער גרייט!
דײַן משפּט אויסמײַדן עס איז דיר נישט געלונגען...
דיך שעלטן צאַרטע קינדער פונעם שלאָף,
מיט האַס אַ קללה מורמלען טויטע ליפּן...
און דער, וואָס לעבן איז געבליבן,
מאָנט שטרענג פאַר דיר די העכסטע שטראָף!

מאָסקווע, 1946

איך זוך אַ שטראַל...

איך בין אַ שטראַלן־מיליאָנער —
פון אַלע גאָלדענע פאַרטאָגן
און העלע טעג — איז אָפט מיר שווער
אַזוי פיל אוצרות שיַין צו טראָגן.

עס בראָדזשען מיַינע פּים אין ליכט
פון זון אויף גאַסן און אין הויפן.
כ׳האָב ליב די זון! נאָר אומגעריכט
כ׳וויל אָפט פון צופיל ליכט אַנטלויפן...

עס גייט די גאָלדיק־העלע שיַין
אַריבער יעדן ראַנד און מאָסן.
איך וואָלט געשיקט, ווי פעסער וויַין,
אַן אוצר זון די עסקימאָסן.

איך וואָלט איר וואַרעמקייט געשיקט
אויך העט — אין די סיבירער טיַיגעס.
כ׳וואָלט גאָר דער וועלט מיט זון באַגליקט,
און וואָלט פאַרטריבן אַלע דאגות.

כ׳וואָלט יעדערן באַשענקט מיט פרייד!
נאָר איך אַליין קען נישט געפינען
קיין פרייד פאַר זיך... און שטילערהייט —
ביז טיפער נאַכט פון פרי־באַגינען

אַ וואָלקן אויף מיַין הארצן דריקט,
וואָס גאָר דאָס ליכט קען נישט פאַרטריַיבן...
כ׳וואָלט אַלעמען מיט טרייסט באַגליקט!
און איך מוז מיט מיַין ווייטיק בליַיבן...

ווײַל פֿריש די װוּנד איז אין מײַן ברוסט
פֿון בראָך אין יענע שוידער־יאָרן...
און גאָר די וועלט זעט אויס מיר פּוסט
אונטער דעם הימל — לויטער־קלאָרן...

אַזויפֿיל גאָלד פֿון הייכן פֿאַלט,
כ׳קען זון דער גאַנצער וועלט פֿאַרטיילן,
נאָר איך אַליין — איך זוך אַ שטראַל,
וואָס קענען זאָל מײַן װוּנד פֿאַרהיילן!...

חולון, 1966

כ׳נעם פאַר ליב...

כ׳נעם פאַר ליב יעדע לאַסט און פאַר ליב יעדע פּיַין,
וויַיל אַ ציל האָט מיַין לעבן, אַ שליחות — מיַין זיַין,

אויב עס האָט מיר דער גורל דער בלינדער באַשערט
צו בליַיבן אַ שפּור פון מיַין שטאַם אויף דער ערד;

אויב דורך נס כ׳האָב געמיטן דעם לעצט-לעצטן וועג
פון טיַיערסטע מיַינע — צום בלוטיקן ברעג;

אויב איך האָב נישט געטיילט זייער לעצטע מינוט,
אויב איך האָב נישט מיט זיי אויסגעמישט אויך מיַין בלוט...

עס קען זיַין: ס׳האָט דערפאַר מיך געמיטן די קויל —
איך זאָל קענען פאַר דורות פאַרשריַיבן דעם גרויל

פון דעם אומשולדיק-הייליק פאַרגאָסענעם בלוט...
אָבער קיין מאָל מיַין האַרץ וועט נישט זיַין שוין באַרוט!

וויַיל איך בין ווי אַ גליד — אָפּגעהאַקט פון אַ גוף...
און אויף שריט און אויף טריט גייט מיר נאָך זייער רוף;

טאָג און נאַכט גייט מיר נאָך זייער לעצטער געשריי,
אין מיַין חלום און וואָר כ׳ווער פאַרברענט פונעם וויי.

דאָך מיַין ווייַ איז געוועבן אויך מיט פרייד דורכגעוועבט,
וויַיל איך האָב די מפּלה פון צורר דערלעבט!...

און איך האָב אָט די בשורה — אין מיטן דער נאַכט
צום הייליקן גרוב פון די ליבסטע געבראַכט...

איצט — מײַן לעבן הייסט מאָנען, דערמאָנען אָן סוף,
אַז עס זאָל קיין שום מערדער נישט מײַדן זײַן שטראָף!

דערמאָנען און מאָנען אויף יעטוועדן טראָט:
די וועלט זאָל נישט זײַן מער פון רוצחים באַדראָט.

נישט אויפהייבן ווידער די שלאַנג זאָל איר קאָפּ
צו שלעפּן די מענטשהײַט אין אָפּגרונט אַראָפּ...

און אונדזערע קינדער, ווי שוועלבעלעך פרײַ,
נישט דורכמאַכן זאָלן דעם גרויל אויף דאָס נײַ,

און קיין מאָל נישט וויסן פון געטאָס און פּײַן!...
אָט דאָס איז דער ציל פון מײַן לעבן און זײַן!

חולון, יאַנואַר 1967

מײַן זונעלע

זײַ אַ טרייסט מיר, מײַן קינד

זײַ אַ טרייסט מיר, מײַן קינד, אין מײַן בלוטיקן וויי.
לעש מײַן גליִענדן צער, מײַנע ווונדן פאַרהייל.

מיט אַ ציטערדיק האַרץ כ'נעם דיך, קינד, אויף די הענט,
און מיט זון און מיט ליכט פילן אַן זיך די ווענט.

און איך פיל, ווי מײַן האַרץ, גיסט זיך אַן פול מיט שײַן —
זײַ אַ טרייסט מיר, מײַן קינד! זײַ אַ טרייסט אין מײַן פּײַן!

אפשר וועסטו מיר, קינד מײַנס, איצט אויפלעבן צריק —
מײַן טאַטנס אַ שמייכל, מײַן ברודערס אַ בליק,

מײַן שוועסטערס געטרײַשאַפט, איר ליכטיקן חן
און אַלץ וואָס געווען איז מיר טײַער און שיין.

וויפל בלוט, אונדזער בלוט אײַנגעזאַפּט האָט די ערד.
וויפל טעג האָב איך יאָמער־געשריי נאָר געהערט.

וויפל נעכט אין מײַן האַלדז כ'האָב געוואָרגן די טרער
און געמיינט, אַז קיין שמייכל נישט זען כ'וועל שוין מער.

נאָר איצט איבער חורבן דײַן שמייכל שײַנט אויף,
און עס קלינגט דײַן געשריי, ווי צום לעבן אַ רוף!

אויך די וועלט נײַגעבוירן איז איצט, ווי אַ קינד,
און דאָס לעבן גייט אויף, ווי אַ פרילינג צעגרינט!

איז וואַקס מיר, מײַן קינד, און געניס פון זײַן גליק,
און באַהעפט אויך מײַן האַרץ מיט זײַן שיינקייט צוריק!

מאָסקווע, 1946

וואָס איז פון דעם הימל בלויער?

וואָס איז פון דעם הימל בלויער? —
דײַנע אויגן, טײַער קינד!
וואָס איז שטאַרקער פונעם טרויער? —
אָט די פרייד, וואָס כ'שפּיר אַצינד!

רעדט דאָס קינד מײַנס: לע און לאַ,
ס'איז בײַ אים אַ שפּראַך אַזאַ:
לע הייסט: עסן, לאַ — הייסט שלאָפן.
און די פענצטער זענען אָפן,
און מיט זון איז פול דער רוים;
ענטפערן מײַן קינד די פייגל
אויפן פרילינגדיקן בוים.

וואָס זשע רעדט מײַן זון אַצינד?
וואָס פאַרלאַנגט פון מיר מײַן קינד?
נישט קיין פּילקע, נישט קיין גלעקל,
נישט קיין שליטל, נישט קיין וועגל
נישט קיין פערד פון ערשטן סאָרט.
וואָס זשע וויל מײַן יִנגל פּאָרט?

לידער וויל ער הערן, לידער!
אַ געזונט אין זײַנע גלידער!
לידער שיינע און געזאַנג —
איז מײַן זונעלעס פאַרלאַנג!
הערט ער זינגען — נעמט ער טאַנצן,
זײַנע אויגן פריילעך גלאַנצן,
הייבט צום טאַקט די פּיסלעך פלינק,
יעדער אבר אין אים זינגט,
כאָטש ער איז נאָך זייער קליין,

כאָטש ער קען נאָך גאָרנישט גײן...
ס׳איז אינגאַנצן זײַן פאַרמעג
פינף חדשים מיט צוויי טעג.

וואָס זשע נאָך האָט ליב מײַן קינד?
מער פון אַלץ, וואָס איז אים טײַער?
ליכט! — ער ציט זיך צו דער שײַן,
ווי אַ שמעטערלינג צום פײַער.

און אַז לידער, און אַז שײַן —
וויל מײַן זון אין גאַס אַרײַן,
ווײַל אין דרויסן, נעבן הויז,
זעט ער ווי די וועלט איז גרויס!
זעט ער ווי די וועלט איז פרײַ!
און פאַר אים איז אַלצדינג נײַ.
קוקט ער לאַנג מיט חידוש אָן
אי דעם קרייענדיקן האָן,
אי דאָס הינטעלע וואָס בילט,
אי דאָס קעצל, וואָס זיך שפּילט.

נאַ דיר לידער, נאַ דיר שײַן,
און די וועלט וועט דײַנע זײַן!

מאָסקווע, 1946

איך וויל זינגען דיר, מײַן קינד

איך וויל זינגען, דיר, מײַן קינד,
וועגן לאַנד פון הייסן ווינט,

פון מדבריות, בלויע בערג,
פון דער רײַכער גרינער ערד,

ווו אין פריִע טעג פון מאַרט
בליִען מאַנדלען ראָז און צאַרט.

אויף די רחבותן די פרײַע
דאָרט אויף אייזעלעך באַבײַען

פויל זיך וויגן און זיי דרימלען.
בלוי עס שפּיגלען זיך די הימלען

פול מיט זון-גאָלד אינעם בליק
אין דעם לויטערן אַריק.

* * *

די אוזבעקינס, ברוין און שלאַנק —
פול מיט ווירדע זייער גאַנג,

קוישן פרוכטן, שווערע טעפּ,
לײַכט זיי טראָגן אויף די קעפּ.

און עס שפּאַנען — פּײַער־פּלאַם —
יונגען פון אוזבעקן־שטאַם.

ציִען זיי די שווערד פון שייד,
איז אויף לעבן און אויף טויט!

*

אין די זאַמדן — קוים מען הערט,
גייען קעמלען ווי די בערג.

אין דעם מדבר אַ געזאַנג —
גלעקלעך קלינגען שטיל און באַנג.

*

אין דעם לאַנד אוזבעקיסטאַן
גאָלד אַזויפיל איז פאַראַן! —

גאָלד וואָס ווערט נישט אויסגעלאָשן,
גאָלד פון דיניעס, אַבריקאָסן,

גאָלד אויף יעדער צווייַג און בלאַט
פון אַ זון וואָס ווערט נישט מאַט.

אָבער רײַכער פונעם גאָלד
איז דאָס זילבער, וואָס אין טאָל.

זילבער־פעלדער, ווײַס ווי שניי —
קלאָרער בוימוואָל שטראַלט אויף זיי.

ווײַסע בלומען, זייער צווייט
האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט.

ווי דער שוים פון וואַסער־פאַל,
זייער זילבער לײַכט און שטראַלט.

ס׳איז די קישן, ס׳איז דאָס העמד
אין דער היים און אין דער פרעמד.

ס׳איז די וואַטע, ס׳איז דער בינט,
וואָס אין קריג דעם שלאַכטמאַן דינט.

ס׳איז דער אָנצוג, ס׳איז דאָס קלייד,
ס׳איז פון גאַנצן פאָלק די פרייד.

✶

אָט די געגנט, אָט דאָס לאַנד
אויסגעשטרעקט האָט אונדז אַ האַנט

אין די טעג פון וויי און צאָרן.
זענען מיר אויף ס׳נײַ געבאָרן...

האָט פאַרביטן אונדז די היים
אַ קיביטקע דאָרט פון ליים.

און פאַרביטן אונדזער פליִען
האָבן גערטנער רײַך און שײַן.

ס׳איז, ווי אונדזער טײַך און קוואַל,
ליב געוווען דער וואַסער־פאַל.

ווי די סאָסנע — זאַפטן־פול —
ליב געוווען דער סאַקסאַול.

פרילינג־צײַט האָט אונדז באַגריסט
ווײַסער, לילאָווער אירים.

ווילדער פלאַמענדיקער טאָן
האָט די ווײַטע היים דערמאָנט.

דער אוריוק פאַרביטן האָט
אַלדאָס־גוטס פון אונדזער סאָד.

און די ראָזשינקעס און נים
האָבן אונדזער צער פאַרזיסט.

*

אָט די געגנט, אָט די ערד
אײַנגעזאַפּט האָט אונדזער טרער,

און אין שווערע טעג און נעכט
אונדז מיט האָפענונג גענערט.

אונדזער האַנט האָט נישט פאַרפעלט
בײַ דעם בוימוואָל אויפן פעלד,

בײַ מאַשינען אין זאַוואָד,
אויפן גאָרטן און אין סאָד.

אויפן ברוק בײַם הארטן שטיין
שנעלער פלעגט דער טאָג פאַרגיין.

און די שווערע מי אין שוויים
האָט געברענגט אונדז שטילע טרייסט.

האָבן מיר אַהיים געבראַכט
הענט פאַרהאַרטעוועט און שטאַרק

און אַ ווילן אײַזן־פֿעסט —
אויפֿצורעכטן אונדזער נעסט,

אויפֿצוהייבן אונדזער היים
פֿון די חורבֿות שטיין אויף שטיין...

1946

אין די צוויַיגן רוישט דער ווינט

אין די צוויַיגן רוישט דער ווינט.
נאַכט. עס אָטעמט שטיל מײַן קינד.
און די מאַמע בײַ זײַן וויג
זינגט איר זונעלע אַ ליד:

„שלאָף מײַן קינד, שלאָף אײַן, מײַן טרייסט,
ועסט נישט וויסן פון קיין בייז,
קיינער וועט דײַן שלאָף נישט שטערן,
נישט קיין וועלף און נישט קיין בערן,
נישט קיין באָמבעס פון די הייכן,
נישט קיין רוצחים וועלן גרייכן
איצטער צו דײַן שטילער וויג...
ס׳האָט שוין אָפּגעהילכט דער קריג.
אין די הייכן פינקלען שטערן,
אין די נאַרעס ליגן בערן,
און די וועלף אין וואַלד געווים
שלאָפן אויך אַצינדער זים.
בלויז די מענטשן, ווי די וועלף,
נעמט קיין רו און נעמט קיין שלאָף...
און אין אַלע עקן וועלט
וואַרטן זיי אויף זייער שטראָף“...

נאַכט. אין דרויסן רוישט דער ווינט.
כאַפּט זיך אויף פון שלאָף מײַן קינד,
עפנט בלויע אויגן צוויי
און הייבט אויף באַלד אַ געשריי.
ס׳איז זײַן שרײַען פול מיט חן,
שרײַ זשע פיל דו ווילסט אַליין!
נישט פאַרווערן וועט דיר קיינער

הויך צו טומלען, לאַכן, וויינען.
ווײַל די צײַט האָט שוין געמיטן,
אין דער אייביקייט אַוועק,
ווען אין בלינדן קעלער — ייִדן
פלעגן ווײַס ווערן פון שרעק
און זיך אײַנקאָרטשען אין דרײַען,
ווען אַ קינד פלעגט נעמען שרײַען,
און די מאַמע פלעגט אין גרויל
גיך פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל...

ס'איז די בייזע צײַט פאַרבײַ!
וואַקס מײַן קינד, צעבלי זיך פרײַ,
ווי די דעמבעס פון מײַן לאַנד,
ווי די סאָסנעס פון מײַן קאַנט,
ווי דער עפּל-סאַד אין צוויט,
ווי דער פויגל מיט זײַן ליד,
אַזוי זוניק ווי אַ שטראַל,
אַזוי לויטער, ווי אַ קוואַל!...

אין די צווײַגן רוישט דער ווינט.
נאַכט. עס אָטעמט שטיל מײַן קינד
און די מאַמע בײַ זײַן וויג
זינגט איר זונעלע אַ ליד.

מאָסקווע, 1946

דאָס וואַרעמסטע האַרץ

דאָס וואַרעמסטע האַרץ...

געהיילִיקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון
מײַן ערשט־פאַרשטאָרבענער שוועסטער
— אסתּר —

א

ווי גרויס איז געווען מײַן שׂמחה, ווי גרויס,
ווען קומען פון דיר פלעגט אַ בריוו אין מײַן הויז.
צי צער האָט באַהויכט אים, צי פרייד אים באַהעלט,
געבראַכט האָט ער יום־טוב און ליכט אין מײַן וועלט.

דײַן וואָרט האָט, ווי זון־שײַן געזעטיקט מײַן בליק,
ווי טוי אין באַגינען, וואָס פרישט אָפּ די ערד.
נאָר — כ׳האָב נישט געוווּסט, ווי צו שאַצן דאָס גליק,
דאָס ביסעלע גליק, וואָס געווען מיר באַשערט.

געמיינט כ׳האָב: די פרייד זי וועט שטענדיק שוין זײַן,
אַזוי ווי דער הימל, וואָס שפּײַזט אונדז מיט שײַן.
נאָר פּלוצלינג — דײַן שטים איז געוואָרן פאַרשטילט.
דײַן ווע‏זן — אין שאָטנס און נעפּל פאַרהילט...

נישטאָ מער דײַן בריוו מיט זײַן לײַכטנדיק וואָרט.
אַ תּוהו־ובוהו פאַרנעמט איצט זײַן אָרט.
און הינטער דעם אַלעם באַהאַלט זיך אַ סוד,
וואָס כ׳קען נישט פאַרשטיין און באַנעמען, מײַן גאָט!

ב

נישטאָ מער דײַן וואָרט און נישטאָ מער דײַן בריוו.
עס קומט נישט קיין טויב מיט אַ בשׂורה פון דיר.
דער בריוו־טרעגער גלײַכגילטיק מײַדט אויס מײַן טיר.
אַ שנײַדיקער ווייטיק אין האַרצן נאָגט טיף.
פאַר אומרו — אָן ווערטער פאַרהאַקט איז מײַן מויל.
עס וואַרגט אין מײַן האַלדז מיר פון טרערן אַ קנויל.

ג

יעדן טאָג אין האַרץ דער זעלבער ציטער,
יעדן טאָג אין האַרץ דער זעלבער פלאַטער,
יעדער נײַער טאָג אַנטווישט מיך ביטער.
דאָך — דאָס האַרץ עס ווערט אַלץ נישט פאַרמאַטערט.

ס׳גליט אַ פונק פון האָפענונג פאַרבאָרגן.
ס׳צאַנקט נאָך בלאָס אַ פלעמעלע פון גלויבן:
גוטע בשׂורות ברענגען וועט דער מאָרגן —
קיינער וועט מײַן שטילע פרייד נישט רויבן!

נאָר — אַ בשׂורה איז נאָך לאַנגע, וויסטע וואָכן
געקומען... און מײַן לעבן שווער צעבראָכן...

ד

דאָס וואָרעמסטע האַרץ, וואָס איך האָב ווען געקענט,
האָט געפּלאַצט... און עס זענען איצט פּוסט מײַנע ווענט,
און ליידיק מײַן טאָג איז און ליידיק מײַן וועלט —
דער טײַערסטער פרײַנט אין מײַן לעבן מיר פעלט!...

מײַן האַרציקסטער פֿרײַנט איז נישטאָ מער, אָ, גאָט!
ס׳איז הייליק די ערד, וווּ געשטאַנען דײַן טראָט,
און הייליק דאָס אָרט, וווּ דײַן קערפּער איצט רוט,
נאָך יאָרן פֿון צער, וואָס פֿאַרסמט האָט דײַן בלוט.

ה

אָ, שוועסטער, מיט דיר איז מיר לײַכטער געווען
צו טראָגן דאָס אומגליק, וואָס אונדז איז געשען,

ווען ס׳האָבן די נאַציס אין האַלבנאַכט פֿון שטוב
דעם טאַטן פֿאַרשלעפּט און דערמאָרדעט אין גרוב...

די שוועסטער, די ברידער — סײַ גרויס און סײַ קליין —
ווען ווינט האָט געטראָגן אין פֿאַלעס געוויין,

ווען לופֿט האָט געציטערט פֿון יאָמער און גוואַלד, —
מען האָט זיי דערשאָסן בײַם טונקעלן וואַלד

צוזאַמען מיט טויזנטער ייִדן — אַ שטאָט,
וואָס האָבן געצאַנקט הינטער צוימען פֿון דראָט...

בלויז מיר איז געלונגען, אין שעהען פֿון גרויל,
אַנטלויפֿן און מײַדן די נאַצישע קויל...

און דו האָסט אין רווישיקן, ווײַטן ניו־יאָרק
קיין אויג נישט פֿאַרשלאָסן פֿאַר אומרו און זאָרג,

ביז דו האָסט מיך איינעם, אין צער און אין פֿרייד,
געפֿונען... דײַן ליבשאַפֿט מײַן וועג האָט באַגלייט.

מיר זענען פאַרבליבן צוויי צווײַגן פון בוים
פון גרויסער משפּחה און חרובער היים...

און איצטער — אַן דיר כ׳בין פאַרבליבן אַליין,
אַליין מיט מײַן צער, ווי אַן איינזאַמער שטיין...

ו

צו קאַרג איז געווען נאָך די מאָס פון מײַן פּײַן...
צו ווייניק כ׳האָב בלוט נאָך און לעבנס פאַרלאָרן....
דער מולך פון טויט, וואָס פאַרצוקט האָט מײַן שײַן,
ער האָט נישט געשטילט נאָך זײַן דורשט און זײַן צאָרן...

ביז ער האָט אויך דיך צוגענומען אין לאַנד
פון קאַלטן און אייביק-פאַרגליווערטן שווײַגן...
און איך בין פאַרבליבן איין צווײַג פונעם שטאַם,
פון חרובן שטאַם, מיט פאַרשניטענע צווײַגן...

עס האָט מיך דער גורל פאַרמשפּט, באַשערט
דאָס אומגליק פון אַלע אַליין איבערטראָגן...
ווו נעמט מען די שפּראַך און ווו נעמט מען די טרער:
אַזוי פיל פאַרשניטענע לעבנס באַקלאָגן?...

ביז וואַנזין עס דריקט מיך פון אומגליק דער עול,
ביז מאַכטלאָזן שווײַגן, ביז אָטעם פאַרפעלן...
נאָר אויסשמידן וועל איך אַ ווילן פון שטאָל:
די האַנט פונעם גורל זיך קעגנצושטעלן!...

ז

איך לייען דײַנע בריוו שוין צום הונדערטן מאָל,
מיט דאַטעם מיט אַלטע, פאַרריבענע שטעמפּלען.
איך פיל אין די שורות דײַן ציטער, דײַן קול,
וואָס פירט מיך אַרײַן אין אַ ליכטיקן טעמפּל

פון ליבשאַפט און רו און לײַטזעליקער שײַן;
פון האַרציקער גוטסקייט, וואָס האָט גאָר קיין ברעג נישט.
איך נייג טיף דעם קאָפּ, און דעם אָטעם כ'האַלט אײַן,
און תפילהדיק־שטיל, זיך די ליפּן באַוועגן.

און פּלוצלינג אַ קוואַל גיט מיט ליכט אַ צעפּראַל,
דער אָטעם פון פרילינג פאַרפלייצט אַלע וועגן.
עס שפּרייטן זיך שליאַכן אין זון־ליכט צעשטראַלט.
מיט ליכטיקן שמייכל דו קומסט מיר אַנטקעגן,

און ווײַזסט מיר: די וועלט זע, ווי יונג און ווי שיין!
ווי בלומען בונטפאַרביקע פלאַטערלעך שוועבן.
באַזינג זשע אין לידער דעם טאָג און זײַן חן,
זינג אויס אונדזער דורשט און די ליבע צום לעבן!

און... פּלוצלינג דערזע איך דײַן לעצט־לעצטן בריוו...
ווי קורץ, אוי, ווי קורץ האָט דײַן לעבן געדויערט...
מײַן פּנים אין קישן פאַרגראָב איך דאַן טיף
און וויין שטילערהייט אין אומענדלעכן טרויער...

ח

איך רייד מיט דיר דורך אַלע טעג און נעכט.
דו לעבסט אין מיר, אין אַלע מײַנע רוימען.
דו זאָרגסט פאַר מיר און דו פאַרווישסט מײַן טרער.
דו שפּיגלסט זיך אין ליכט פון מײַנע טרוימען.

דײַן טרײַשאַפט מיך באַגלייט אויף יעדן אָרט.
דײַן בליק, דײַן ראַט מאַכט מײַנע ווייען לינדער.
דו לייענסט דורשטיק און באַרוישט אַ יעדעס וואָרט
פון יעדן ליד, וואָס כ'שרײַב פאַר דיר אַצינדער.

האָסט שטענדיק דאָך געקרעפטיקט מײַנע הענט,
געפרייט זיך מיט אַ יעדעם ליד, וואָס כ'האָב געשריבן,
שטעל איך איצט אויף פאַר דיר אַ לידער־מאָנומענט
און פלעכט אַרײַן אין זיי מײַן האַרץ, מײַן גאַנצע ליבע!

ט

שלאָף מײַן שװעסטער טײַערע
אין דער ניו־יאָרקער ערד.
ס'װעט דער קאַלטער צפֿון־װינט
נישט זײַן צו דיר צו שלעכט.

ער װעט מיט צאַרטע טענער בלױז
פֿאַרװיגן שטיל דײַן רו,
און װעט אַ ניגון אױסזינגען דיר:
אײַ־לײַ ליו־ליע ליו...

דער שאַרפֿער פֿראָסט, װאָס הערשט אַצינדער
איבער באַרג און טאָל,
װעט דיר אַ פּאַלאַץ אױפֿשטעלן
פֿון לױטערסטן קרישטאָל.

די װײַסע טױב, װאָס אױפֿן בױם
איבער דײַן בערגל ערד,
װעט ברומען דיר אַ ליבע־ליד
אין אַלע טעג און נעכט.

נאָר װיסן זאָלסט, אַז אָט דער װינט
און אױך די טױב, װאָס ברומט,
דאָס איז מײַן האַרץ, װאָס איבער שטרעקעס
צו דײַן קבר קומט.

מײַן האַרץ, װאָס קאַרטשעט זיך אין פּײַן
און האָט נישט מער קײן רו,
עס זינגט דיר אױס דעם צאַרטן ניגון:
אײַ־לײַ ליו־ליע ליו.

טאָ, שלאָף זשע, שוועסטער טײַערע,
איצט פרײַ פון צער און זאָרג,
און זאָל נישט שווער זײַן דיר די ערד
פון רווישיקן ניו־יאָרק.

מײַן עלנט האַרץ, מײַן וואַרעם האַרץ,
כּל־זמן עס לעבט און האָפט,
וועט וואַכן צאַרט איבער דײַן רו
און אָפּהיטן דײַן שלאָף!...

חולון, יאַנואַר 1961

אַלדאָס גוטס פאַר אײַך

(קינדער־לידער)

ק י נ ד ע ר

די וועלט באָדט זיך ווידער אין זוניקער שײַן,
אָ, קינדערלעך קליינע, געזונט זאָלט איר זײַן!

קוקט צו, ווי דאָס גרעזעלע שפּראָצט פון דער ערד,
קוקט צו, ווי דאָס בלעטעלע גרעסער אַלץ ווערט,

און זעט, ווי אַ בלימל שיילט אויס זיך פון קנאָספּ,
די בלעטעלעך פאַרביקע פריידיק צעלאָזט,

און יעטוועדעס קוויטל און יעטוועדע בלום
מיט טויזנטער ריחות פילט אָן דעם אַרום.

עס שמייכלען די בלימלעך, דורך טראָפּעלעך טוי,
צו שוואַלבן, וואָס בויען זיך נעסטן פון שטרוי.

בײַ אונדז איז דער פרילינג נאָך שענער, ווי שיין,
בײַ אונדז איז אַ פרילינג דאָס לעבן אַליין!

און איר זענט פון פרילינג די הערלעכסטע שײַן.
אָ, קינדערלעך קליינע, געזונט זאָלט איר זײַן!

ס׳אַראַ בלויער הימל

ס׳אַראַ בלויער הימל
איבער אונדזער דאַך,
און אין הימל פליִען
פייגעלעך אַ סך.

זײַט באַגריסט איר ליבע,
זינגענדיקע געסט.
ווידער פלינק און פריילעך
בויט איר אײַער נעסט.

זײַ באַגריסט, דו העלע,
פרילינגדיקע זון.
קוים אויף דיר דערוואַרט זיך !...
ווייסטו כאָטש דערפון ?

טיר און טויער אָפן
פאַר דײַן מילדער שײַן.
פרייד אין אַלע הערצער
ברענגט דײַן ליכט אַרײַן.

אַלע טײַכלעך, סטאַוון
אין דײַן גאָלד צעהעלט.
ערשטע גרינע גרעזלעך
שפּראָצן שוין אין פעלד.

ס׳האָבן שוין פיאָלקעס
זיך אין וואַלד צעבליט.
באַלד וועלן די סעדער
אָנטאָן זיך אין צוויט.

באַלד אין אַלע פאַרבן
לײַכטן װעט דער מאַי,
הער, װי קינדער לאַכן
זוניק, העל און פרײַ.

גאָר דײַן שײנקײט, פרילינג,
הײם באַגריסן מיר.
אַלע שײנע לידער
זינגען מיר פאַר דיר!

װאַרשע, אַפּריל 1956

מײַן גערטל

פרילינג, פרילינג, איך האָב תיכּף
צו מײַן גערטל זיך גענומען,
דאָרט פֿאַרזייט די בעסטע גרינסן
און די סאַמע שענסטע בלומען.

זעט, ווי שיין ער האָט צעגרינט זיך —
ס׳איז נישט צופֿעליק, זײַט וויסן! —
כ׳היט מײַן גאָרטן, ווי אַן אוצר,
צוויי מאָל טעגלעך איך באַגיס אים.

צום פֿאַרזייען אויסגעקליבן
כ׳האָב אין הויף דאָס בעסטע ערטל, —
פֿון באַגינען ביז אין אָוונט
שײַנט די זון העל אין מײַן גערטל.

זעט נאָר, קינדער, די סטראַשידלע,
ווי עס שרעקן זיך די ראָבן!
איר וועט זען, ס׳אַרא סאַלאַטן,
ס׳אַראַ אוגערקעס כ׳וועל האָבן.

און קאַרטאָפֿל, פּאָמידאָרן,
איר וועט אָנקוקן שוין וועלכע!
באַבלעך — הערלעכע קאָלירן,
און אַרבוזן — אָט אַזעלכע!

אַ פֿאַרמעסט גייט אין מײַן גערטל
צווישן מערן, קרויט און רעטעך.
ווי ס׳וועט עפּעס פֿאַרטיק ווערן,
אויף אַ סעודה איך פֿאַרבעט אײַך!

מײַנע בלומען — אַ מתּנה
כ׳וועל אין שול די לערער ברענגען.
דעם בוקעט דעם סאַמע שענסטן
כ׳וועל מיט פרייד מײַן מאַמען שענקען!

לאָדזש, 1952

מײַן מאַמע האָט די פאָן געוועבט

הײַנט וועט דער צוג זיך ציִען ווײַט
אונטער אַ וואַלד פון פענער.
מײַן שײנע פאָן פון רויטן זײַד
וועט זײַן פון אַלע שענער.

מײַן מאַמע האָט די פאָן געוועבט
און אויסגענייט די ווערטער:
„כ'וויל שלום פאַר דער גאָרער וועלט,
פאַר אַלע זין און טעכטער!"

און אויף דער פאָן — אַ ווײַסע טויב,
אַ טײַבעלע — אַ בלימל.
מיך דוכט: אָט גיט זי זיך אַ הייב
און שוועבט אַוועק אין הימל.

זי טראָגט זיך אום פון לאַנד צו לאַנד,
זי אײַלט זיך: נישט פאַרזאַמען...
און ברענגט צום סאַמע ווײַטסטן קאַנט
די ווערטער פון מײַן מאַמען.

די ערד איז גרין, אין זון צעבליט,
אין ערשטן מאַי, אין שײנעם.
כ'וועל זינגען הײַנט דאָס גרויסע ליד
מיט אַלעמען אין אײנעם.

און קלינגען וועלן העל און קלאָר
אין ליד מײַן מאַמעס ווערטער:
„כ'וויל שלום פאַר דער גאָרער וועלט,
פאַר אַלע זין און טעכטער!"

1953

אויף קאָלאָניעס

לויפֿן באַנען, יאָגן באַנען —
פֿירן קינדער אויף קאָלאָניעס.
אויגן גליִען, בעקלעך פֿלאַמען,
טיכלעך פֿלאַטערן, ווי פֿאָנען.

— שטעט מיט קוימענס, שטעט מיט רויכן,
גאַסן דושנע — זײַט געזעגנט!
זעט, די זון פֿון בלויע הייכן
שפּרייט איר גאָלד אויף אַלע וועגן!

פֿון וואַגאָנעס לידער פֿלייצן,
יונגע, פֿריידיקע געזאַנגען —
צו די פֿעלדער — פֿול מיט ווייצן,
צו די גרינע קאָרן־זאַנגען.

לויפֿן באַנען, יאָגן באַנען
פֿון די שטעט, די מאָנאָטאָנע,
צו די וועלדער און צום ים איצט,
צו די זוניקע קאָלאָניעס.

בלויע בערג און גרינע פּליינען,
צאַרטע פֿייגל, בונטע בלומען,
לאָנקעס, זאַמדן און באַסיינען
וואַרטן שוין אויף זייער קומען.

וועלן פֿײַפֿלעך זיך צעטרעלן,
וועלן וועלדער ווערן יִינגער,
איבער פּליינען, זוניק־העלע,
רוישן וועט די פֿרייד פֿון קינדער.

װעט מען זינגען לידער שײנע,
װעט מען פלעכטן קרענצלעך בלומען.
זון די לײַבער װעט פֿאַרברױנען
מיט דעם שענסטן גאָלד פון זומער.

לױפן באַנען, יאָגן באַנען —
פירן קינדער אױף קאָלאָניעס.
אױגן שטראַלן, בעקלעך פלאַמען,
טיכלעך פלאַטערן, װי פאָנען.

לאָדזש, 1955

אַ קאָמבײַן

— שטילער, קינדער, הערט זיך אײַן,
כ'האָב געזען איצט אַ קאָמבײַן!

איר ווילט וויסן וואָס דאָס איז? —
אַ מאַשין אַזאַ — אַ ריז!

אַ מאַשין, וואָס שנײַדט און דרעשט.
ס'גייט אַן אַרבעט — אַ פאַרמעסט!

אין דעם ים פון זאַנגען טיף
דער קאָמבײַן גייט, ווי אַ שיף.

שנײַדט ער תבואה אָפּ אַ פּאַס,
בלײַבט אין פעלד אַ פּוסטע גאַס.

פול מיט קערנער ווערן זעק.
פולע אויטאָס ביזן ברעג!

גיט זיך חברה באַלד אַ רים:
— גיך, קומט אָנקוקן דעם ריז!

— נישט נאָר קוקן — העלפן אויך,
העלפן, אַז ס'זאָל גיין אַ רויך!

— קומט זשע, חברה, מיט געזאַנג
לאָמיר קלײַבן זאַנג צו זאַנג!

— לאָמיר צולייגן אַ האַנט
פאַר דער זעט פון אונדזער לאַנד!

1953

זון און וואַלד און קינדער

זון און וואַלד און קינדער.
יעדעם קינד — אַ ליד.
אַלע קינדער זינגען
און דער וואַלד זינגט מיט.

גערטנער און באַסיינען,
בלומען אומעטום.
שײַנט מיט אַלע חנען
יעדעם קינד — אַ בלום.

אויף די פעלדער — קינדער,
קינדער בײַ דעם שניט.
אַלע קינדער זינגען
און דאָס פעלד זינגט מיט.

קינדער אויף די זאַמדן,
קינדער אויפן טײַך.
— קינדער, גאָר דאָס לאַנד איז,
אַלדאָס גוטס פאַר אײַך!

נאָר דאָס גליק פון זומער
נעמט געזונטערהייט,
זאָל אײַך ווילבאַקומען
אייער רו און פרייד!

1955

אַ זון און אַ רעגן

אַ זון און אַ רעגן, אַ זון און אַ רעגן.
עס האָט טיף אין וואַלד אונדז אַ שטורעם באַגעגנט.

מיר האָבן דאָרט יאַגעדעס, שוואָמען געקליבן,
געזונגען, געלאַכט און דער וואַלד האָט געשוויגן.

דער הימל האָט פּלוצלינג פאַרהילט זיך אין שאָטנס.
אַ דונער האָט שווער, ווי אַ באַרג זיך צעשאָטן.

דער שטורעם פאַרשטעלט האָט דעם וועג אונדז מיט בליצן.
דער וואַלד האָט אַליין זיך געזוכט ווו באַשיצן.

מיר האָבן זיך איינער צום צווייטן געטוליעט.
אַרום האָט דער שטורעם אַלץ ווילדער געהוליעט.

געריסן די צווײַגן, צעליגט אַלע גראָזן.
דער רעגן האָט פּונקט ווי פון צעבערס געגאָסן.

פון יעטוועדן קראַך האָט דער וואַלד אויפגעציטערט.
און אונדז איז גאָר פריילעך געווען אין געוויטער.

עס האָט אונדז דער וואַרעמער רעגן געצוואָגן.
ס'האָט יעדער געהאַט עפּעס פריילעכס צו זאָגן.

ס'האָט יעדער געהאַט וואָס דעם לערער צו פרעגן.
און פּלוצלינג — אַ ליכט האָט באַשײַנט אַלע וועגן.

עס האָט זיך דער שטורעם פאַמעלעך דערווײַטערט.
אַ שטיק פונעם הימל זיך האָט אויסגעלײַטערט.

דער וואַלד שמעקט מיט הונדערטער ריחות אַצינדער
און ווײַט קלינגט דער עכאָ פון אונדזערע קינדער.

עס טריפט נאָך דאָס וואַסער פון אונדזערע זאַכן.
מיר גייען מיט באָרוועסע פיס און מיר לאַכן.

עס פאַלן פון צווײַגן גינגאָלדענע טראָפּנס,
און דימענטן פינקלען אויף בלומען און גראָזן.

זיי האָבן פּאַר פרישקייט צעעפנט די אויגן.
אין הימל הענגט הויך אַ בונטפאַרביקער בויגן.

אַ זון און אַ רעגן, אַ זון און אַ רעגן.
מ׳גייט אונדז מיט פרייד פון קאָלאָניע אַנטקעגן.

מיר טראָגן פיל קוישלעך מיט יאַגעדעס, שוואָמען,
און בלומען און בלימלעך, וואָס האָבן קיין נאָמען.

און יעדער באַגריסט אונדז און האַלט אין איין פרעגן:
צי זענען מיר שטאַרק אויסגעוואָקסן אין רעגן?...

1956

אַ בריוו פון אַ שול־קאָלאָניע

פריילעך איז דער וואַלד אַצינדער,
פול מיט שטיפנדיקע קינדער.
ברייטע לאָנקעס, פעלדער פרײַע.
ריין די לופט איז, אַ מחיה!
יעדעס גרעזל, יעדעס בלימל,
און די זון אין בלויען הימל,
און דער ים, וואָס שײַנט אַנטקעגן —
אַלצדינג איז פאַר אונדזערטוועגן!

שטייט מען אויף מיט דעם באַגינען.
זוניק פינקלען טוי־רובינען.
אײַנגעוואַשן, אַלע האַסטיק
שטעלן אויס זיך צו גימנאַסטיק.
נאָך דעם — פריידיקע, דערפרישטע,
זעצט מען זיך אַוועק צום פרישטיק.
ס'קלינגען לעפל, גאָפל, מעסער.
ס'עסט זיך, אַז מען דאַרף נישט בעסער!
דאָך — די לערער טרײַבן אונטער:
— חברה, לעבעדיקער, מונטער!

זוניק. היים. די סאָסנעס שמעקן.
ס׳דרימלען אין דער היץ די וועגן.
רוען מיר אין קילן שאָטן.
ווער עס גייט צום ים זיך באָדן.
ווער עס לאָזט זיך יאַגדעס קלײַבן.
קיינער וועט אין הויז נישט בלײַבן
אין אַזאַ מין זוניק וועטער
(ביכער לייגט מען אָפּ אויף שפּעטער).
און דאָס זאָרגלאָזע געלעכטער
טראָגט זיך העל פון אַלע ערטער.

זייער אָפּט די לערער פירן
אונדז אויף אויספלוגן, שפּאַצירן.
ס׳מײַדן אונדז אין טיפע גראָזן
פלינקע וועווערקעס און האָזן.
ס׳ליד פון פייגל אויף די צווײַגן
אונדזער ליד פרוווט איבערשטײַגן.

אָט אַזוי די שעהען לויפן.
זון מיר שעפּן פולע הויפנס.
שפּילן, זינגען, לאַכן, טאַנצן.
דוכט זיך: אויף אַ יאָר אַ גאַנצן
וועט אונדז קלעקן צו דערציילן,
מיט זכרונות זיך צו טיילן.

ווען אין שול מיר וועלן ווידער
צוריקקומען מיט פרייד און לידער,
אונדזער דורשט וועט זײַן נאָך גרעסער:
לערנען פלײַסיקער און בעסער!

אָ, רעגנדל!

אָ, רעגנדל, דו ליבינקער,
אָ, רעגנדל, געטרײַער,
ווי זיס, געשמאַק דו פרישסט אונדז אָפּ,
ווען ס׳ברענט די זון, ווי פײַער.

נאָר איצטער האָט דײַן גיסעניש
אונדז פּשוט שוין דערעסן.
ס׳איז דאָך נישט האַרבסט... דו האָסט, ווײַזט אוים,
די צײַט פון יאָר פאַרגעסן...

מיר זענען דאָך פון שטאָט אַוועק:
זיך אָפּרוען, געניסן
פון וואַלד, פון לופט, פון זון, און דו —
דו הערסט נישט אויף צו גיסן.

דו קומסט אַ תל מאָכן פון ברויט, —
די שווערע מי פון פּויער.
צי איז עס, זאָג, אַ שפּאַס בײַ דיר?...
באַטראַכט זיך און באַדויער!

אָ, רעגנדל, דו ליבינקער,
פאַרשאַף אונדז נישט קיין ווייטיק.
קום דעמאָלט, ווען מיר דאַרפן דיך,
קום דאַן, ווען דו ביסט נייטיק!

ווישניאָווע גורע, יולי 1956

שניט-צײַט

שטייען שניטערס אויף די וועגן
און זיי בעטן זיך בײַם רעגן:

— הער אויף פליוכען, הער אויף פלייצן —
לאָז אַראָפּנעמען די ווייצן!

— הער אויף אויסגיסן דײַן צאָרן —
לאָז אַראָפּנעמען דעם קאָרן!

— וואָלקנס, וואָלקנס — שוואַרצע ראָבן —
זון אַ ביסל דאַרף מען האָבן!

ווילן וואָלקנס גאָרנישט הערן,
און זיי קריכן ווי די בערן,

מער דעם הימל נאָך פאַרשליסן,
און די רעגנס פלייצן, גיסן.

וואַקסט אין האַרץ דער אומרו גרעסער:
זאַנגען וואַרטן אויפן מעסער.

ס'מוז די תבואה זײַן אין שײַער!
יעדעס קערנדל איז טײַער!

קומט צו אויגן נישט קיין דרימל.
בליקן לעכערן דעם הימל:

אפשר וועט די זון צערײַסן
אָט די וואָלקנס און זיך ווײַזן?!

מוז מען שנעל אין פעלד זיך רירן
און קיין רגע נישט פאַרלירן!

נעמט די זון אַ ווײַלע שײַנען,
רוישן שוין אין פעלד קאָמבײַנען.

קאָסעם הילכן ווי די ווינטן.
פלינקע הענט די סנאָפּעס בינדן.

פון איין רעגן ביז דעם צווייטן
כאַפּט מען שנעל אַראָפּ די ברויטן.

טרײַע הענט די זאַנגען קלײַבן,
אַז אין פעלד זאָל גאָרנישט בלײַבן!

אויף להכעיס קעלט און רעגנס
פירט מען ברויט אויף אַלע וועגן!

ווישניאָווע־גורע, יולי 1956

גייען קינדערלעך אין שול

פריידיק אָפּגערוט דעם זומער,
אונטער הימלען, פול מיט גליק,
גייען קינדערלעך מיט בלומען
הײַנט אין שול אַרײַן צוריק.

— זײַט געזעגנט, וועלדער גרינע,
ס׳וועלן זומערס זײַן נאָך פיל! —
ס׳וואַרט די שול-באַנק, ס׳וואַרטן ביכער,
לעקציעס, אַרבעט, טאַנץ און שפּיל.

פריש-פאַרברוינטע, אויסגעפּוצטע —
יעדעס קינד אין שענסטן קלייד —
אײַלן קינדערלעך אין שול הײַנט,
פול מיט יום-טובדיקער פרייד.

יונגע לידער, שיינע לידער,
קלינגען מונטער אויף דער גאַס.
ליכטיק קומט די שול אַנטקעגן,
פול מיט זון איז יעדער קלאַס.

— אַ גוט מאָרגן, שול-ווענט העלע!
צווישן לאָנקע, וואַלד און טײַך,
צווישן רחבותדיקע פעלדער
האָבן מיר געבענקט נאָך אײַך!

— אַ גוט מאָרגן, לערער טרײַע!
אונדזער האַרץ מיט דאַנק איז פול,
יעדער שילער וועט זיך מיִען —
זײַן דער בעסטער אין דער שול!

— לערנט פלײַסיק, ליבע קינדער,
שעפּט דאָס ליכט פון פולער האַנט,
אײַער װיסן זאָל אַ שטאָלץ זײַן
און אַ ברכה פאַרן לאַנד!

װי די טאַטעס אויף דער מויער,
אין פאַבריק און אויפן פעלד —
װאַקסט געזונטע, יונגע בויער
פון אַ נײַער, שײנער װעלט!

ווידער אין שול

אין שול אַרײַן ווידער,
אין שול אַרײַן ווידער,
מיט פרייד אין די הערצער
און זוניקע לידער!

מיר קומען פון ים איצט,
פון וועלדער געדיכטע,
מיט לײַבער, ווי בראָנדז,
און פאַרברוינטע געזיכטער.

מיט באַרג-לופט געאָטעמט.
געקלעטערט אויף סקאַלעס.
געפּליושקעט זיך פריילעך
אין זוניקע כוואַליעס.

געשווומען אויף שיפלעך.
אויף דאַמפּערס געפאָרן.
געהאָלפן בײַם שנײַדן
דעם ווייץ און דעם קאָרן;

געבונדן אין סנאָפּעס
די גאָלדענע זאַנגען,
די פעלדער, די לאָנקעס
פאַרהילכט מיט געזאַנגען.

פאַרבראַכט בײַ די שײַטערס,
מיט פריידיקע לידער.
מיט הונדערטער קינדער
זיך האַרציק פאַרברידערט.

אין גליק איז דער רוישיקער
זומער אַריבער.
דער וואַלד איז אונדז ליב,
נאָר די שול איז נאָך ליבער!

די זון איז מיט אונדז
פון די פעלדער געקומען,
פלעכט אײַן אירע שטראַלן
אין אונדזערע בלומען.

אין שול אַרײַן ווידער,
אין שול אַרײַן ווידער,
מיט פרייד אין די הערצער
און זוניקע לידער!

1954

צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס

צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס,
צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס,
אַ חרפּה און אַ שאַנד!
עס לאַכט די גאַנצע גאַס...

וואָס איז עס פּאַר אַ חשבון? —
באַרעכן נאָר אַליין!
אַ גאַנצער קלאַס פאָרויס גייט,
און דו — בלײַבסט הינטן שטיין...

און לערנסט זיך מיט שילער —
פיל ייִנגערע פון דיר.
איז וואָס וועט זײַן דער תכלית?
און וויפל איז דער שיעור?

באַגרײַף די זאַך נאָר בעסער,
באַנעם די זאַך נאָר קלאָר:
וואָס טוט נישט אונדזער לאַנד אויף
אין משך פון אַ יאָר?!

זע, וויפל נײַע בלאָקן
עס ווערן אויפגעבויט.
און וויפל גיט דעם הײמלאַנד
דער פויער תבואה — ברויט.

און וויפל גיט אונדז קוילן
דער מיזאַמער שאַכטיאָר.
און וויפל וועבט אוים שטאָפן
דער וועבער אין אַ יאָר.

ס׳פירט יעדערער זײַן אַרבעט
אויס פינקטלעך, צום טערמין.
אין פרילינג — נישט אין אָסיען —
די ביימער ווערן גרין.

די ערד גיט זומער תבואה,
ס׳קומט פּינקטלעך פאַר דער שניט.
אַ יאָר האָט צוועלף חדשים,
קיין פיר און צוואַנציק ניט.

בלויז דו בלײַבסט הינטערשטעליק
לייגסט אָפּ פון טאָג אויף טאָג.
איז וואָס וועט זײַן דער תכלית?
ווי שעמסטו זיך נישט? זאָג!

צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס,
צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס,
אַ חרפּה און אַ שאַנד,
עס לאַכט דאָס גאַנצע לאַנד!

הער אויס, מײַן קליינער פרײַנד,
דאָס איז דיר נישט קיין שפּאַס,
פאַרליר נישט מער קיין צײַט,
איין יאָר בלויז אין אַ קלאַס!

בויען קינדערלעך אַ באַן

בויען קינדערלעך אַ באַן.
רעלסן זענען שוין פאַראַן,
ציִען זיך אין יעדער זײַט.
לויפן וועט די באַן גאָר ווײַט,
אָן אַ גרענעץ, אָן אַ ברעג,
ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק.

— וואָס זשע וועט איר פירן, קינדער,
מיט דער באַן, מיט דער געשווינדער?

— מירן פירן ווייץ און קאָרן,
ציגל, צעמענט און מאַטאָרן,
פלייש און פוטער, צוקער, זאַלץ,
אונדזער באַן וועט פירן אַלץ!

— אונדזער צוג וועט אויכעט פירן
בעסטע מענטשן — פּאַסאַזשירן,
צו דער אַרבעט — טאַטע־מאַמע,
אין דער שול — די ברידער, שוועסטער.
אונדזער באַן וועט נישט פאַרזאַמען,
אונדזער צוג וועט זײַן דער בעסטער!

מאַלינעס

— קומט, יאָסקע, בערל, עטעלע,
קומט אַלע זיך צונויף! —
די מאַמע פרעגלט מאַלינעס
און פריילעך איז אין הויף!

געהאָלפן האָב איך ברענגען זיי
און פרעגלען העלף איך אויך.
עס שמעקט מיט סאָק פון מאַלינעס
דער הויף — די לופט, דער רויך.

די מאַמע זאָגט: נישט זײַן עס זאָל
די שעה, אַ מענטש ווערט קראַנק,
איז אַ גלאָז טיי מיט מאַלינעס
דאָס טײַערסטע געטראַנק!

נאָר איך אַ ביסל מאַלינעס
האָב ליב געזונטערהייט!
כ׳האָב ליב אַרײַנצוטאָן אין טיי,
און אָנשמירן אויף ברויט.

כ׳האָב ליב די רויטע מאַלינעס,
וואָס שמייכלען זיס פון פאַן.
אָ, וויפל שיינקייט, וויפל טעם
עס איז אין זיי פאַראַן!

דאָס קעצל מירקע רוּפט איך צו
און גיב פאַרזוכן נאָר,
זי גיט אַ לעק, די נאַשערקע,
צעהוסט זיך דאָן ביז גאָר...

דער טרייַער פּיקוס טרעט נישט אָפּ —
דער שומר פונעם הויף —
— אַ לעפּל סאָק, פאַרזוך! — מײַן הונט
צעבילט זיך און אַנטלויפט...

איך קוק זיי אָן און וווּנדער זיך.
איך קען עס נישט פאַרשטיין...
דער גרעסטער נאַשער אויף דער וועלט,
ווײַזט אויס, בין איך אַליין.

1954

איצט, גלעקל, נעם קלינגען!

דער זייגער באַלד אַכט שוין,
באַלד קלינגט שוין דאָס גלעקל.
— אַוווּ זשע איז בערל? —
חברים זיך פרעגן.

אין קלאַס — אַלע קינדער,
די העפטן שוין אָפן.
באַלד נעמט מען שוין לערנען...
— האָט בערל פאַרשלאָפן?

— וואָס האָט זיך געקענט
ביי אים טרעפן אַ שטייגער?
צי איז ביַי זיי
קאַליע געוואָרן דער זייגער?

צי האָט ער פאַרקילט זיך
און ליגט קראַנק אין בעט איצט?
ער האָט דאָך נאָך קיין מאָל
אין שול נישט פאַרשפּעטיקט!

דער פּינקטלעכסטער שילער
געוועזן ביז איצטער.
— שאַט, קינדער, אָט איז ער!
ער לויפט אַ פאַרשוויצטער.

ס'באַגריסן דעם חבר
מיט פרייד אַלע קינדער.
— איצט, גלעקל, געטרייַער,
נעם קלינגען, געשווינדער!

שמערקע דער פוילער

ווי נעמט מען, זאָגט, אַזאַ מין זייף,
וואָס זאָל אַליין מיך וואַשן.
כ'האָב פֿײַנט צו טאָן עפּעס... כ'האָב ליב
צו שלאָפֿן שפּעט און נאַשן.

ווי נעמט מען אַזאַ בגד,
וואָס זאָל זײַן געוועבט פֿון דראָטן,
ווײַל, וואָס כ'טו אָן, ווערט גלײַך אויף מיר
צעשונדן און צעשאָטן.

ווי נעמט מען אַזאַ פּעדער,
וואָס אַליין זאָל קענען שרײַבן,
די לעקציעס פֿאַר מיר אָפּמאַכן,
אָן פּלעקן און אָן גרײַזן.

ווי נעמט מען אַזאַ לערנבוך,
כ'זאָל לערנען אים פֿאַרשפּאָרן,
ער זאָל פֿאַר מיר שוין זאָגן אַלץ...
ווי לײַכט וואָלט מיר געוואָרן!

כ'וואָלט פֿינפֿער דאַן געהאַט — אַ וועלט!
כ'וואָלט זײַן אַ יאַט אַ וווילער.
און קיינעם וואָלט נישט אײַנפֿאַלן,
אַז כ'בין אַזאַ מין פֿוילער...

1952

האַרבסט

גרויע וואָלקנס הענגען אויבן.
נעפּלען שווימען אין דער ווײַט.
ס׳פּויקט אַ רעגן אין די שויבן
און דער ווינט — ער יאָמערט שרײַט;

טראָגט זיך אום אין גאַס מיט ליאַרעם,
אַלע בלעטער שלינגט ער אײַן.
און אין שטוב איז פריילעך, וואַרעם,
ס׳טונקען זיך די ווענט אין שײַן.

איז איצט גוט דעם ראַדיאָ הערן,
קלאַנגען גלעטן ווייך און צאַרט,
און אַ ביכל פון זשול ווערן
ברענגט געווינס און פרייד אַ סך.

איז אונדז וואַרעם איז אין שטוב אַצינדער.
דאָך — דער דרויסן ציט און רופט.
זאָל אַ שטעל טאָן זיך דער ווינטער,
מיט דער שאַרפער פרישער לופט.

זאָל אַ שניי די ערד פאַרדעקן.
פראָסט זאָל זינגען אונדזער טריט.
וועט מען זיך פון אַלע עקן
שנעל אַ לאָז טאָן אויפן גליטש.

פײַל פון בויגן וועט מען פליִען
אויפן אײַז, מיט יונגער פרייד.
וועלן בעקלעך זיך צעגליִען
ווי די עפל פריש און רויט.

לאָדזש, 1955

טראָגן שנייעלעך ליכט...

1

שנייעלעך ליכטיקע, זילבערנע פלאַטערלעך,
האָבן געבעטן פון דער נידער דערהערט:
יום-טוב זאָל אויפגיין אין זומפיקע געסעלעך,
ליכטיק זאָל ווערן אויף האַרבסטיקער ערד.

פלאַטערן שטערנדלעך,
דימענטן-שנייעלעך,
דרייען זיך, צאַפּלען
אין האַרבסטיקן רוים,
זילבערדיק-קלאָרע,
ווי קינדערשע הערצעלעך,
לויטערדיק-העלע,
ווי קינדערשער טרוים.

2

טראָגן שנייעלעך ליכט,
טראָגן שנייעלעך שײַן,
פֿאַלט אַ שנייעלע שטיל
אין אַ קוימען אַרײַן.

שטאַרבט אַ שנייעלע ווי
אויף אַ טונקעלער שויב,
גייט אַ שנייעלע אוים
אויף אַ דאַך, ווי אַ טויב.

קומען שנייעלעך נאָך,
אַזוי פֿריש, אַזוי העל,
ביז מיט ליכטיקער פֿרייד
הייבט אָן שײַנען די וועלט .

אויפן גליטש

שניי אויף גאַסן — בלענדיק־ווײַס.
ווי אַ שפּיגל גלאַנצט דאָס אײַז.

אין דעם פּאַרק — מיט פּוך באַשנייט,
קלינגט געלעכטער, קינדער־פרייד.

— אַ גוט מאָרגן, זיידע פראָסט!
האָסט אונדז ווארטן לאַנג געלאָזט.

איצט וועט מען אַ שוועב טאָן! העי!
קלעפּן יאַטן קוילן שניי.

רויטיק, פריידיק, באַרג אַראָפּ
פליִען שליטלעך, הײַדאַ האָפּ!

האָר און ברעמען ווערן ווײַס.
מיט די גליטשערס אויפן אײַז

פּײַל פון בויגן פליִען קינדער,
אין פאַרמעסט, צום ציל — געשווינדער!

פאַלט מען אום, איז נישט קיין בייז.
ס'איז דאָס בלוט צעזונגען, הייס.

פראָסט גיסט אָן מיט קראַפט די גלידער.
פראָסט מאַכט פול דאָס האַרץ מיט לידער.

און אין אַלע לידער העלט
אַזאַ שיינע, ווײַסע וועלט!

וואַרשע, 1953

ערב פרילינג

ערב-פרילינגדיקע ווינטלעך —
שקאָציש-פריילעך, יונג-פאַרשײַט
טראָגן אָנזאָג אויף די פליגל,
העלע בשורות פון דער ווײַט.

ליגט דער שניי שוין גרוי-דערשראָקן,
קוקט ער שטום דעם הימל אָן,
זעט ער: פריילעך פלאַטערט דאָרט
אַ גאָלדיק-בלויע פרילינג-פאָן.

זעט ער: ס'לאַכט אים גלײַך אין פּנים
אַזוי האָפערדיק די זון,
קאָרטשעט ער זיך אײַן פאַר ווייטיק,
ווערט אים היים און קאַלט דערפון.

זעט ער, אַז זײַן הויט די צאַרטע
איז צעקנייטשט שוין און פאַרפלעקט,
אַז זײַן זילבערדיקער צויבער
האָט זיך לאַנג שוין אָפּגעמעקט.

— ביסט פאַרלוירן שוין, מײַן ליבער,
חוזקט שטיפעריש דער ווינט.
ווערט ער מער נאָך אײַנגעשרומפּן
און צעוויינט זיך, ווי אַ קינד.

וויינען מיט מיט אים די דעכער
אַזאַ ליכטיק-העל געוויין,
זעט דער ווינטער: ס'איז אַ סוף שוין! —
לענגער וואַרטן איז נישט שיין...

יאָגט דאָס וואַסער אין בהלה
דורך די גאַסן — קרום און גלײַך —
בלאָנדע שטראָמען, זון־באַשטראַלטע,
לויפן רוישנדיק צום טײַך.

רונד־אַרום — פון רושטאָוואַניעס
טראָגט זיך פריידיק אַ געזאַנג
און עס ענטפערן די ווײַטן
מיט אַ העלן ווידערקלאַנג.

שמעקט די גאַס מיט ערב־יום־טוב.
באַלד שײַנט אויף אין גרינס דער בוים.
פייגל בויען נײַע נעסטן,
ס׳בויט דער מענטש אַ נײַע היים.

אין פרימאָרגנס אויף די שליאַכן
קלינגען גלעקלעך, הירזשען פערד,
פעלדער עפענען די אויגן,
פינטלענדיק מיט שוואַרצער ערד.

ס׳בליִען שמייכלען פון דערוואַכונג
צו דעם נײַעם טאָג, וואָס גייט.
שאַלט אין הערצער יונג און זוניק
ערב־פרילינגדיקע פרייד.

1951

באַרעלעך ווילן נישט פאַלן...

באַרעלעך ווילן נישט פאַלן,
ס׳ווילן קיין ווינטן נישט בלאָזן,
קען מען נישט באַרעלעך קלײַבן
אין זוניקע, זאַפטיקע גראָזן.

און באַרעלעך לאַכן אויף צווײַגן
מיט רויטלעכן גאָלד פון מאַראַנצן,
לאַכן... און ווילן נישט פאַלן,
און אייגעלעך דורשטיקע גלאַנצן.

קליין זענען קינדער... און ביימער
זיך שפרייטן אין זוניקע הייכן.
ווילן נישט באַרעלעך פאַלן,
קען זיי דאָס אויג בלויז דערגרייכן.

באַרעלעך ווילן נישט פאַלן.
באַרעלעך מוז מען דערלאַנגען!
האָלץ לאָמיר, קינדערלעך, קריגן,
טשוועקעס און האַמערס און צוואַנגען.

שטאַפּל נאָך שטאַפּל, — אַ לייטער
וועלן מיר בויען און שטעלן,
וועלן מיר באַרעלעך רײַסן,
וויפל אונדז וועט דאַן געפעלן!

וועלן מיר באַרעלעך טרייסלען
מיט שמחה אין זאַפטיקע גראָזן,
וועלן מיר באַרעלעך עסן
און אויכעט פאַר אַנדערע לאָזן!

פינסק, 1938

דער פעטער שלום

— טאַטע, זאָג, וואָס האָט פּאַסירט
מיטן פעטער שלום,
וואָס עס ווילן ראַטעווען
אַלע מיטאַמאָל אים?

האָט ער וועמען שלעכטס געטאָן,
עמעצן באַליידיקט,
וואָס עס דראָט אים אַ געפאַר,
וואָס ס'איז הילף אים נייטיק?!

איז עס טאַקע, טאַטע, ער,
שלום, אונדזער פעטער,
וועלכער נייטיקט זיך אַצינד
אין אַזויפיל רעטער?!

ס'איז קיין פעטער, טײַער קינד,
ס'איז אַ טרײַער פאָטער!
ער פאַרמאָגט מיליאָנען פרײַנד,
נאָר אויך שונאים האָט ער.

אים פאַרצוקן ווילן וועלף —
שאַרפע ציינער קריצן.
גייען מיר, אַ גאַנצע וועלט,
אונדזער פרײַנד באַשיצן.

ס'ברענגט זײַן אָטעם ברכה, פרייד
אויפן פעלד דעם פויער,
ציגל זינגען אוים אַ ליד
אין די הענט פון בויער.

העלער שײַנט אין זון דער צווײט,
פרײלעך פֿאַלן רעגנס,
גוטע בשׂורות, ליכטיקע
ברענגען אַלע װעגן.

באַנען יאָגן מיט געזאַנג.
רויִק שיפֿן גײען.
זאָרגלאָז װאַקסן קינדערלעך,
מיט דער װעלט זיך פֿרײען.

נישט קײן שפּאַרבערס דעקן צו
אונדזער הימל קלאָרן —
שמעטערלינגען פֿלאַטערן
איבער גאָלד פֿון קאָרן.

װײַסע פֿליגל, טײַער קינד,
היטן אָפּ דײַן חלום.
שלום — אונדזער לעבן איז,
אונדזער גליק איז — שלום!

ליד וועגן אַ זשוק

גערכאַפּט האָבן קינדער אַ זשוק אינעם וואַלד,
וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַ זוניקן שטראַל.

געקלערט האָט מען געבן נישט מער, ווי אַ קוק,
באַטראַכטן אַ ביסל דעם איידעלן זשוק,

אַ שפּיל טאָן זיך פֿריינדלעך... און תּיכּף דערנאָך
אים אָפּלאָזן צוריק אינעם זוניקן טאָך,

אין קילבלעכן גראָז, וועלכער שורשעט אין ווינט,
צוריק צו זײַן היים, צו זײַן ווײַב, צו זײַן קינד.

נאָר ס׳האָט זיך די מעשׂה גאָר אַנדערש געמאַכט —
מען האָט אים גאַנץ פֿײַן אין אַ שאַכטל פֿאַרשפּאַרט.

און ווען ס׳האָט אין טוי דער באַגינען געגרויט,
דער זשוק איז אין שאַכטל געלעגן שוין טויט.

ווען ס׳האָבן די קינדער פֿון דעם זיך דערוווּסט,
אַ ווײי האָט אַ שאַרפֿער פֿאַרקלעמט זייער ברוסט.

— וואָס האָט מען געהאַט צו דעם אָרעמען זשוק,
וואָס האָט אויף דער ערד זיך פּאַמעלעך גערוקט?

צי האָט ער דען שאָדן געבראַכט ווען אין פֿעלד?
צי עמעצן האָט ער דעם וועג דאָ פֿאַרשטעלט?

צי אָנגערירט האָט ער דאָ וועמען אַ האָר?
און ס׳האָבן די קינדער באַדויערט ביז גאָר.

און נאָכדעם אין וואַלד אים אַ קבר געמאַכט.
מ׳האָט אים מיט כבוד צו קבורה געבראַכט.

און ס׳האָבן די קינדער געבעטן בײַ אים
פאַרגעבונג און האָבן מיט טרערן אין שטים

געשווירן: שוין קיין מאָל נישט טאָן מער קיין שלעכטס
אַן אומשולדיק נפש, וואָס לעבט אויף דער ערד.

לאָדזש, 1950

מײַן קעצל

איך האָב אַ גרויאינק קעצעלע,
אַ קעצל — קליין און שיין,
מיט לאַפּקעלעך פיר ווײַסינקע,
מיט אייגלעך — מלא־חן.
אויף וועלכער שפּראַך איך רייד צו דעם,
אויף אַלע עס פֿאַרשטייט.
קיין פּראָסטע זאַכן וויל עס נישט,
עס עסט נאָר ווײַסן ברויט.

און ווען איך קום פֿון גאַס אַהיים
אין אָוונט — מיד און מאַט —
און ווען איך לייג זיך אָפּרוען
און נעם אין האַנט אַ בלאַט,
איז באַלד לעם מיר דאָס קעצעלע,
אַ קעצל — אַ בר־דעת,
און וויל איך הויך נישט לייענען,
דאַן ווערט עס שטאַרק אין כּעס!

עס כאַפּט מיטביידע לאַפּקעלעך
די צײַטונג און עס האַלט,
עס קוקט אויף יעדן זײַטל דאָרט,
עס קוקט אויף יעדן שפּאַלט,
און ווען איך לייג די בלאַט אַוועק,
דאַן לייענט עס אַליין,
און וואָס מיט קאָפּ באַנעמט עס נישט,
צעקײַט עס מיט די ציין.

מאָסקווע, 1946

אַ מענטש אַזאַ צעטראָגענער

אַ מענטש אַזאַ צעטראָגענער
געווען ביי אונדז אין שטאָט.
געטאָן האָט ער קאַפּויער אַלץ
אויף יעדן טראָט.

ער נעמט פאַרטאָג זיך אָנטאָן
און מאַטערט זיך אומזיסט:
ער ציט אָנשטאָט שקאַרפּעטן
אַ הענטשקע אויף די פיס...

ער קוקט זיך אָן פאַרחידושט
אין שפּיגל אויף דער וואַנט
און זאָגט צו זיך: „דער מענטש איז
מיר עפּעס שטאַרק באַקאַנט!"

ער זוכט אום זיינע ברילן,
געפינט זיי אויף דער נאָז...
אין קאַווע — אָנשטאָט צוקער
ער שיט אָפּט זאַלץ אין גלאָז.

ער איילט זיך ערגעץ זייער,
דאַן כאַפּט ער אויפן קאָפּ
אָנשטאָט דעם הוט — אַ שירעם...
און לויפט אין גאַס אַראָפּ.

ער איז אַמאָל געפאָרן
קיין מאָסקווע צוגאַסט,
האָט דעמאָלט מיט דעם מענטשן
די גאַנצע שטאָט געראַעשט.

געקומען אין וואָקזאַל דאָן,
ער לויפט גיך צום בופעט
און בעט בײַ דעם פאַרקויפער
קיין מאָסקווע אַ בילעט...

און נאָכדעם — צו דער קאַסע
ער קומט מיט גרויס פּאַראַד,
פאַרלאַנגט בײַ דער קאַסירשע
אַ פלעשל לימאָנאַד...

ער לויפט מיט די וואַליזעס
אַרום אויפן פּעראָן,
דערזעט ער אין אַ זײַט שטייט
אַ ליידיקער וואַגאָן.

— אָט דאָ וועט גוט זײַן פאָרן,
ס׳קומט קיינער נישט אַרײַן!...
צעלייגט ער זיך גאַנץ היימיש
און שלאָפט געשמאַק באַלד אײַן.

ער כאַפּט זיך אויף באַגינען.
בײַם פענצטער שטייט אַ יאַט.
— וואָס איז עס פאַר אַ סטאַציע?
זאָגט יענער: לענינגראַד!

ער שלאָפט אײַן תיכף ווידער
און כראָפּעט ביז פאַרנאַכט.
ער כאַפּט אַ בליק אין פענצטער
און זעט אַ שטאָט — אַ פּראַכט.

און שטימען קלינגען הילכיק:
— ביר! עפּל! לימאָנאַד!
— וואָס איז עס פֿאַר אַ שטעטל?
מ׳ענטפֿערט: לענינגראַד!

ער שלאָפֿט אָפּ ביז פֿאַרטאָג שוין.
די זון אין פֿענצטער שטראַלט.
זיך אויפֿגעכאַפּט, דערזעט ער
אַ הערלעכן וואָקזאַל.

— ווו בין איך? — רײַסט זײַן קול אויף
אַזוי ווי אַ גראַנאַט.
מ׳ענטפֿערט פֿון פּלאַטפֿאָרמע:
— איר זענט אין לענינגראַד!

— וואָס איז עס פֿאַר אַ וויצן?
ווער פֿראַוועט מיט מיר שטיק? —
איך בין צוויי טעג אין וועג שוין
און פֿאָר גאָר אויף צוריק...

קיין מאָסקווע געפֿאָרן —
זײַן שטים קלינגט מיד און מאַט —
און אָנגעקומען בין איך
צוריק קיין לענינגראַד...

אַ מענטש אַזאַ צעטראָגענער
געווען בײַ אונדז אין שטאָט.
געטאָן האָט ער קאַפּויער אַלץ
אויף יעדן טראָט.

מײַן װײַב, די טיר פֿאַרמאַך!

(פֿאָלקס-מעשׂהלע)

די באַלעבאָסטע פּרעגלט, קאָכט.
ס'איז ערב-יום-טוב הײַנט.
געבעקסן, פֿלאָדנס, טעפּ מיט פֿלײש.
איר פּנים. פֿלאַמיק שײַנט.

די טיר איז אָפֿן. ס'רוקט זיך אָן
אַ קאַלטע אָסיען-נאַכט.
דער אַלטער גיט אַ װאָרטשע שטיל:
— מײַן װײַב, די טיר פֿאַרמאַך!

דער מאַן רעדט זײַנס: די טיר פֿאַרמאַך!
און זי: פֿאַרמאַך אַלײן!
לױט מיר נאָך גאַנצע הונדערט יאָר
די טיר קען אָפֿן שטײן!

— קום אַלטע, לאָמיר זיצן שטיל,
נישט געבן זיך אַ ריר.
װער זאָגן װעט דאָס ערשטע װאָרט,
מוז צומאַכן די טיר.

אין שטוב איז שאַ... און שעה נאָך שעה
עס רוקט זיך שטילערהײט.
עס זיצן שטומע מאַן און װײַב —
געשטאָרבן אַלע רײד.

דער זייגער הייזעריק שלאָגט צוועלף.
די טיר איז ברייט צעפּראַלט.
אַ שאַרפער ווינט פון דרויסן ציט.
אין שטוב איז טונקל, קאַלט.

צוויי פרעמדע מענטשן גייען דורך.
— וואָס קאָן דאָ עפּעס זײַן? —
אין מיטן נאַכט אַ שטוב צעפּראַלט...
זיי גייען שטיל אַרײַן.

— העי! — רופן הילכיק אוים די געסט —
ווער ווינט דאָ אינעם הויז?
די אַלטע זאָגן נישט קיין וואָרט,
כאָטש טראָג דאָ אַלץ אַרוים.

די פרעמדע קוקן זיך אַרום:
עס ליגט געבעקס אַ סך.
געבראָטנס שטייען פולע טעפּ.
כאָטש עס אַ גאַנצע נאַכט.

די געסט פאַרזוכן זיך פון אַלץ.
זיי האָבן ליב אַ נאַש.
און טאַבאַק ציִען זיי אַרוים
בײַם אַלטן פונעם טאַש.

זיי טרינקען ביר און רויכערן.
דער טאַבאַק — ערשטער סאָרט!
פאַרבײַסן פײַן, די אַלטע צוויי
זיי רעדן נישט אַ וואָרט.

די געסט פֿאַרנעמען אַלץ מיט זיך
און זאָגן זיך אַזוי:
— די באַלעבאָסטע קאָכט נישט שלעכט,
נאָר ס'איז דער קוכן רוי!

די אַלטע לויפֿט זיי נאָך אין הויף:
— מײַן קוכן איז — אַ פּראַכט!
ס'דערהערט זיך באַלד דעם אַלטנס קול:
— מײַן ווײַב, די טיר פֿאַרמאַך!

צוויי שכנים

(פאָלקס-מעשׂהלע)

אַן אַלטער מאַן פון אונדזער דאָרף
זיך ווענדט צום רײַכן שכן:
— לײַ אויס דײַן אייזל מיר, מײַן האַר,
איך מוז אין שטאָט באַלד פאָרן.

— מײַן אייזל איז נישטאָ אין שטאַל,
ער איז אין פעלד פאַרנומען.
איך שווער דיר, מענטש, בײַ אַלץ, וואָס ליב,
דו ביזט אומזיסט געקומען.

— אַ גרויסער שאָד! — דער אַלטער זאָגט
און וויל זיך שוין צעשיידן.
נאָר פלוצעם פונעם שטאַל דערגייט
אַ הירזשען פונעם אייזל.

דער אַלטער רופט אויס מיט פאַרדרוס:
— דו האָסט געזאָגט אַ ליגן.
דײַן אייזל איז פאַראַן אין שטאַל,
כ׳קען גוט זײַן קול, זײַן ניגון.

דער רײַכער אויף זײַן שכן האָט
אין כעס זײַן האַנט פאַרהויבן:
— דעם אייזל מײַנעם גלייבסטו יאָ
און מיר ווילסטו נישט גלייבן?!...

דער אַלטער איז אַוועק זײַן וועג
און אויפֿן שליאַך דערזעט ער:
אַ בּאַראַן שטייט און מעקעט הויך.
אַ טרונק, אַפּנים, בּעט ער.

אין היץ פֿון טאָג אַ דורשטיקער
איז ער אַוועק פֿון סטאַדע,
און זוכט אַ קילן שאָטן ווו,
אַ סאַזשלקע אַוודאי.

דער אַלטער בּינדט דעם בּאַראַן גיך —
נישטאָ לאַנג וואָס צו טראַכטן —
גענומען אויף די פּלייצעס און
צו זיך אין שטאַל געבּראַכט אים.

עס קומט דער רײַכער מאַן צוגייין:
— אָ, זאָג מיר, ליבער שכן —
צי איז נישט מײַנס אַ בּאַראַן דאָ
צו דיר אין שטאַל פֿאַרקראָכן?

— דײַן בּאַראַן איז בּײַ מיר נישטאָ.
האָסט גאָר פֿאַרשפּאָרט צו פֿרעגן.
ווען כ׳וואָלט דײַן בּאַראַן ווו געזען,
געפֿירט כ׳וואָלט דיר אַנטקעגן.

דער רײַכער מאַן וויל שוין אַוועק,
נאָר מיטאַמאָל פֿון שטעלכל
אַ שאַרפֿער „מעע!" דערגרייכט צו אים,
ער הערט זײַן בּאַראַנס קעלכל.

— מיַין באַראָן איז בײַ דיר פאַרשפאַרט! —
זײַן פּנים פלאַמט פון צאָרן —
איך קען זײַן שטימע זייער גוט!
האָסט אָפּגענאַרט דײַן שכן.

— דײַן באַראָן איז בײַ מיר נישטאָ,
איך זאָג עס דיר אויף זיכער,
אַ מענטשן, זע איך, גלייבסטו נישט,
אַ באַראָן גלייבסטו גיכער!...

דער מילנער און זיין אייניקל

(פֿאָלקס־מעשׂהלע)

אַ מילנער, אַ ריז,
אויף אַן אייזעלע פֿאָרט.
דאָס אייניקל זײַנס
גייט פֿון הינטן אים נאָך.

— קוקט! — זאָגן מענטשן
אין גאַס מיט פֿאַרדרוס —
אַ מאַנספֿאַרשוין פֿאָרט
און אַ קינד גייט צופֿוס.

ווי האָט מען געהערט דאָס,
ווי האָט מען געזען,
עס זאָל אַזאַ זאַך
ערגעץ קאָנען געשען.

דער אַלטער קריכט גיך
פֿונעם זאָטל אַראָפּ,
דאָס ייִנגל שוין רײַט
אויפֿן אייזל: האָפּ! האָפּ!

— פֿע — זאָגן מענטשן —
וואָס מען האָט דערלעבט:
אַ יונגער מענטש פֿאָרט
און אַ זקן זיך שלעפּט.

ווי האָט מען געהערט דאָס,
ווי האָט מען געזען,
עס זאָל אַזאַ זאַך
ערגעץ קאָנען געשען.

עס רײַטן שוין בײדע
אַצינד — זאָלבעצװײט.
דאָס קלײנינקע אײזעלע —
קוים װאָס עס גײט.

— טפו — פול מיט צאָרן
אַ דורכגײער זאָגט —
צװײ מענטשן געזונטע
און אײזעלע טראָגט.

װוּ האָט מען געהערט דאָס,
װוּ האָט מען געזען,
עס זאָל אַזאַ זאַך
ערגעץ קאָנען געשען.

זײ קריכן אַראָפּ
פֿונעם זאָטל אויף גיך.
דער אַלטער דעם אײזעלע
נעמט איצט אויף זיך.

— כע, כע, — װײַזן מענטשן
און לאַכן גאָר שטאַרק —
אײן אײזל דעם אַנדערן
טראָגט אויפֿן קאַרק...

װוּ האָט מען געהערט דאָס,
װוּ האָט מען געזען,
עס זאָל אַזאַ זאַך
ערגעץ קאָנען געשען.

קוילן

— די הענט מיר פרירן, מאַמע,
אין שטוב איז זייער קאַלט!
— אָט ברענג איך, קינד מײַנס, קוילן,
דעם אויוון כ'הייץ אײַן באַלד!

— פון וואַנען קומען קוילן? —
די מאַמע פרעגט דעם קינד.
— פון קעלער, מאַמע, ענטפערט
דאָס טעכטערל געשווינד.

— ניין, קינד, דער קוילנגרעבער
פון שאַכט זיי קריגט אַרויס,
ער אַרבעט שווער, אַז וואַרעם
זאָל זײַן אין יעדן הויז!

בלעטערפאַל

דער קליאָן האָט געלע בלעטער,
לײַיכטן זיי, ווי גאָלד.
די אָסינע האָט ברוינע,
ווייניק שוין אין צאָל.

דער דעמב האָט רויטע בלעטער,
האַלב פון זיי נאָך גרין.
די אָלכע האָט געל־גרויע,
רײַיסט זיי אָפּ דער ווינט;

מישט זיי אוים מיט צווייטע,
טרײַיבט איבער דער ערד.
אַלע שיינע בלעטער
האָט דער ווינט פאַרקערט.

קאַשטאַנעס

מיר קלײַבן קאַשטאַנעס
און לעכערן דורך
און ציִען זיי אַלע
אַרויף אויף אַ שנור.

אַזוי וועט אַ שנור זײַן
פֿון שײנע קאָראַלן.
קאַשטאַנעס, קאַשטאַנעס,
וואָס מער זאָלן פֿאַלן!

גוט מאָרגן!

די נאַכט האָט געמיטן, די שאָטנס אַוועק.
אין דרויסן שוין פייגעלעך טרעלן.
— גוט מאָרגן! — כ׳רוף אוים צו דער ליכטיקער זון,
צום פרילינג-באַגינען דעם העלן.

די נאַכט האָט געמיטן, די שאָטנס אַוועק.
— גענוג אין די בעטן צו ליגן!
קומט, קינדער, באַגריסן דעם גאָלדענעם טאָג,
מיט זון און מיט בלומען זיך קוויקן!

מײַן מאַמע

װען עסט מײַן מאַמע, װײס איך נישט —
זי קאָכט געשמאַק און פריש,
בלויז זי נאָר אײנע זעצט זיך נישט
מיט אונדז צוגלײַך בײַם טיש.

א גאַנצן טאָג פאַרהאָװעט נאָר
אין מאַרק, אין שטוב, אין קיך.
זי האָרעװעט פאַר אַלעמען
און טראַכט גאָרנישט פון זיך.

— אָ, מאַמעשי, דו האָסט דאָך הײַנט
אין מויל נאָך נישט געהאַט!
— נישט זאָרגט זיך, ליבע קינדערלעך,
כ׳בין זאַט, װען איר זענט זאַט!

װען שלאָפט די מאַמע, װײס איך נישט,
איך װײס נישט װען זי רוט.
װען כ׳לײג אין בעט זיך אָװנט-צײַט,
דאַן זיצט זי נאָך און טוט.

זי נײט װאָס, אָדער צירעװעט.
זי זיצט ביז שפּעט בײַנאַכט.
און װען איך כאַפּ זיך אויף פאַרטאָג,
איז זי פון לאַנג שוין װאַך...

זי שמײכלט אַזוי זיס צו מיר,
און איך דערשלינג אַ טרער.
— אָ, מאַמע, מײַנע, טײַערע,
איך װײס, װי דיר איז שװער!

וואָס גיכער וויל איך אויסוואַקסן,
וואָס גיכער ווערן גרויס —
און כ׳וועל דאַן, ליבע מאַמעשי,
פאַר דיר אַלץ טאָן אין הויז!

אַז דו זאָלסט, מאַמע, אָפּרוען —
מײַן איינציקער באַגער.
מיר וועט פאַר דיר, ווי דיר פאַר אונדז,
קיין זאַך נישט זײַן צו שווער!

נײַן פּעטער עליע

מײַן פעטער עליע

מײַן פעטער עליע איז אַ ייִד
מיט אַ פערד און וואָגן,
ווען ער פֿאָרט אויף אַ יאַריד
שווער איז אים דעריאָגן,
ווײַל זײַן וואָגן ליידיק איז,
ווי זײַן פוסטער מאָגן...

ווען ער פֿאָרט פון אַ יאַריד
כאַפּט ער זיס אַ דרימל,
ווערן בונטע פּאַלאַץ-ווענט
זײַנע ווענט מיט שימל,
ברענגט ער דאַן די קינדער מיט
דאָס טעלערל פון הימל...

מײַן פעטער עליע איז אַ ייִד
מיט אַ פערד אַ געלן,
ס'וואָלט מײַן פעטער אויף דער וועלט
כ'לעבן גאָרנישט פעלן,
ווען דער דלות פון זײַן שטוב
זיך אָפּטראָגן זאָל וועלן...

מײַן פּעטער איז אַ פּראָסטער ייִד,
נאָך פּראָסטער װי איך מאָל אים,
דאָך טוליעט ער אין האַרצן טיף
אַ לויטער־רײנעם חלום,
און ריידן רעדט ער אָפּטער
מיט רמזים און משלים.

דאָס לעבן איז אַ שײנע שפּיל —
זאָגט מײַן פּעטער עליע —
ס'איז די װעלט אַ פֿײַנער צירק,
אַ װאָזשנע קאַרוזעלע,
נאָר די קלעזמער טויגן נישט...
עס טויג נישט די קאַפּעליע! — — — —

פּינסק, 1938

מײַן פֿעטער עליע האָט אַ בוים

מײַן פֿעטער עליע האָט אַ בוים
בײַ זײַן קרומען פֿענצטער,
זאָגט מײַן פֿעטער: ס'איז זײַן בוים
אויף דער וועלט דער שענסטער!

נישט קיין פּרוכטן וואַקסן דאָרט —
פֿינקלדיקע שטערן.
שטערן בליִען אויפֿן בוים,
וואַקסן און זיך מערן.

ווען אין סעדער טרייסלט מען
עפּל, ווי די בערן,
רײַסט מײַן פֿעטער עליע דאַן
פֿון די צווײַגן שטערן.

זאַמלט פֿולע קוישן אָן,
שפּאַנט דאָס פֿערד צופֿרידן
און ער פֿירט די שטערן אום
אויף די מערק, יאַרידן:

„ליבע מענטשן, ביליק קויפֿט
זעלטענע אַנטיקלעך,
ווער פֿון זייער ליכט געניסט,
דער איז רײַך און גליקלעך!"

וואַקסט אַן עולם אוים אַרום
פֿעטער עליעס וואָגן,
יעדער האָט אַן אַנדער וויץ
און חוזק־וואָרט צו זאָגן.

קויפט מען רעטעך און סאַלאַט,
בוראַקעס און מערן,
קויפט מען קרויט און וואָס איר ווילט,
אָבער נישט קיין שטערן.

קוקט זיי פּעטער עליע אָן
מיט מיטלייד און באַדויער:
בלינד איז, נעבעך, זייער אויג,
טויב איז זייער אויער.

און עס טוט אים אַזוי וויי:
שדים זאָלן וויסן.
ס׳איז באַשערט אים: ער אַליין
זאָל דאָס ליכט געניסן.

אין דעם קליינעם שטיבל זײַנם,
זאַט מיט צער און טרערן,
בויט ער זיך פּאַלאַצן אויס
פון די שיינע שטערן — — — —

פּינסק, 1938

צו די קינדער עלנטע גייט דער פעטער עליע

אין בלינדע נעכט, אין פינצטערע,
אין נעכט — לבנהיק-העלע,
צו די קינדער עלנטע
גייט דער פעטער עליע.

אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק,
אין האַנט — אַ וואַנדער-שטעקן,
גייען געסלעך אָרעמע
און שטיבלעך אים אַנטקעגן.

קומט ער צו אַ שטיבל צו,
ציילט אָפּ דרײַ מאָל זיבן,
עפנט זיך די טיר אַליין
פאַרן גאַסט דעם ליבן.

פעטער עליעס פּנים שטראַלט,
ווי מוזיק זײַן קול איז,
טרייסט פאַר קינדער, אַלדאָס גוטס
ברענגט ער פולע פאַלעס...

— — — — — — — — — —

אוי, ליבט ער זיי, די קינדערלעך
פון בוידעם-שטוב און קעלער,
מיט הערצעלעך — פון טויעלעך
נאָך ליִיטערער און העלער.

ער וויל די טרערן זייערע
אין דימענטן פאַרוואַנדלען,
ברענגט ער צו די וויגעלעך
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

און אַז עס זאָלן קינדערלעך
פון הונגער מער נישט וויסן,
ברענגט ער צו די בעטלעך זיי
ברויט מיט האָניק זיסן.

און אַז עס זאָלן קינדערלעך
קיין קעלט שוין מער נישט פילן,
ברענגט ער קליידלעך, מאַנטעלעך
דאָס לײַב זיי צו פאַרהילן.

און פאַר די קראַנקע קינדערלעך
די הערצלעך צו דערקוויקן,
ברענגט ער קוישלעך ווײַנטרויבן
און אַנדערע אַנטיקן:

פאָמעראַנצן גאָלדענע
און עפּל — טעם גן־עדן,
און טײַבעלעך און פייגל־מילך,
און וואָס אַ מויל קען ריידן.
— — — — — — — — — —

עס ברענגט זיי פעטער עליע אַלץ,
נאָר קיין מאָל אויף דער וואָר נישט.
אין חלום בלויז... ווײַל גלײַך ווי זיי
פאַרמאָגט ער, נעבעך, גאָרנישט — — —

פינסק, 1938

געלע בלעטער

געלע בלעטער, געלע בלעטער,
בײַ מײַן פענצטער, בײַ מײַן טיר.
געלע בלעטער, ווי מײַן פעטער
אַנשל-זעליק דער באַנקיר.

נישט קיין מיליאָנער, חלילה,
איז מײַן פעטער אויף דער וועלט.
אַ באַנקיר הייסט ער, במחילה,
ווײַל מײַן פעטער באַנקעס שטעלט...

געלע בלעטער, געלע גרעזער,
ערד און הימל — געלער פלאַם.
געלע גרעזער, ווי כינעזער,
פון דעם סאַמע געלן שטאַם.

געלע בלעטער, בלעטער געלע,
מיט דערפאַרונג רײַך און קלוג,
ווי דאָס פערד בײַם פעטער עליע,
ווי זײַן אַלטער, געלער קרוג.

הער איך שעפּטשען בלעטער געלע:
— ס׳לעבן רוקט זיך שנעל אַוועק!...
נאָר, ווי זאָגט מײַן פעטער עליע:
— כאַפּ דאָס לעבן פאַרן עק!...

פינסק, 1938

דער שנײַדער און דער גביר

געהייליקט דעם אָנדענק פֿון
מײַן פֿאָטער — דעם קדוש

א

אין אַ שטעטעלע אַ ווײַטן
איז געשען די זאַך פֿאַרצײַטן,
מיט אַ שנײַדער — טיר בײַ טיר —
האָט געלעבט אַ גרויסער גביר.

האָט דער גביר געהאַט אַ מויער,
מיט אַ פֿײַן-געשניצטן טויער,
און דעם שנײַדערס קליינער דאַך
איז געווען פֿון שטרוי און סכך.

האָט דער גביר געהאַט סאַלאָנען,
שיינע מעבל און וואַזאָנען,
און דער שנײַדער האָט געהאַט
בלויז אַ שנײַדערשן וואַרשטאַט,

און אַ טרײַע ווײַב אין כאַטע,
פֿון זעקס קינדערלעך אַ טאַטע,
האָט אַ הערינג און אַ ברויט
פֿול געמאַכט די שטוב מיט פֿרייד.

און בײַם רײַכן — דינסטן, דינער,
יאַיכלעך גאָלדענע און הינער
און צו יעדן מיטאָג ביר,
ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר אַ גביר.

ב

קומט דער פרילינג, גראָז און בלעטל
פּוצן אויס אין גרין דאָס שטעטל
און פון טײַך — הינטערן בריק —
שמעקט מיט היי און פּאָליעסניק.

זון אויף לאָן און פעלד באַגינען
שיט אויס פינקלענדע רובינען,
פייגל זינגען אויפן דאַך
און עס שטויבט מיט גאָלד דער שליאַך.

שטעטלדיקע פערד און וואָגן
פרי אין שטאָט אַרײַן זיך טראָגן,
מיט געקלאַנג און מיט געהילך
פון די קווערט און קאַנען מילך.

צו די לאָנקעס קאַנעשינע,
צו דעם גאָלדענעם באַגינען,
צו דעם טונקל־גרינעם וואַלד
זענען פענצטער אויפגעפּראַלט.

און דער שנײַדער אײַנגעבויגן
זיצט און נייט... און זײַנע אויגן,
ווי די קאָרן־בלימלעך בלוי,
זאַפּן אײַן דאָס ליכט פון טוי.

זעט ער שוועבן שמעטערלינגען,
הערט ער נאָענט פייגל זינגען,
זינגט ר׳ לייבע פריילעך מיט
און צום ריטעם פון זײַן ליד

לויפט די נאָדל, לויפט אַלץ גרינגער
צווישן זײַנע דאַרע פינגער,
ווײַט זיך טראָגט דער ווידערקלאַנג
פון זײַן האַרציקן געזאַנג.

און זײַן ליד און זײַן געזאַנג איז
פול מיט ווייכן רויש פון זאַנגען,
מיט דער פאַרב פון בלום און קווייט,
בענקשאַפט פון אַ פאַסטוך-פלייט;

מיט דער גרויסער פרייד פון לעבן,
פרייד פון שאַפן און פון געבן,
ווי די האָווענדיקע בין,
וואָס איר לעבן האָט אַ זין!

איז אים גוט אַזוי צו נייען
און צו זינגען און זיך פרייען,
צווישן לאָנקע, וואַלד און פעלד,
מיט דער שיינקייט פון דער וועלט.

*

זאָלן נאָר די פינגער דינען,
זאָל זיך אַרבעט נאָר געפינען
און געזונט זאָל זײַן די שער!
דאַרף אַ שנײַדער עפּעס מער?

זיצט ער גאַנצע טעג געבויגן,
מיט צעזונגען-בלויע אויגן,
און די אַרבעט זײַנע שמט
אין דער היים און אין דער פרעמד.

ג

שטייט אַ זומער גאָר אַ הייסער.
פירט דער גביר מסחרים גרויסע
און די שפע שפּאַרט אין טיר
פון ר׳ גאָדל דעם גביר.

האַלט גוראַלניעס אין אַרענדע,
גיט הלוואות אויף פּראָצענטער,
וואַלד איז וואַלד און ווייץ איז ווייץ,
מילך אַ טײַך און האָניק פלייצט.

שאַפעס קליידער, גאָלד און קרעלן,
וואָס זשע וואָלט דעם עושר פעלן,
ווען דער שנײַדער מיט זײַן ליד
זאָל זײַן קאָפּ נישט מאַכן מיד?...

דושנע נעכט, די פענצטער אָפן,
ליגט דער גביר און קען נישט שלאָפן,
ווײַל דער שנײַדער נייט און זינגט,
אַרבעט האָט ער הײַנט פּאַר פינף...

ס׳אַראַ כּישוף אין די לידער!...
גייט דער נגיד אום אַ מידער...
„לייבע, וויפל איז דער שיעור?" —
פרעגט מיט צאָרן דער גביר.

ענטפערט לייבע אים: „ר׳ גאָדל,
אָן אַ ניגון שטרײַקט די נאָדל,
די מאַשין אויך, אויף מײַן וואָרט,
וויל נישט רירן זיך פון אָרט"...

איז זיך גוט אַ קבצן לאַכן...
און קיין אויג קאָן נישט פאַרמאַכן
טאָג און נאַכט אונדזער גביר,
ווײַל דורך טויער און דורך טיר

דרינגט אַרײַן צו אים דער ניגון,
דורך די שוועלן, דורך די שטיגן,
דורך די פענצטער, וואָס פאַרמאַכט,
דורך די לאָדן, וואָס פאַרשפּאַרט...

דרינגט דורך לעכער און דורך שפּאַלטן,
ס׳איז נישטאָ זיך ווו באַהאַלטן...
ליגט דער נגיד און ער שעלט
לייבען... און די גאַנצע וועלט...

קען דער נגיד נישט באַקלערן,
ווי פון זינגער פּטור ווערן...
ביזקל איין מאָל אין אַ נאַכט
האָט ער ענדלעך זיך דערטראַכט.

ער דער קבצן וועט דערפרייען:
נאַ דיר געלט און הער אויף נייען,
נאַ דיר געלט און עס און שלאָף
און צום זינגען מאַך אַ סוף!

ווייל דאָס לייבע גאָרנישט הערן...
נאָר זײַן ווײַב, זי רעדט מיט טרערן:
„לייבע זאָגט זי, טראַכט נישט לאַנג,
ס׳איז פון הימל אַ געשאַנק!

זעסט דאָך, אַז ס׳איז גאָט אַ פאָטער,
זיך אויף אונדז דערבאַרעמט האָט ער,
ס׳איז מסתם אונדז אויך שוין צײַט
ווערן מענטשן גלײַך מיט לײַט!״

טראַכט זיך לייבע: אפשר, טאַקע?
אויב אַ נגיד אַ סאַבאַקע
גיט אים געלט, פאַר וואָס זשע ניט?...
— כ׳בין שוין טאַקע אַלט און מיד!...

צײַט שוין אָפּרוען אַ ביסל,
עסן פלייש אַ פולע שיסל!
וויפל טאַקע איז דער שיעור?...
לאָמיר ווערן אַ גביר!

אָפּגעציילט די מזומנים,
אויפגעשטראַלט האָט לייבעס פנים.
אַזאַ אוצר, קיין בייז אויג,
ווייס ער גאָרנישט ווו מ׳לייגט...

ס׳אַראַ טײַערע המצאה,
טראַכט דער נגיד... און הנאה
האָט ער שטאַרק פון זײַן פאַרטראַכט,
ענדלעך אים דאָס מויל פאַרמאַכט!...

אויפגעריכט אַצינד געוואָרן
איז פאַר אַלע זײַנע יאָרן
אונדזער שנײַדער, אונדזער העלד
און די אַלטע שטראַלט און קוועלט...

אויפן בוידעם ווײַט פֿאַרשלײַדערט
זײַן מאַשין האָט אונדזער שנײַדער,
און פֿאַרגעסן אויך זײַן ליד
האָט דער אויפֿגעריכטער ייִד...

לעבט ער רויִק, מייכעטייסע,
עסט און טרינקט און מאַכט אַ כּוסה,
גייט בײַטאָג זיך אויף שפּאַציר,
ווי אַן אמתער גביר.

אויך זײַן שטיבל שווער דערקאָנען,
ס'האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים,
און די בעטן קלאָר און ווייך,
און פֿון קוימען ציט אַ רויך...

ס'איז דאָס קליינוואַרג שוין צעלאָזן,
און די גרויסע פֿון זיך בלאָזן,
ווער מיר דלות, וואָס מיר גרוב?
ס'איז אַ פּאַלאַץ נישט קיין שטוב!...

יאָ, דעם שנײַדערס שטיבל פֿינקלט,
לײַכט און שטראַלט אין יעדן ווינקל,
דאָך — אַן אומעט הערשט אין אים:
ס'פֿעלט דעם שנײַדערס זיסע שטים.

ניין, עס זינגט נישט מער דער שנײַדער,
און וואָס ווײַטער שטאַרקער לײַדט ער,
אי בײַנאַכט און אי בײַטאָג
אין זײַן האַרץ אַן אומעט נאָגט...

אָפּגערוט שוין, ווי געהעריק,
ווערט דאָס ליידיק־גיין אים שווער איצט,
און ער שעמט זיך פאַר דער גאַס
מיט זײַן אומגיין פוסט און פּאַס...

ווייסט נישט לייבע וואָס צו טאָן מער,
עס איז ליידיק זײַן נשמה,
און זײַן מאָגן, וואָס איז פול
מאַכט זײַן האַרץ און מוח דול.

בענקט דער שנײַדער נאָך דעם ניגון,
וואָס אין האַרצן איז אַנטשוויגן,
אָן דער נאָדל, אָן דער שער
איז אים לעבן זייער שווער...

דריקט זײַן האַרץ אַ מרה־שחורה.
זעט די אַלטע און האָט מורא:
אָן דער אַרבעט, אָן געזאַנג,
קען ער ווערן ערנסט קראַנק...

קוקט די אַלטע אויף זײַן פּנים,
ס'איז אים גאָרנישט צו דערקאָנען,
כאָטש ער זאָגט נישט, כאָטש ער שווײַגט...
ווי אַ פויגל אין אַ שטײַג,

פילט זי איז זײַן האַרץ אַצינדער...
ס'קען דערקענען אויך אַ בלינדער,
און זי זאָגט אים שטיל און קלוג:
„לייבעניו, זאָל זײַן גענוג!

קער אום די „מאַטניאַ" דעם שכן,
לאָמיר ווידער קרופּניק קאָכן,
לאָמיר לעבן, ווי אַמאָל,
הערן כ'זאָל דײַן זיסן קול!"

הערט אוים לייבע: זייער ריכטיק!
ס'ווערט אים פאַר די אויגן ליכטיק,
ליכטיק, העל, ווי פון דער זון —
ס'טראַכט שוין לייבע לאַנג דערפון...

און אין איינעם אַ באַגינען,
שטעטל האָט געמיינט: פון זינען
איז דער שנײַדערוק אראָפּ,
אַלץ, דאָס גאַנצע גוטס און האָב,

וואָס ער'ט אומגעריכט באַקומען,
האָט ער שלײַדערן גענומען
דורך די פענצטער, דורך דער טיר
צו דער שוועל פון דעם גביר.

צירונג, געלט און שיינע זאַכן:
— וועסט מיט לייבען גאָרנישט מאַכן!
כ'וויל נאָך לעבן אויף דער וועלט!
כ'שפּײַ אויף דיר און אויף דײַן געלט!

ווידער אין זײַן אַלטן הולך
זיצט דער שנײַדער, אָבער פריילעך
בײַ דער אַרבעט קלינגט זײַן ליד
און קיין מידקייט פילט ער ניט...

און די פייגל הערן ווידער
לייבעם זיסע, שיינע לידער,
און אויף פעלדער פריש־צעגרינט
זינגט זיי נאָך דער יונגער ווינט.

1947

זוניקע הימלען

מיין האַרץ — אַן אָנגעפּילטער בעכער

עס טוט זיך אָפּ פון מיר די שרעק פון אַלע יאָרן,
וואָס אומעטום האָט מײַנע טריט באַגלייט,
ס'לעבט אויף אין מיר אַ ווײַטע יונגע פרייד,
וואָס כ'האָב אין שווערן וואַנדער-וועג פאַרלאָרן.

איך בענטש די רו — נאָך אַלע ווײַטע וועגן,
ווו כ'האָב אין נע-ונד מײַן פוס געשטעלט.
ס'וועט איצט אין זון צעבליִען זיך מײַן וואַנדער-שטעקן
און פרידן רוען וועט אין מײַן געצעלט.

איך ווייס: דאָ וועט מײַן לעבן נישט באַדראָען
דער שאָטן, וואָס זיך שלײַכט אויף שטילן וועג.
אַ קלאַפּ אין טיר אין שפּעטע אָוונט-שעהען
דערוועקט נישט מער אין הארץ קיין ווילדע שרעק.

דעם קאָפּ געבויגענעם איך הייב אויף שטאָלצער, העכער,
איך שטרעק די הענט אַנטקעגן אוצרות שײַן,
און ס'איז מײַן הארץ — אַן אָנגעפּילטער בעכער
מיט האָפענונג, ווי שוימענדיקער ווײַן.

מײַן בליק ווערט דרייסטער, אָפענער און פרײַער.
די לופט איז מײַן — כ'נעם קיינעם זי נישט צו.
און מײַנע איז די ערד, וואָס איז אונדז הייליק, טײַער,
און נאָענט איז און ליב דער מענטש, וואָס זאָגט מיר: „דו!"

ישׂראל-היים, איך בין צו דיר געקומען
נאָך יאָרן וואָגלעניש און זיכער איז מײַן גאַנג
אויף ערד, וואָס קוועלט מיט זאַטקייט, זון און בלומען,
און יינגער, דרייסטער ווערט הײַנט מײַן געזאַנג!

תל-מאַנד, אַפּריל 1958

ע ר ד

איך האָב אַ שלונג געגעבן דעם ערדער ווינט
און האָב זיך, ווי מיט קוואַל-וואַסער פאַרכליניעט.
געברענט דער מדבר האָט אין פלאַמיקן חמסין,
דער הימל האָט זיך געל און גרוי געמיניעט.

און אָפּגעאָטעמט האָב איך לײַכט פון שווערן וועג
און האָב דעם גרויען שטויב אַראָפּגעטרייסלט
פון מײַנע קליידער, און פון בליק די שרעק,
צוגלײַך דערמיט — די מידקייט און דעם צווייפל.

און וווּנדער זע: אין שאַרפער מדבר-היץ —
אַ פרישער, אַ מחיהדיקער אינדזל.
כאָטש דורשטיק ליגט די ערד, פאַרשמאַכט און וויסט,
קיין גרעזעלע, קיין סימן פון קיין גרינס דאָ.

אַ זאַפטיק צווײַגעלע דאָ זען — דאָס האַרץ עס גאַרט!
אַ בלימעלע — אַ טרוים נישט צו דערגרייכן.
נאָר צריפים-שײַבלעך שמייכלען היימיש-צאַרט, —
פון לעבן און געמיטלעכקייט אַ צייכן.

און מענטשן-מי דערציילט אײַך טראָט נאָך טראָט:
דאָ וועט נאָך זײַן פון שענסטן און פון בעסטן!
דאָ גרינען וועט אַ פּאַרק, דאָ בליִען וועט אַ שטאָט,
וואָס וועט מיט תל-אביב זיך נאָך פאַרמעסטן!

און דאָ וועט זײַן אַ וואַלד, אַ פרדס און אַ סאַד,
מיט בלומען וועלן מיר דאָס לאַנד פאַרפלייצן!
צום לעבן עס דערוואַכט דער מדבר פון זײַן שלאָף
און געבן וועט ער ווײַן און פרוכט און ווייצן.

שאַקאַלן

וווּ וווינען די שאַקאַלן? —
זאָגט מיר, אפשר ווייסט איר?
אין הײַזער, צי אין שטאַלן?
בײַם ים, צי אין פּרדסים?

וווּ טוען זיך פאַרשטעקן
בײַם טאָג-שײַן די שאַקאַלן,
וואָס נאַכט נאָך נאַכט די געגנט,
ווי שדים, זיי באַפאַלן.

זיי שעלטן און זיי וואָיען,
זיי קלאָגן ביז באַגינען.
ווען ס'נעמט דער הימל גראָען
איך קען זיי נישט געפינען.

כ'וויל מוסרן זיי, שטראָפן
און זאָלן זיי מיר זאָגן:
וואָס האָט בײַ זיי געטראָפן,
וואָס נאָר זיי וויינען, קלאָגן...

און לאָזן נישט אָן אויג אונדז
אַ גאַנצע נאַכט פאַרמאַכן...
כ'וויל בעטן: אָנשטאָט וויינען,
זיי זאָלן בעסער... לאַכן.

כאָטש וואָס איך זאָג נישט קיינעם
איך וויל אײַך שטיל פאַרטרויען:
כ'וואָלט אָפט מיט זיי אין איינעם
געוואָלט פאַר צרות וואָיען...

נאַר שוין געגנוג די טרערן,
שוין פול די מאָס פון ווייטיק,
אַ ביסעלע געלעכטער —
אָט דאָס איז שטאַרק אונדז נייטיק!

אַ ביסל פרייד... נאַר טאָמער
זיי קענען כלל נישט לאַכן,
כ׳בין מוחל זיי דעם יאָמער,
מיט אַלע זיבן זאַכן...

און זאָלן זיי די געגנט
פון זייער קלאָג באַפרייַען.
דאָ דאַרפן מענטשן לעבן,
נישט וואָיען ווילדע חיות...

אָט דאָס וויל איך זיי זאָגן
און קען זיי נישט געפינען...
איך זוך אַ גאַנצן טאָג זיי.
ווי וואַסער זיי צערינען...

ווּ ווּינען די שאַקאַלן? —
איך שלאָג אָפּ אַלע שוועלן —
אין הייַזער, צי אין שטאַלן?
צי אפשר אין האָטעלן?...

צי גאָר אין נחם תיבה?...
אויב נאַר אַ האַרץ פאַרמאָגט איר,
איז טוט זשע מיר די טובה
און זייער אַדרעס זאָגט מיר!

דזשעסי פּהן *

אַט ערשט נישט לאַנג שאַקאַלן פלעגן וואָיען
אין זאַמדן־וויסטעניש פון דזשעסי פּהן;

איצט לאַכן קינדערלעך און ס׳זינגען פרויען
אין טעג און אָוונטן אין דזשעסי פּהן.

און פון באַגינען רוישן דאָ מאָטאָרן
פון בוי־מאַשינען און פון ריזיקע טראַקטאָרן,

וואָס רײַסן זאַמד־בערג אויף, צעקרישלען סקאַלעס,
אַז ס׳ציטערן פון נאָענטן ים די כוואַליעס.

עס וואַקסן צריפים דאָ, מ׳בויט שאַסייען,
און ס׳רײַסן זיך צום הימל העלע בלאָקן־רייען,

און גראָזן גרינען שוין און גערטלעך בליִען,
און יונגעביימלעך צו דער זון זיך ציִען.

איז יעדעס ביימל אויפן זאַמד — אַ גרינער וווּנדער.
עס קומען טעג אַלץ דרייסטער, האָפערדיקער, מונטער:

די זאַמדן גליִענדע אין גאָלד פאַרוואַנדלען,
אין גערטנער פרוכטבאַרע פון ראָזשינקעס און מאַנדלען.

די שאַרפע זון־שטראַלן פאַרווישן שטיל די טרערן
פון שווערן הײַנט און טרויעריקן נעכטן.

* דזשעסי פּהן איז אַ נײַ־זיך־בויענדיקע געגנט פאַר פּריש־געקומענע
עולים אין חולון.

נאָך זענען שטיבלעך דאָ, ווו ביַי דער שײַן פֿון זונען
עס שרײַט די נויט אַרויס, ווי פֿון אַ טיפֿן ברונען.

נאָר ס'וואַקסט די האָפֿענונג אַ לויטערע צום הימל
פֿון יעדן נײַעם הויז, פֿון יעדן פֿרישן בלימל.

און ס'וואַקסן קינדערלעך דער זון אַנטקעגן
אויף זאַמדן גלײַענדע, אין חמסין־היץ, אָן רעגן,

ווי שלאַנקע ציפּרעסן, ווי רײַפֿע טרויבן,
וואָס לאַכן פֿול מיט זאַפֿט דורך זאַמד און שטויבן.

די גאַסן־הענדלער שרײַען: „אַלטע זאַכן!"...
און ס'קלינגען אין די געסלעך הונדערט שפּראַכן.

נאָר נישט קיין בבֿל־טורעם בויט מען דאָ אַ פֿרישן
און קיינער וועט די שפּראַכן נישט צעמישן.

איין שפּראַך פֿאַרשטייען אַלע, ס'איז די שפּראַך פֿון ווילן:
אַ היים צו בויען און אַ היים צו פֿילן.

אַז אונטער פּיס זאָל זײַן דער באָדן זיכער:
עס זאָל דאָס האַרץ נישט פֿלאַטערן אין יעדן וויכער.

עס וואַקסט אַ נײַע געגנט אונטער הימלען בלויע,
אַ זוניק אינדזל צווישן זאַמדן — דזשעסי כהן.

חולון, 1962

אונדזער יוגנט

קוקט אָן אונדזער יוגנט — צעזונגען, צעבליט —
די ליכטיקע שמייכלען, די פריידיקע טריט.

קוקט אָן אירע פאַרבן — אין זון־גאָלד צעשטראַלט —
די יינגלעך, די מיידלעך, ווי סאָסנעס — אַ וואַלד.

די לײַבער — פאַרברוינטע, די אויגן — פול זון.
קוקט אָן אונדזער יוגנט, ווי פריש און געזונט;

ווי דרייסט און ווי מונטער, ווי וווּנדערלעך־שיין.
עס קוועלט אָן דאָס האַרץ פון איר צויבער און חן.

דעם ריח פון פרילינג איר אָטעם פאַרשפּרייט.
זי צינדט און רײַסט מיט — מיט איר ריטעם און פרייד.

און זי, אונדזער יוגנט — פאָרויס אומעטום,
די ערשטע אין אַרבעט, אין לערע, אין רום.

מיט פענער צעכוואַליעט אין זוניקן גאָלד,
מאַרשירן די קינדער, די בעסטע פון פאָלק,

מאַרשירט אונדזער יוגנט — אַ ריי נאָך אַ ריי,
אַ פעסטונג פון פרײַנדשאַפט, אַ שלום־אַרמיי!

אַ טאָכטער פון ישראל

די שלאַנקע חיילת אילנה
מיט שטאָלצן געהויבענעם קאָפּ, —
עס נעמען די יאָטן פאַרליבטע
די אויגן פון איר נישט אַראָפּ.

די שלאַנקע חיילת אילנה,
מיט פרישקייט פון טוי אין קאַיאָר, —
עס זענען די מיידלעך מקנא
איר שימער פון גאָלד אויף די האָר;

די אויגן, וואָס שפּילן מיט צויבער,
איר לײַכטן געמאָסטענעם גאַנג,
איר דינע און בייגיקע טאַליע,
איר יעדע באַוועגונג — געזאַנג.

אַ פרילינג־ליד איז זי, אילנה,
מיט שטיפרישן, לויטערן חן;
אַ סאַברע מיט שמייכל פון חוצפּה
און זיסקייט, ווי האָניק אַליין.

און אָט — פאַר דער מלכּה פון שיינקייט
דאָס פאָלק האָט אילנהן געוויילט,
און ס'האָט מיט איר שטאָלץ און איר שׂמחה
דאָס לאַנד זיך מיט ליבשאַפט געטיילט.

איצט שײַנט, ווי אַ קרוין איר פּילאָטקע,
דאָס זונליכט זיך שפּיגלט אין איר;
אַ פראַכט־בלום אין כאַקי־מלבושים,
אַ מלכּה אין זעלנער־מונדיר.

און טאַנצט זי — די צאַרטע חיילת —
דאַן ווערט זי: אַ וויכער פון פרייד;
און לויערט דער טויט בײַ דער גרענעץ —
אין פײַער צו גיין איז זי גרייט.

חולון, 1964

וואָס קען וואַקסן אָן רעגן?

איך שפּאַן צווישן שטיינער — אויף זאַמדיקע וועגן
און זינג זיך דאָס ליד: „וואָס קען וואַקסן אָן רעגן?"

איך קוק און איך טראַכט: וואָס קען בליִען און גרינען
אין מדבר אין וויסטן — אין פלאַם פון חמסינען?

און פּלוצעם — אַ זע, צווישן בערגלעך, ווי סטויגן,
אַ פלאַם אַזאַ גרינער בליצט אויף פאַר די אויגן.

איך קלעטער און שטיק זיך מיט אָטעם דעם הייסן,
און אָט — איז אַ שפע פון גרינע פּרדסים.

און פּאַלמען, ווי פעכערס, און ציפּרעסן הויכע,
און פאַרביקע בלומען מיט ליכטיקע שמייכלען.

אויף צווייַגן, וואָס זוניק מיט ליכט זיך פאַרכליניען,
עס פלאַקערט דאָס גאָלד פון מאַראַנצן, ציטרינען.

און זאַפטיקע באַרן און עפּל און פלוימען,
וואָס שטיפעריש לאַכן אין זוניקע רוימען.

איך גיי אין דער חמימה מיט פרייד זיי אַנטקעגן,
באַוווּנדער דעם נס: ווי קען וואַקסן אָן רעגן?...

און כ'ענטפער זיך: יאָ, עס קען וואַקסן און גרינען
אין יידישן לאַנד אויך אין פלאַם פון חמסינען.

ווײַל מענטשלעכע פּראַצע און מיזאַמע שווייסן
באַפּרוכפּערן וויסטעס אין זומער דעם הייסן.

איצט זע איך שוין בולט און דאַרף מער נישט פרעגן.
ס׳ווערט קלאָר מיר דאָס ליד: „וואָס קען וואַקסן אָן רעגן?...”

1967

געזאַנג פון אַ טראַקטאָריסט

בין איך אַ טראַקטאָריסט,
איז מיר גוט — אַ חיות,
איך קען פירן מײַן מאַשין
מיט פאַרמאַכטע ווײַעס.

ווען איך פאָר אַרויס אין פעלד
קוועלן אַלע יאַטן,
ווײַל עס פאָלגט מיר מײַן מאַשין,
ווי אַ קינד — אַ טאַטן.

יעדעס שרײַפל לעבט בײַ מיר
אין דער מאַשינעריע.
— העי, ווער וויל פאַרמעסטן זיך?
קומט און זײַט אַ בריה!

ווען איך פאָר אַרויס אין פעלד
אַקערן צי זייען,
ווייסן מײַנע רעדלעך איינס,
אַז מען דאַרף זיך דרייען!

און אַז רעדער דרייען זיך,
ס׳רוישן די מאָטאָרן,
ווייס איך, אַז דאָס לאַנד וועט זײַן
זאַט אויף לאַנגע יאָרן!

און אַז זאַט וועט זײַן דאָס לאַנד,
זײַן וועט שטאָל און אײַזן,
וועלן מיר אין אונדזער מי
וווּנדער פיל באַווײַזן!

בין איך מיר אַ טראַקטאָריסט,
העלף איך און איך לערן
מיַינע יאַטן פליַיסיק זיַין,
וועלטן איבערקערן.

צי אין דרויסן שיַינט די זון,
צי עס הענגט אַ כמאַרע,
ס׳טראָגט מיַין טראַקטאָר זיך פאָרויס:
— היט זיך, מאַכט אַ וואַרע!

כ׳בין דער ערשטער אויפן פעלד,
ווען עס נעמט נאָר טאָגן.
ס׳קען נישט קיינער מיַין מאַשין
קיינמאָל איבעריאָגן.

מיט אַ ליד איך פאָר פון פעלד,
כאָטש איך בין פאַרמאַטערט,
און מיַין טשופּרינע אין ווינט,
ווי אַ פאָן צעפלאַטערט.

דער קיבוץ אין מי

ווי שיין ס׳איז דער פויגל אין שוווּנג פון זײַן פלי,
איז שיין אויך דער בוים אין זײַן פאַרביקן בלי,
נאָך שענער און רייצנדער איז ער דער בוים,
ווען גאָלד פון זײַן פרוכט שײַנט אין זוניקן רוים.

ווי שיין ס׳איז געווען די קיבוצישע פרייד
מיט יונגע, מיט רוישיקע הוראַס באַגלייט,
ווי שיין ס׳איז געווען זײַן יוגנט אין בלי,
איז שיין אויך דער קיבוץ אין רײַפקייט און מי.

עס לײַכטן געבײַען, עס שימערט דאָס פעלד
מיט גאָלדענע תבואות — אויף מײַלן צעהעלט,
און פרוכטן פון ביימער עס פאַלן אין קויש.
דער טראַקטאָר באַוועגט זיך אין ריטמישן רויש.

און שטאַלן מיט רינדער, און הינער אין לול.
מיט קינדערשער פרייד פול דער גאָרטן, די שול —
אַזוי ווי די פרייד פון דעם פויגל אין נעסט.
מיט פרײַנדשאַפט און ברכות באַגעגנט מען געסט.

ס׳האָט יעדער זײַן ווינקל, זײַן ראַדיאָ, זײַן בעט,
אַ שראַנק מיט מלבושים און טישן מיט זעט.
דאָך שווער איז דער טראָט, יעדער אבר איז מיד.
נאָך שעהען פון פראַצע קלינגט זעלטן אַ ליד.

עס שאַלן נישט הוראַס אַזוי ווי אַמאָל.
געעלטערטע מידקייט עס פילט זיך אין קול.
ווי פרוכטן, וואָס בייגן די צווײַג צו דער ערד —
עס בייגן זיך אַקסלען, מיט לאַסטן באַשווערט.

דער קיבוץ, ווי אַלטער געלײַטערטער ווײַן,
און פֿול איז דער שײַער מיט תבֿואה און שײַן.
די מי זײַנע שפּײַזט אונדזער דאָרף, אונדזער שטאָט,
ווי מאַמע איר קינד — פֿול מיט ליבשאַפֿט און גנאָד.

ווי שיין ס'איז דער פֿויגל אין שוווּנג פֿון זײַן פֿלי,
איז שיין אויך דער גאָרטן אין פֿאַרביקן בלי,
נאָך שענער די צײַטיקע פֿרוכטן פֿון בוים.
געוואָרן איז וואָר דער חלוצישער טרוים.

1967

אונדזער יידישער ים

דער ים אונדזער ייִדישער רעדט צו מיר ייִדיש.
ער איז אָפּט מיט אומרו פול, ווי מײַן געמיט,
און אָפּט — שטיל־פאַרחלומט, אַזוי ווי מײַן ליד איז,
און אָפּט, ווי אַ קראַטער, ער שטורעמט און זידט,

ווען איך פון די נאַצישע גרוילן דערצייל אים,
פון טײַערסטע מײַנע — אין פײַער צעשיידט...
ער פילט יעדן צער, ווען מיט אים כ׳קום זיך טיילן,
און טרייסט מיך מיט וואַרעמע, מענטשלעכע רייד.

ער גיסט אָן מיט גבורה פון שטאָל מײַנע גלידער,
פאַרשווענקט און ער לינדערט די לאַסט פון מײַן פּײַן.
ער גיסט אָן מיט בלוי און מיט זון מײַנע לידער.
די אויגן, ווי בעכערס, ער פילט אָן מיט שײַן.

בײַם ים כ׳האָב געלערנט זיך קעגנצושטעלן
און קעמפן מיט יעטוועדן מעכטיקן ווינט,
און שפּאַנען פאָרויס, ווי די רוישיקע וועלן,
און זוניק צו שמייכלען, אַזוי ווי אַ קינד.

1967

אַ שמועס מיטן ים

עס האָט מיך דער ים אויף אַ שמועס פֿאַרבעטן.
ער זאָגט מיר: מיר זענען דאָך בײדע פּאָעטן!
נאָר איך שרײַב אויף כוואַליעס מיט זון און מיט שטערן,
און דו אויף פּאַפּיר גיסט מיט לירישע טרערן.

איך שטורעמען קען און משוגע זיך וואַרפֿן...
און דו זאָגסט: „הלוואי זאָל מען עס נישט באַדאַרפֿן!..."
איך זינג און איך לאַך. איך קען גלעטן און שטראָפֿן,
און דו זינגסט בלויז שטילע, פֿאַרחלומטע סטראָפֿן.

דערפֿאַר קען מען מיך בעסער זען און באַנעמען,
ווי דיך מיט די לירישע, צאַרטע פּאָעמען.
דערפֿאַר קומט מען מיך בעסער פֿילן און הערן,
ווי דיך מיט דײַן טרויער און שטילע באַגערן.

מײַן ליד שמעקט מיט פֿרײַקייט פֿון ליכטיקע רוימען.
בײַ דיר לעבט די פֿרײַהייט נאָך בלויז אין די טרוימען.
איך לעב און וועל לעבן נאָך אייביקע יאָרן,
און דו מיט דײַן ליד קענסט צו ווײַט נישט פֿאַרפֿאָרן!

איך ענטפֿער: יאָ, אמת דאָס אַלץ, וואָס דו זאָגסט מיר,
נאָר צופֿיל די מענטשלעכע „דאַליע" באַקלאָגסט מיר.
דו, ים, קענסט נאָר עטוואָס אַרוים פֿון די ברעגן,
און איך אומעטום קען דאָך פֿרײַ זיך באַוועגן:

אויף ערד, אויפֿן וואַסער און ביז צו די שטערן.
דער האַר פֿון די וועלטן אַליין קען מיך הערן.
נאָר דאָך איז דיר בעסער — לעבסט אייביקע צײַטן.
איז לאָמיר זיך אפֿשר, מײַן טײַערער, בײַטן?! —

כ׳וועל ווערן אַ ים און וועל רוישן און שווימען.
און דו, ווי אַ מענטש, וועסט אַ ביסל זיך קרימען...
וועסט ווערן אַ ייִד און פֿאַרזוכן יסורים...
וועסט בעסער פֿאַרשטיין דאָן די שׂמחה פֿון פּורים...

דער ים טוט אַ לאַך און פֿאַרזשמורעט אַ וויִע:
— צו ווערן אַ מענטש איז אַ קליינע מציאה...
אַ ים כ׳בין געווען און אַ ים וועל איך בלײַבן,
און לאָמיר שוין אויפֿהערן שפּאַסן צו טרײַבן,

און לאָמיר צום אָנהייב זיך אומקערן ווידער,
צו דעם, ווי צו שרײַבן פּאָעמען און לידער.
ווי איך דאַרף מען שרײַבן — מיט דונערן, בליצן,
און נישט ווי איר: מענטשן — מיט טרערן און וויצן...

— אַ דאַנק, ליבער ים, ביסט אַן אמתער חכם! —
כ׳געזעגן זיך היים און פֿאַרשיט אים מיט שבחים —
דײַן עצה, מײַן פֿרײַנד, וועט אין שרײַבן מיר דינען!
איז בלײַב מיר געזונט — ביז די נײַע חמסינען!

1967

כ׳האָב פֿאַרפֿלאַנצט אַ ביימעלע

אויף די לאָנקעס זוניקע
יונגע ווינטלעך שטיפֿן.
אוי, ווער האָט עס מיר געבראַכט
היינט דאָס וויסטע בריוול?

ס׳רוט מיין טייערנס געביין
צווישן די טראַנשייען.
ס׳וועט מיך שוין זיין זיסער בליק
קיינמאָל נישט דערפֿרייען.

ס׳וועלן רעגנס פֿאַלן נאָך,
ס׳וועלן לייכטן בלומען,
נאָר צו מיר מיין טייערסטער
וועט שוין מער נישט קומען.

כ׳האָב פֿאַרפֿלאַנצט אַ ביימעלע
אויף מיין ליבסטנס נאָמען,
אפֿשר וועט אַ ביסל טרייסט
געפֿינען מיין נשמה?

איז אַדורך דער פֿרילינג שוין
אַ ליכטיקער, צעגרינטער,
נאָר מיין ביימל נאַקעט שטייט,
ווי אין מיטן ווינטער.

צייטיקן די סעדער שוין,
ס׳ווערן געל די באַרן,
נאָר מיין ביימל שטייט פֿאַרשעמט,
הערט נישט אויף צו דאַרן.

האָב איך קוואַל־וואַסער געבראַכט
און געפּרוּווט באַגיסן,
נאָר מײַן ביימל טריקנט אַלץ,
ס׳וועדט דאָס האַרץ צעריסן.

מיט מײַן אָטעם עס באַהויכט,
באַנעצט מיט מײַנע טרערן,
נאָר דאָס טויטע ביימעלע
וויל לעבעדיק נישט ווערן.

פֿרעג איך בײַ די שוועלבעלעך,
פֿרעג איך בײַ די קוויטן,
אָבער קיינער קען מיר נישט
דאָס רעטעניש באַשיידן.

פֿרעג איך בײַ די חברטעס,
פֿרעג איך בײַ דער מומען,
ביז עס איז מײַן טײַערסטער
צו חלום מיר געקומען.

זאָגט ער צו מיר: „ליובעניו,
די טרערן זאָלסט פֿאַרווישן,
נאָר מיט בלוט פֿון שונאס האַרץ
דאַרף מען עס באַגיסן!

וועט עס נעמען אויפֿלעבן,
וועט עס נעמען גרינען;
וועט דײַן טרײַ און ערלעך האַרץ
דאָן אַ טרייסט געפֿינען״.

דער שונא ביי די טויערן!

„דער שונא ביי די טויערן"

אשר שוואַרצמאַן

מיט אויטאָמאַט אין שטײַפער, פעסטער האַנט
עס וואַכן דרייסטע זין פון אונדזער לאַנד,
בײַם גרענעץ — פון באַהעלטעניש זיי לויערן:
דער שונא בײַ די טויערן!...

דאָס האַרץ פון מאַמעס — פול מיט שטאָלץ און צַעַר,
ווען קינדער זייערע, פאַרטײַעט, אין געפאַר,
מיט בליקן שפּיזיקע דעם נאַכט-חושך זיי בויערן:
דער שונא בײַ די טויערן!...

צו יעדן שאָרך איז וואַך זייער געהער —
צי שלײַכט זיך נישט אַ שאָטן מיט געווער
צו אויסלאָדן זײַן האַס דעם אומגעהויערן...
דער שונא בײַ די טויערן!...

עס קומען רוצחים מאָרדן גרוים און קליין
און לאָזן פון ישובים — אַש און שטיין...
נאָר ס'וואַכן זין, ווי פעסטונגען און מויערן:
דער שונא בײַ די טויערן!...

זיי היטן אונדזער רו און אונדזער מי —
די שטעט — אין בוי, די גערטענער — אין בלי,
אַז אונדזער קיום דאָ זאָל דורות דויערן!
דער שונא בײַ די טויערן!...

און פלאַקערט אויף אַ פײַער אין דער נאַכט
און פאַלט בײַ אונדז אַ זון אין הייסער שלאַכט,
טוט אַלעמען אונדז וויי און אַלע הערצער טרויערן...
דער שׂונא בײַ די טויערן!...

צו שלום רופט דאָס פאָלק אויף אונדזער ערד,
פאַרניכטעט ווערן זאָלן ביקס און שווערד!
נאָר ס׳ענטפערט „ניין!" דער פײַנט גאָר אָן באַדויערן...
דער שׂונא בײַ די טויערן!...

1967

נאָר דער, וואָס געפּילט האָט...

נאָר דער, וואָס געפּילט האָט אויף אייגענער הויט,
און ווער ס'האָט געזען מיט די אייגענע אויגן,
ווי ס'האָט רונד־אַרום אונדז באַלאַגערט דער טויט
און ענג אויפן האַלדז אונדז זײַן פּעטליע פאַרצויגן;
נאָר דער, װעלכער האָט דאַן מיט ציטער געהערט
די דראָונגען וויסטע — אין טאָג אומגעריכטן:
„מיר גייען פאַרווישן דאָס לאַנד פון דער ערד,
דאָס פאָלק פון ישׂראל ביז לעצטן פאַרניכטן!..."
נאָר ווער ס'האָט געזען אונדז בײַם ראַנד פון פאַרגיין,
קען איצט אונדזער פרייד פון נצחון פאַרשטיין.

אַ שפּליטער פון פאָלק, וואָס געמיטן דורך נס
האָט די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ, טרעבלינקע,
און האָט זיך אויף אַלט־נײַער היימערד באַזעצט —
דער פײַנט האָט פאַרמשפּט: אין ים צו דערטרינקען...
מיט לופעס די שײַן אונדז פון הימל פאַרשטעלט,
ווי לאַווע געשפּריצט האָט פון שׂונאים דער צאָרן,
און שטום האָט געקוקט און געשוויגן די וועלט...
נאָר ס'האָט זיך דאָס פאָלק אין געפאַר נישט פאַרלאָרן!
ווער ס'האָט אונדז געזען דאַן פאַרלאָזט און אַליין,
קען איצט אונדזער נס און די שׂמחה פאַרשטיין.

בלויז דער, וואָס געזען האָט אַ מאַמעס אַ בליק,
ווען זי האָט אָן טרער מיט איר זון זיך געזעגנט,
און האָט מיט אַ ברכה באַגלייט אים אין קריג —
אויף ווײַטע, מיט פײַער־פאַרגאָסענע וועגן;
בלויז דער, וואָס געזען האָט דעם בליק פון אַ פרוי,
וואָס האָט אויפן שלאַכט־פעלד איר ליבסטן פאַרלאָרן
און איז נישט געוואָרן פאַרלאָשן און גרוי,
אין קאַמף אים פאַרבײַטן — זי שווערט בײַ זײַן אָרון —
דער וויים, ווי געזיגט האָט אַ פאָלק, וואָס איז קליין,
דער קען אונדזער נס און דעם וווּנדער פאַרשטיין.

בלויז דער, וואָס געזען האָט, ווי צה״ל מיט מוט
אויף לעבן און טויט איז אין פײַער געגאַנגען
און האָט אונדזער קיום געשיצט מיט זײַן בלוט,
ווען ס׳איז אויף אַ האָר אונדזער לעבן געהאַנגען...
אונדז האָט אויך געשטאַרקט און געמוטיקט צום זיג
די שטים פון פאַרשניטענע ברידער — מיליאָנען.
דער רוף פון גיבורים: „קיין טראָט אויף צוריק!״ —
האָט זיגרײַך געפּלאַטערט אויף אונדזערע פאָנען.
ווער ס׳האָט דאָס געזען און געפילט אַלץ אַליין —
דער וועט אונדזער פרייד פון נצחון פאַרשטיין.

יאַנואַר, 1968

אָ, וויַזט זיך, אַדלערס יונגע!...

גע‏היי‏ליקט די פאַרשוווּנדענע ביַין
און זעכציק יונגע העלדן פון
דער אונטערוואַסער־שיף „דקר"

אַ וויסטע נאַכט האָט איַינגעהילט דאָס לאַנד,
דאָס האַרץ פון פאָלק אַ ציטער האָט געגעבן,
ווען ס׳האָט פון ים דער שווידערלעכער תּהום
פאַרשלונגען יונגע, צאַפּלדיקע לעבנס.

ס׳איז יעדעס לעבן, ווי אַ העלע זון,
אין סאַמע יונגן בלי פאַרשווּנדן,
און כוואַליעס האָבן צוגעדעקט דעם סוד...
נישטאָ קיין טרייסט צו לינדערן די ווּנדן.

ס׳איז נישט קיין וויַיטיק בלויז פון ליבסטע, פריַינט,
ס׳איז נישט קיין טרויער בלויז פון טאַטע־מאַמע,
ס׳איז יעדער זון — אונדז אַלעמען אַ זון,
און גאַר דאָס פאָלק עס ווייטיקט איצט צוזאַמען.

— פאַרטרויט אונדז, כוואַליעס ברויזיקע, דעם סוד!
צי הערט איר נישט די זיפצן און געוויינען?
ווּ זענען זיי — די טיַיערסטע? — דערציילט
אויף וועלכע גרונטן רוט זייער געביין איצט?

און אפשר האָט אַ רוצחיש־בייזע האַנט
פאַרכאַפּט זיי אין די בלויע וואַסער־טיפן,
און זייער רוף דערגרייכט נישט מער צו אונדז —
זיי וויגן זיך אין פיַין אויף פרעמדע שיפן...

דערציילט, דערציילט — פֿאַרהוילט קיין זאַך נישט מער,
און העלפֿט זיי אויף דער אויבערפֿלאַך זיך ווײַזן!
צו שווער דער סוד איז פֿאַר אַ מענטשלעך האַרץ,
אַפֿילו עס זאָל זײַן פֿון שטאָל און אײַזן.

אָ, ווײַזט זיך אָדלערס יונגע פֿון דער טיף,
דערציילט, פֿאַרטרויט, וואָס האָט מיט אײַך געטראָפֿן?
אָ, גיט אונדז כאָטש אַ צייכן בלויז, אַ ווונק,
און לאָזט דאָס האַרץ נישט אויפֿהערן צו האָפֿן.

און שטאַרקט אין אונדז דעם טליִענדיקן פֿונק,
אַז פֿריש, געזונט איר וועט צוריק נאָך קומען,
און אויפֿלײַכטן אין טרערן וועט די פֿרייד,
ווי זון אין טוי אויף צאַרטע פֿרילינג־בלומען.

אײַך צודריקן צום האַרץ וועט הײם דאָס פֿאָלק,
און איר וועט טעג און נעכט מיט אונדז זיך טיילן,
און פֿרייד וועט זײַן פֿאַר ווײ און צער — דער לוין,
אַ פֿרייד, וואָס אַלע ווונדן וועט פֿאַרהיילן!

פֿעברואַר, 1968

אויסצוגן פון אָפּשאַצונגען און רעצענזיעס וועגן דעם שאַפן פון לייב מאָרגנטוי

....„אַ שטילער, אַ באַשיידענער האָט מיר געוויזן זײַנע יונגע לידער אײַער פּינסקער לייב מאָרגנטוי און איך האָב דערקענט דעם איצטיקן יידישן פּאָעט פון פּאָלעסיע".

„איך האָב דערקענט דעם האַרציקן, אויפריכטיקן, ערגאָ ריכטיקן פּאָעט פון דער אָרעמער יידישער פּאָלעסיע, וואָס „האָט ליב יעדן שפּאַן פון איר זומפּיקן באָדן, כאָטש אָרעם און מאָגער איז, נעבעך, איר ערד", וואָס „האָט ליב אירע מוטנע און רואיקע טײַכן, ווי זיי איז ער ערנסט, פאַרבענקט און פאַרקלערט".

„ווייל איז צו דער ערד, וואָס ווערט געהייליקט דורך אַזעלכע פּאָעטן און זינגער, ווייל איז צו דער ערד, וואָס געבוירט זיי".

משה בראָדערזאָן:

„געלעגנהײַטס־באַגעגענישן" — „פּינסקער שטימע", 12טן יולי 1929

*

....„לייב מאָרגנטוי איז אַ קינד פון דער אָרעמער, שטילער און באַשיידענער פּאָלעסיע, וואָס האָט באַהאַלטן אין אירע טונקעלע וועלדער דאָס אומעטיקסטע ליד פאַר אונדזער פּאָעזיע".

„מאָרגנטויס ליד איז דער זיפץ פון די וואָלקנס אויפן פּאָלעסיער הימל. עס איז די ערשטע פּאָלעסיער מעלאָדיע אין אונדזער פּאָעזיע, וועלכע איז שוין אַזוי רײַך מיט ליטע, מיט וואָלין, אוקראַינע, גאַליציע און גרויס־פּוילן. עס איז אַרויסגעפּישופּט פון יאָדלע־וואַלד, פון די טײַכן, פון די הונדערטער סטאַוון און פון די בלײַענדיקע זומפּן. עס איז דער אומעט, וואָס קוקט אַראָפּ פון די שוואַרצע אַראָפּגערוקטע דעכער אויף די פּויערישע כאַטעס און פון די קליינע פרומע הײַזקעס אין די אָרעמע פּאָלעסיער יידישע שטעטלעך.

מאָרגנטוי דריקט אויס די שטימונג פון דער פּאָלעסיער לאַנדשאַפט — די שטימונג פון לײַכטער מעלאַנכאָליע, שרעק, תמימות, הילפלאָזיקייט, און קינדערשע פאַרוווּנדערונג. מאָרגנטויס פערז איז פּײַכט פון טרערן; ער איז אומעטיק אין פרילינג פונקט, ווי אין האַרבסט, פאַרנאַכט ווי אין מיטן העלן טאָג. ער איז אומעטיק אַפילו ווען ער שרײַט, אַז ער איז פריילעך. און דערפאַר, ווײַל ער איז שטענדיק אונטערגע־וואָרפן איין שטימונג, באַנוצט ער זיך תמיד מיטן זעלביקן מוזיקאַלישן אינסטרו־מענט, וועלכן ער, לייב מאָרגנטוי, האָט אויפגעהויבן פון געפאַלענעם (אויפן שלאַכט־פעלד פון פּאָעזיע) לייב נײַדוס. פונקט ווי דער ערשטער איז אויך דער צווייטער לייב קינדיש, תמימותדיק און צאַרט, פונקט ווי יענער האָט ער אויך ליב דעם בוים אין וואַלד און דאָס גראָז אין פעלד; זומער, ווינטער, פרילינג און האַרבסט

זענען זײַנע אייגענע פערזענלעכע איבערלעבונגען, און פונקט ווי יענער, איז ער אויך זייער מוזיקאַליש און אַלע פערזן וויגן זיך אויף ווייכע ריטמען".

„ניַידוסעס האַרף בײַ מאַרגנטויען אין די הענט שפּילט איצט דאָס ליד פון פּאַלעסיע".

ש. זאַראַמב :

— אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט צו לייב מאַרגנטוים בוך : „אויף פּאָלעסיער ערד", וואַרשע, 1937

*

...„לייב מאַרגנטוי איז אַ צאַרטער ליריקער. אַלס טרײַער תּלמיד פון לייב ניַידוס איז ער אין זײַנע לידער זייער שפּילעוודיק און ריטמיש".

„אַ ברייטן קינסטלערישע פּאַרמעסט פּאַרמאָגט אין דעם בוך „אויף פּאָלעסיער ערד" די גרויסע פּאָעמע „פּאָלעסיע". אויף קנאַפּע פערציק זײַטלעך צייכנט לייב מאַרגנטוי מיט אַן עפּישער רואיקייט, אינערלעכן ריטעם און מיט פיל וואַרעמקײַט זײַן גרויע, אָרעמע פּאָלעסיע".

„לייב מאַרגנטוי פירט פאַרבײַ פאַר אונדזער אויג זײַן גאַנץ היימלאַנד, געזען דורך די פיר צײַטן פון יאָר".

„די פּאָעמע „פּאָלעסיע" איז אַ ווערטפולער דענקמאָל פון אַ טאַלענטירטן פּאָעט, געשטעלט מיט גרויס ליבשאַפט זײַן אָרעמען היימלאַנד. די פּאָעמע ווײַזט, אַז לייב מאַרגנטוי איז בכוח זיך צו פאַרמעסטן אויף ברייטע לײַוונטן און זיי קינסט־לעריש אויסצופילן. ער איז דערווײַל דער ערשטער זינגער, וועלכער האָט זײַן גרויער אָרעמער פּאָלעסיע געגעבן אַזאַ שיינעם פּאָעטישן תּיקון".

נ. שטערנבערג :

„הײַנט" נומ. 157A, וואַרשע, 8טן יולי 1938

*

...„אַליין אַ קינד פון דער פּאָלעסיער ערד, האָט לייב מאַרגנטוי ליב די דאָזיקע ערד מיט אַלע זײַנע חושים און אינסטינקטן און דאָס בוך זײַנס : „אויף פּאָלעסיער ערד" איז איין ליבע־הימן פאַר אָט דעם לאַנד זײַנעם, צו וועלכן ער פילט זיך געבונדן מיט לײַב און לעבן. דאָס איז אַ בוך, וואָס דערמאָנט נישט אײנמאָל, אין עמאָציאָנעלן קערן זייערן און אין זייער געפיל־אַראָמאַט, אָן די פיל לידער, וואָס די בעסטע זין פון פוילן האָבן וועגן עס איז געזונגען וועגן זייערע היימישע פעל־דער און וועלדער, וועגן דער פויערישער כאַטע און שיינעם פוילישן האַרבסט".

„דאָס דאָזיקע בוך וואָלט מען געדאַרפט איבערזעצן אויף פויליש און עס פּרווון דערלאַנגען אונדזערע היימישע, געשוווירענע ייִדן־פאַרעסער און זיי ווײַזן, ווי אַזוי אַ ייִד, אַ ייִדישער דיכטער באַזינגט „זייער" היים, „זייער" ערד און „זייער" פויער".

„אין סך־הכּל : דאָס בוך „אויף פּאָלעסיער ערד" איז אַ שיינער צושטײַער צו דער רעגיאָנאַלער, ספּעציפיסטישער לאַנדשאַפט־דיכטונג אין דער ייִדישער פּאָעזיע".

בער שנאַפּער :

„דער באַזינגער פון „פּאָלעסיע" — „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 37, וואַרשע, 16טן סעפּטעמבער 1938

...„לייב מאַרגנטוי איז דער פּאָעט פון דער פּאָלעסיער לאַנדשאַפט, איינער פון די קרעפטיקסטע יידישע פּאָעטן פון יונגן דור, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אויף דער מאָדערנער יידישער קולטור".

„עס ציט די אויפמערזאַמקייט דער פרישער טאָן פון זײַנע פערזן, עס איז נײַ די לאַנדשאַפט פון זײַנע סטראָפן. די גרעסטע יידישע שוישפּילער טראָגן פאָר זײַנע פערזן אין אַלע עקן וועלט".

„דאָס בוך זײַנס: „אויף פּאָלעסיער ערד" איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען גע־וואָרן דורך דער קריטיק און אין אַלע אָפּשאַצונגען איז אונטערגעשטראָכן גע־וואָרן די אָריגינעלקייט פון די פּערזן, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעבראַכט די אייגנאַרטיקייט פון דער פּאָלעסיער לאַנדשאַפט".

„אין לייב מאַרגנטוי האָט פּאָלעסיע און די שטאָט פּינסק באַקומען איר ערשטן באַזינגער אין דער יידישער ליטעראַטור".

ש. ל. שנײַדערמאַן:

אינעם בוך: „טויזנט יאָר פּינסק", ניו־יאָרק, 1941, זײַט 363—362

*

...„די לייענער פון דער „פּאָלקס־צײַטונג" קענען גרעסערע אויסצוגן פון דעם ווערק, וואָס טראָגט אַרײַן אַ נײַע מעלאָדיע אין דער יידישער דיכטונג.

אין זאַפטיקע, קערנדיקע פערזן באַזינגט לייב מאַרגנטוי די פּאָלעסיער ערד, האַמערט אויס ווי פון שטיין פיגורן פון די אײַנוווינער פון דער דאָזיקער ערד; שילדערט מיט ליבע און וואַרעמקייט די פּאָלעסיער נאַטור, דאָרף, פעלד. פּאָ־לעסיער עפּאָס איז אין דעם דאָזיקן בוך רײַך פאַרטראָטן".

„נייע פּאָלקס־צייטונג:

וואַרשע, 24סטן יוני, 1938

*

...„דורות האָבן געלעבט בײַ די טײַכן פון פּאָלעסיע, אײַנגעזאַפּט איר אומעט, ליב געהאַט דעם חן פון איר גרויער נאַטור, ביז עס איז געקומען דער דיכטער און עס אויסגעזונגען".

„לייב מאַרגנטוי איז בײַ אונדז דער ערשטער און פאַרלויפיק אייציקער באַ־זינגער פון פּאָלעסיע".

„מיר וואַרטן ווײַטער אויף זײַנע געבענטשטע לידער, וואָס פרישן אונדז אָפּ, ווי טוי, ווי מאָרגן־טוי".

משה האַקמאַן:

„לייב מאַרגנטוי" — „פּינסקער וואָרט", 21סטן סעפּטעמבער 1935

...„עס זענען שוין פאַריבער קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר פון דער צײַט, ווען לייב מאַרגנטוי האָט אָנגעשריבן זײַן פּאָעמע : „פּאַלעסיע״. צוויי צענדליק יאָר, וואָס קאָנען זיך פאַרגלײַכן מיט יאָרהונדערטער, און דאָך רופט נאָך אַלץ אַרויס בײַ אונדז די דאָזיקע פּאָעמע אַ טיפע איבערלעבונג״.

„די פּאָעמע „פּאַלעסיע״ איז אַ קינסטלערישע סינטעזע פון אַ ברייטן שיל־דערונגס־פּאַרנעם, אין וועלכער די פּערזענלעכע איבערלעבונג פון דיכטער איז אָרגאַניש באַהאָפטן מיט דעם דרויסנדיקן אָביעקטיוון שטאָף. פון דאַנען די האַר־מאָנישע גאַנצקייט פון איר עפּישן און לירישן עלעמענט, פון דאַנען אויך די נאַטירלעכקייט פון אירע בילדער, וועלכע זעען אויס, ווי אַרויסגעוואַקסן פון עצם אינהאַלט.

דער קינסטלערישער אמת, מיט וועלכן דער דאָזיקער צושטאַנד און די דאָזיקע שטימונג זענען אַרויסגעבראַכט, די עכטקייט פון געפיל, די פּשטות פון בילד, דער אָרגאַנישער באַהעפט פון דעם עפּישן און לירישן מאָמענט — אַלץ צוזאַמען שאַפט דעם דויערנדיקן ווערט פון דער פּאָעמע.

מיט דער זעלבער עכטקײַט פון געפיל און מיט טיפן ליריזם צײכענען זיך אויך אויס די נאַטור־שילדערונגען און ליבע־לידער פון לייב מאַרגנטוי. די ליבע צום מענטש און צום לעבן קומט אויף אין זיי מיט נישט־געפעלשטער אוממיטל־באַרקייט, רירנדיקער פּשטות און אָפנהאַרציקייט״.

„לייב מאַרגנטוי באַזיצט אַ טיף געפיל פאַר מוזיקאַלישקייט, וואָס עס איז אַ ברכה פאַר יעדן דיכטער.

אַזוי געשעט אויך אין זײַנע קינדער־לידער, אין וועלכע די מעלאָדישקייט און ריטמישקייט פון פערזן הויבן נאָך מער אַרויס דעם אינהאַלט און שאַפן די גע־העריקע שטימונג.

לייב מאַרגנטויס קינדער־לידער, זענען געשריבן קלאָר און פּשוט, אָבער גלײַכצײַטיק אײַנפאַלעריש און מיט שעפערישער פאַנטאַזיע. סײַ זײַנע פאָלקס־מאָטיוון, ווי „דער פעטער עליע״, „דער שנײַדער און דער גביר״ און אַנדערע, סײַ די, וואָס זענען אויף הײַנטצײַטיקע מאָטיוון, צי אויף נאַטור־טעמעס, זענען דורכגעדרונגען מיט אמתער לעבנס־פרייד, מיט מענטשן־ליבע און טיפער אַכטונג פאַר מענטשלעכער מי. זיי פאַרמאָגן אויך אַ נאַטירלעכע אוממיטלבאַרע בילד־לעכקייט און שפּילעוודיקייט און אַ גוטע פאַרשטענדעניש פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון קינד״.

דוד ספאַרד :

„די דיכטונג פון לייב מאַרגנטוי״, אין בוך „סטודיעס און סקיצן״ פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1955, ז׳ 92—100

...„לייב מאַרגנטויס קינדער־לידער זענען ביז גאָר פאָלקסטימלעך, הומאָרפול, שפּילעווודיק און פאַרמאָגן אַ באַדײַטנדיקן דערקענטניש־ווערט. זײַן פּאָעמע: „דער שנײַדער און דער גביר" געהערט אָן שום ספק צו די בעסטע מוסטערן פון אונדזער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור".

„לייב מאַרגנטויס ביכל קינדער־לידער: „בײַ דער אַרבעט קלינגט דאָס ליד" איז אַ שיינע און אינטערעסאַנטע פּאָזיציע. אַ לידער־ביכל, וואָס פאַרמאָגט אַ סך מעלאָדישקייט, פאָלקס־געמיט און אָטעמט מיטן געזונטן אָפּטימיזם פון אַ שוווּנג־פול און פריידיק שעפעריש לעבן".

ש. לאַסטיק:

„לייב מאַרגנטויס קינדער־לידער", אין בוך „מיטן פּנים צום מאָרגן", פאַרלאַג: „ייִדיש בוך", וואַרשע, 1952, ז' 183—186

*

...„ווי אַ גאָלדענער פאָדעם ציט זיך אַדורך דורך לייב מאַרגנטויס בוך: „רויִנען אין זון" דאָס געזאַנג וועגן פּינאַ־טײַך. דאָס איז נישט סתם קיין באַזינגען די שיינקייט פון אַ טײַך, די נאַטור־אייגנטימלעכקייט פון דער פּאָלעסיער ערד. אין דעם דאָזיקן געזאַנג פילט זיך אַ טיפע צוגעבונדנקייט צו היים און ערד. אומעטום, ווו לייב מאַרגנטוי זאָל זיך נאָר נישט געפינען, גייט מיט אים מיט די וויזיע פון דעם פּינאַ־טײַך, פון די האָרעפּאַשנע פּאָלעסיער ייִדן, פון די פּאָלעסיער לאַנדשאַפטן, וועלכע ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אין משך פון יאָרן".

„אַ קאַפּיטל פאַר זיך זענען לייב מאַרגנטויס לידער אויף פאָלקס־מאָטיוון. נאָך „פּאָלעסיע" זענען דאָס די שענסטע שאַפונגען אין דעם בוך. עס פילט זיך בפירוש, אַז מאַרגנטוי האָט באַהערשט דעם דאָזיקן זשאַנר. מאַרגנטוי האָט נישט נאָר אַ פילבאַר אויג, ער האָט אויך אַ פילבאַר אויער און די מוזיקאַלישקייט פון זײַנע פערזן גיבן צו די לידער אויף פאָלקס־מאָטיוון אַ באַזונדערן חן.

אַזעלכע לידער געפינען מיר נישט זייער אָפט אין אונדזער ליטעראַטור".

משה שקליאַר:

„דער באַזינגער פון דער פּינאַ" (וועגן לייב מאַרגנטויס בוך „רויִנען אין זון"), „דאָס נײַע לעבן", נומ. 57 (338), וואַרשע, 1949

ביכער פון לייב מאָרגנטוי:

„אויף פּאַלעסיער ערד" — לידער און פּאָעמען, אַרויסגעגעבן דורכן מאָרגנטוי־בוך־קאָמיטעט אין פּינסק, וואַרשע 1937, מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. זאַראָמב.

„אסתרקע" — היסטאָרישע פּאָעמע, פאַרלאַג: שלמה שיינבערג, וואַרשע, 1939.

„אונטער פּאַלעסיער הימלען" — לידער און פּאָעמען, מלוכה־פאַרלאַג פון ווײַס־רוסלאַנד, מינסק, 1941.

„רואינען אין זון" — לידער און פּאָעמען, פאַרלאַג: „יידיש בוך", לאָדזש, 1949.

„ביי דער אַרבעט קלינגט דאָס ליד" — קינדער־לידער, מיט אַ פאָרוואָרט פון ד. ספאַרד, פאַרלאַג: „יידיש בוך", וואַרשע, 1951.

„אַלדאָס גוטס פאַר אײַך" — קינדער־לידער — פאַרלאַג: יידיש בוך", וואַרשע, 1957.

„צער און פרייד" — לידער און פּאָעמען, פאַרלאַג: „המנורה", תל־אביב, 1968.

אינהאַלט:

יובל־קאָמיטעט 5
אַרײַנפיר־וואָרט — י. צ. שאַרגעל 7
אַ וואָרט פון מחבר 9

אויף פּאָלעסיער ערד

אויף פּאָלעסיער ערד 13
ס׳איז נאַקעט נאָך די ערד 14
פרילינג 17
מיט די ערשטע פרילינג־ווינטן 19
כ׳האָב געוואָלט הײַנט אָנשרײַבן 20
איך וויל מיט אײַך זיך טיילן 21
האָט דאַרף זיך 22
סוף־זומער־פאַרנאַכטן 24
כ׳האָב ליב דעם דופט 25
יונג־האַרבסט 26
אין אַ רעגן־נאַכט 27
האַרבסט־גאָלד 29
אין רעגן־טעג 31
פײַכטער ווינט 33
שניי 34
פּאָלעסיער וועגן 35

פּאָלעסיע

פּאָלעסיע (פּאָעמע) 39
פּאָלעסיער האַרבסט 51
פּאָלעסיער ווינטער (פּאָעמע) 53
קאַראָלינאַ (באַלאַדע) 58
איך ליב דיך פּאָלעסיע 61
דער בוים פון גאון (באַלאַדע) 63
געזאַנג פון קדושים 69

אונדזער ליבע

אונדזער ליבע 75
ליבע (לויט לעאָפּאָלד סטאַף) 76
שיר השירים 77
קום אַרײַן אין מײַן האַרץ 79
ווי די זון אין מאַי 80
שיידונג 81

ווינטער־פאַרנאַכט 83
דײַן שמייכל 85
די בלומען וועלן בליען 86

ס׳איז גוט

ס׳איז גוט 91
גערא‍ַנגל 92
אַ תפילה 94
דאָס וואָרט 95
אומרויקער גײַסט 96
מאַמעשע הענט (לויט קורט טוכאָלסקי) 97
ווער פּילט דעם צער? 98
שלאָף 100
כ׳האָב פּײַנט די בערג אין נעפּל 102

ברויט

ברויט 105
שטענדיק 108
געזען האָב איך 110
עלנטע אין שטאָט 111

ערד אין פלאַמען

22־טער יוני 117
כ׳האָב נעכטן נאָך געהאַט 120
דושנע טעג 122
נקמה 123
צו מײַן פענצטער 125
דאָס טײַערסטע פאַר מיר 127
איך בין געווען אין פאַרק 129
אַ ברודער 131
אַ, טאַטע מײַנער, טײַערער! 132
אין בונקער 134
באַלאַדע וועגן מײַן טויטער מאַמע 136
פרילינג 139
פינסק 140
די לעצטע שלאַכט 142
כ׳איל זיך אָנשרײַבן אַ בריוו 144
צוריק אַהיים 147
ווען אויפזאַמלען וואָלסטו געקאָנט (צו י. ל. פּרץ) 148

זאָלן דורות געדענקען

גערעדט האָט דער טויט אויף דער דײַטשישער שפּראַך 151
זאָלן דורות געדענקען (פּאָעמע) 153

קינדער אין געטאָ 159
אויפשטאַנד אין געטאָ 160
אַ יידישע חתונה אין טרעבלינקע (באַלאַדע) 162
די העכסטע שטראָף 165
איך זוך אַ שטראַל 166
כ׳נעם פאַר ליב 168

מײַן זונעלע

זײַ אַ טרייסט מיר, מײַן קינד 173
וואָס איז פון דעם הימל בלויער ? 174
איך וויל זינגען דיר, מײַן קינד 176
אין די צווײַגן רוישט דער ווינט 181

דאָס וואַרעמסטע האַרץ

(לידער־ציקל)

דאָס וואַרעמסטע האַרץ 185

אַלדאָס גוטס פאַר אײַך

(קינדער־לידער)

קינדער 195
ס׳אַראַ בלויער הימל 196
מײַן גערטל 198
מײַן מאַמע האָט די פאָן געוועבט 200
אויף קאָלאָניעס 201
אַ קאַמבײַן 203
זון און וואַלד און קינדער 204
אַ זון און אַ רעגן 205
אַ בריוו פון אַ שול־קאָלאָניע 207
אַ, רעגנדל 209
שניט־צײַט 210
גייען קינדערלעך אין שול 212
ווידער אין שול 214
צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס (לויט ס. מאַרשאַק) 216
בויען קינדערלעך אַ באַן 218
מאַלינעס 219
איצט, גלעקל, נעם קלינגען (לויט מ. נעמיראָוו) 221
שמערקע דער פוילער (לויט ב. זאַכאָדיער) 222
האַרבסט 223
טראָגן שנייעלעך ליכט 224
אויפן גליטש 226
ערב פרילינג 227
באַרעלעך ווילן נישט פאַלן 229
דער פעטער שלום 230

ליד וועגן אַ זשוק 232
מיַין קעצל 234
אַ מענטש אַזאַ צעטראָגענער (לויט ס. מאַרשאַק) 235
מיַין וויַב, די טיר פאַרמאַך (לויט ס. מאַרשאַק) 238
צוויי שכנים (לויט ס. מאַרשאַק) 241
דער מילנער און זיַין אייניקל (לויט ס. מאַרשאַק) 244
קוילן (לויט האַננאַ אזשאָגאָווסקאַ) 246
בלעטערפאַל (לויט וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי) 247
קאַשטאַנעס (לויט וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי) 248
גוט מאָרגן (לויט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ) 249
מיַין מאַמע 250

מיַין פעטער עליע

מיַין פעטער עליע 255
מיַין פעטער עליע האָט אַ בוים 257
צו די קינדער עלנטע גייט דער פעטער עליע 259
געלע בלעטער 261
דער שניַידער און דער גביר 262

זוניקע הימלען

מיַין האַרץ — אַן אָנגעפילטער בעכער 275
ערד (אַראַד) 276
שאַקאַלן 277
דזשעסי כהן 279
אונדזער יוגנט 281
אַ טאָכטער פון ישראל 282
וואָס קען וואַקסן אַן רעגן? 284
געזאַנג פון אַ טראַקטאָריסט 286
דער קיבוץ אין מי 288
אונדזער יידישער ים 290
אַ שמועס מיטן ים 291
כ'האָב פאַרפלאַנצט אַ ביימעלע 293
דער שונא ביַי די טויערן 295
נאָר דער וואָס געפילט האָט 297
אָ, וויַיזט זיך, אָדלערס יונגע! 299